ביכער=פערלאַג „די וועלט".

ד. סיעדאי.

די ארבייטער-בעוועגונג אין ענגלאַנד.

איבערזעצט פון רוסיש דורך י. ראטהויזער.

ווילנא — 1906

דרוקעריי וויטווע און געברידער ראם.

Рабочее движенiе въ Англiи.

Переводъ съ русскаго.

Типографія „Вдова и братья Роммъ“, Вильна.
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № 1/2.
1906.

·I

דער אָנפאַנג פון דער גרויס־אינדוסטריע.

אין אָנפאַנג פון XVIII–טען יאָהרהונדערט איז די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער קליינער האַנדווערקעריי צושטערט און פערניכטעט געוואָרען דורך דעם אונגעהויערען וואוקס פון גרויסען האַנדעלס־קאַפּיטאַל.

די זעלבסטשטענדיגקייט און זיכערהייט פון קליינעם האַנדווערקערס לאַגע האָט געשטאַמט דערפון, וואָס דער האַנדווערקער האָט געאַרבייט פאַר בעשטעלער און ניט פאַר׳ן מארק. ביסלעכווייז האָט זיך אָבער די לאַגע אָנגעהויבען ענדערען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען ברייטע האַנדעלס־אויפטראַגען ניט נאָר צווישען בעזונדערע אינדוסטריע־צענטרען פון ענגלאַנד, נאָר אויך צווישען ענגלאַנד און גאַנץ אייראָפּאַ. עס האָט זיך געבילדעט אַ בעדייטענדע גרופּפּע האַנדווערקער, וועלכע האָבען שוין געאַרבייט ניט פאַר בעשטעלער נאָר פאַר די ווייטע מערק, וואָס האָבען זיך געפּעפּענט אַדאַנק דער האַנדעלס־ענטוויקלונג. פערשטעהט זיך, אַז די קליינע האַנדווערקער זענען ניט בכח זעלבסטשטענדיג אַוועקצופיהרען זייערע פּראָדוקטען אין די ווייטע דייטשע אָדער פראַנצויזישע האַנדעלס־שטעדט. צווישען זיי און די ווייטע אויסלענדישע מערק האָט געמוזט זיין אַ פערמיטלער. דאָס איז געוואָרען דער גרויסער קאַפּיטאַליסט, דער אויפקויפער. אויף אַזאַ אופן האָט צווישען דעם האַנדווערקער און פערברויכער אַריינגעדרונגען אַ קלאַס פערמיטלער, סוחרים.

וויבאַלד ס׳איז פאָרגעקומען אָט דיזע ענדערונג, האָט דער האַנדווערקער, פערשטעהט זיך, געמוזט פערלירען אַ טייל פון זיין זעלבסטשטענדיגקייט. די בעציהונגען פון אויפקויפער צו דעם פּראָדוצענט אַליין זענען דיזעלבע, ווי פון אַן עקספּלואַטאַטאָר צום עקספּלואַטירטען: פון היינט אָן בעקומט שוין ניט דער האַנדווערקער

דעם ג א נ צ ע ן ווערטה פון זיינע פּראָדוקטען, נאָר א ט י י ל פון איהם. די שמאַנט נעמט אראָב דער סוחר פאַר זיך. דאָס איז זיין האַנדעלס ר י ו ח.

דער פאָלקאָמער אונטערגאַנג פון דער מיטעל־אַלטערליכער האַנדוועקערייַ האָט זיך אָנגעהייבען אין דעם מאָמענט, ווען נעבען דעם קליין־בעטריעב איז אויסגעוואַקסען ד׳ גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע. אין ענגלאַנד איז דער פּראָצעס פאַרגעקומען אויף דעם פאָלגענדען אופן.

אין XIV–טען אונד און XV–טען יאָהרהונדערט האָט זיך די ענגלישע וואָל־אינדוסטריע שטאַרק ענטוויקעלט; די ענגלישע געוואַנד האָט ניט געהאַט קיין שום קאָנקורענט אויף די אייראָפּעאישע מערק. אראַנק דער פערגרעסערטער נאָכפראַגע, איז דער פּרייז פון וואָל געשטויגען אַזוי הויך, אַז די ערדאייגענטימער האָט אַסך מעהר געלוינט צו האַלטען שעפּסען איידער זייען תבואה. די ענגלישע לאָרדען האָבען טאַקע אָנגעהויבען פערקלענערען זייער אַקער־פעלר אין מאַכען פון זיי לאַנקעס פאַר די שעפּסען. זיך יאָגענדיג נאָך ריוח, האָבען די ענגלישע גוטהערציגע לאָרדען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט. זיי האָבען אראָבגעיאָגט זייערע אַרענדאַטאָרס פון די שטיקלעך ערד, אויף וועלכע זיי האָבען שוין אַזוי לאַנג געוואָהנט, זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען כדי צו־צונעמען ביי די שכנישע פויערים זייער ערדפערמעגען. דער רעזולטאַט פון דעם איז געוועזען, אַז א גרויסער שטח בעאַרבייטע פעלדער, וועלכע זענען געוועזען געדיכט בעפעלקערט מיט פויע־רים, זענען פערוויסטעט געוואָרען. די מענשען זענען פערשוואונדען געוואָרען און זייער אָרט האָבען פערנומען די שעפּסען. „די פריעד־ליכע שעפּסען", שרייבט איינער פון יענער צייט, „זענען געוואָרען ווילדע חיות, וועלכע פרעסען אויף די ענגלישע בעפעלקערונג".

וואוהין זשע איז אַהינגעקומען די אויסגעיאָגטע דאָרפישע בעפעלקערונג? פערשטעהט זיך, אַז פאַר איהר איז נאָר געבליבען דריי וועגען: 1) שטאַרבען פאַר הונגער, 2) ווערען נע ונד, לעבען פון נדבות, גנבות, אין גזלות, אָדער 3) פערקויפען די ביסעל כח דעם קאַפּיטאַליסט, אלס לוין־אַרבייטער. דער ערשטער אויס־וועג איז, פערשטעהט זיך, ניט אַזוי צוציהענד. וואָס אַנבעלאַנגט דעם אַנדערען וועג, האָבען אָבער די גרויזאַמע פערפאָלגונגען

פון דער רעגירונג, די טויזענדער טויט-שטראפען גיך אבגענומען דעם חשק פון די פערוואגעלטע פויערים צו זוכען אויף דעם אופן ברויט. הייסט דאס, אז זיי איז נאר געבליבען איין וועג, זוכען א פערדינסט, אלס לוין-ארבייטער. און ווירקליך, אלע ענגלישע אינדוסטריעלע צענטרען זענען געווארען איבערגעפילט מיט הונגעריגע מענשען, וועלכע האבען פארגעלייגט זייער ארבייטסקראפט פאר דעם ניעדריגסטען פרייז. פערשטעהט זיך, אז די גרויסע קאפיטאליסטען, די סוחרים, האבען זיך גלייך בענוצט מיט אזעלכע גינסטיגע אומשטענדען. אנשטאט אויפצוקויפען סחורה ביי דעם קליינעם האנדווערקער, האבען א סך אנגעהויבען צו גרינדען אייגענע ווערקשטאטען, בענוצענדיג זיך מיט דער שלעכטער בילי־גער ארבייטסקראפט פון דער ארויסגעיאגטער, ארבייטסלאזער ארמעע. אויף אזא אופן איז צוזאמען מיט די קליינע ווערקשטאטען אויסגע־וואקסען גרויסע אונטערנעהמונגען פון די קאפיטאליסטען—די מ א נ ו פ א ק ט ו ר (וואו מען האט נאך אלץ געארבייט אהן מאשינען).

די קאנקורענץ פון גרויסען קאפיטאל האט שטארק פארער־גערט די לאגע פון דער האנדווערק. צוליעב דעם, וואס דער ארבייטס-לוין איז געווען אזוי קליין און די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט אין די גרויסע אונטערנעהמונגען איז געווען פיל גרע־סער, האבען די קאפיטאליסטען געקענט פערקויפען זייערע פרא־דוקטען אסך ביליגער אײדער די האנדווערקער. צווישען די האנד־ווערקער און די קאפיטאליסטען ברעכט אויס א קאמפף: די האנדווערקער פאדערען מען זאל בעגרענצען דעם אינדוסטריעלען קאפיטאל; די קאפיטאליסטען פאדערען מען זאל געבען דער אינ־דוסטריע פאלע פרייהייט. נאר אזוי ווי די האנדווערקער זענען נאך דאמאלס געווען א וויכטיגע געזעלשאפטליכע קראפט, איז זיי כמעט איבעראל געלונגען מנצח זיין אין דעם קאמפף: עליזא־וועטע׳ס געזעץ פון 1562 אין ענגלאנד אונד א גאנצע רייהע בעש־טימונגען אין אנדערע לענדער האבען פערבאטען צו גרינדען גרויסע אונטערנעהמונגען אין די ערטער, וואו עס איז דא די האנדווערקס־צעכען. באלד אבער האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער נצחון איז געווען ניט קיין ווירקליכער. אמת טאקע אז די קאפיטאליסטען האבען נישט געקענט גרינדען מאנופאקטורען אין די שטעדט, וואו עס האבען עקזיסטירט די צעכען, נאר קיינער האט זיי אבער ניט

געשטערט גרינדען זייערע אונטערנעהמונגען אין די דערפער, קליינע שטעדטלעך, וואו קיין צעך־האנדווערקער זענען ניט געוועזען. און אפילו אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען איז אויך נאר געוועזען פערבאטען איינארדענען גרויסע אונטערנעהמונגען אויף דעם שטח פון שטאדט; הינטערן שטאדט און אפילו נעבען איהר האבען די קאפיטאליסטען געהאט די פאלקאמע מעגליכקייט צו גרינדען מאנו־פאקטורען. די קאפיטאליסטען האבען טאקע אויסגענוצט אט די אלע מיטלען.

קליינע דערפלעך זענען געווארען גרויסע מיטעל־פינקטען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן. זייערע קאנקורענטען — די צענטרען פון דער צעכען־האנדווערקער־פראדוקציאן זענען געווארען פערוויסט. ווייטער אזעלכע שטעדט, ווי לאנדאן אין ענגלאנד, פאריז אין פראנקרייך, וועלכע האבען געשפיעלט זעהר א וויכטיגע ראלע אין האנדעל, זענען געווארען ארומגעצוימט מיט א גאנצער רייהע זאגענאנטע פארשטעדט. די פארשטעדט, זיך געפינענדיג הינטערן שטאדט, זענען געוועזען פריי פון די צעך־סטאטוטען, און זיי זענען טאקע געוועזען איבערגעפילט מיט גרויסע אינדוסטריעלע איינריכטונגען. די בעפעלקערונג פון אט די פארשטעדט זענען בעשטאנען כמעט בלויז פון לוין־ארבייטער.

אויף וויפיעל עס האט זיך פערגרעסערט די גרויסע אינדוס־טריע, אויף אזוי פיעל איז אויך אויסגעוואקסען די מאכט פון די קאפיטאליסטען, און די רעגירונגען האבען זיך אנגעהויבען צו מאכען ניט וויסענדיג דערפון, וואס די גרויסע אונטערנעהמער האבען עובר געוועזען די צעך־סטאטוטען. פון דער אנדער זייט ווייטער, די האנדווערקער־מייסטער אליין, האבען אויך געטראכט צו ווערען קאפיטאליסטען און האבען בעגרענצט פאר די געהילפע די מעג־ליכקייט צו ווערען מייסטערס. אזוי אין ענגלאנד אין סוף פון 16־טען יאהרהונדערט האט נאר אפערמעגליכען מייסטערס א זוהן געקענט ווערען אליין א מייסטער. אויף אזא אופן איז ביסלעכווייז אויסגע־וואקסען דער אבגרונד צווישען די מייסטערס און זייערע געהילפע: די מייסטערס זענען אלץ מעהר געווארען גרויסע אונטערנעהמער — די געהילפע און די לעהר־אינגלעך זענען אראב צו דער מדרגה פון פשוטע לוין־ארבייטער.

א גרויסער טייל פרייע האנדווערקער זענען ענדליך אין גאנצען

אומגעקומען אונטער די קלעפּ פון קאַפּיטאל. גרויסע גרופּפּען האַנדוועַרקער זענען שוין פון לאַנגע צייטען געוועזען אַבהענגיג פון האַנדעלס-קאַפּיטאַל, און אַראַנק דער קאָנקורענץ פון דער גרויס-אינדוסטריע האַט דיזע אַבהענגיקייט צוגענומען ביי די מייסטערס יעדע זעלבסטשטענדיגקייט. די פרייע האַנדוועַרקער זענען געוואָרען אַרבייטער פון דער „הויז-אינדוסטריע“.

„הויז-אינדוסטריע“ הייסט אַזאַ מין אַרט קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן, ביי וועלכער דער אַרבייטער אַרבייט ביי זיך אין שטוב מיט זיינע אייגענע געצייג; ער בעקומט נאָר רויהע מאַטע-ריאַלען פון דעם אויפקויפער, וועלכער נעהמט ביי איהם צו די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען. אַט צו אַזאַ לאַגע פון „הויז-אַרבייטער“ איז געקומען אין אָנהויב פון XVIII-טען יאָהרהונדערט אַ גרויסער צאָהל פון די געוועזענע זעלבסטשטענדיגע ענגלישע מייסטערס. הויפּטזעכליך קען מען דאָס זאָגען וועגען די אַרבייטער פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע*).

די אַריינפיהרונג פון מאַשינען אין דער גרויס-אינדוסטריע, וועלכע האָט שטאַרק פערגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, האָט פערענדיגט דעם זיעג פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל איבער דער זעלבסטשטענדיגער האַנדוועַרקעריי.

דער גרעסטער טייל פון יענע מאַשינען, וועלכע זענען געווען בעזאָנדערס וויכטיג פאַר די אינדוסטריע, זענען ערפונדען געוואָרען אין XVIII-טען יאָהרהונדערט. דעריבער איז דיזער יאָהרהונדערט געוועזען הויפּטזעכליך אַ יאָהרהונדערט פון דער אינדוסטריעלער איבערקעהרעניש.

כדי צו בעווייזען מיט וואָס פאַר אַ ניכקייט און קראַפט ס'איז פאָרגעקומען די אינדוסטריעלע איבערקעהרעניש אין XVIII-טען יאָהרהונדערט, וועלען מיר אויספאָרשען איהר גאַנג אין דער ליין-אינדוסטריע אין ענגלאַנד.

אין אָנהויב XVIII-טען יאָהרהונדערט האָבען די שפּינער און וועבער נאָך געאַרבייט ביי זיך אין דער היים און, ווי געוועהנליך, אויך געהאַט דעריבער אַ שטיקעל ערד. קיין זעלבסטשטענדיגע אַרבייטער זענען זיי שוין אָבער פאַרט ניט געוועזען; זיי זענען נאָר

*) טעקסטיל-אינדוסטריע רופט זיך יעדע אינדוסטריע, וואו מען שפּינט אָ. וועבט העלבע נים איז פערעס, גאַנץ גלייך צי פון וואָל, צי פון פלאַקס אָדער בוים-וואָל.

געוועזן ארבייטער פון דער „הויז אינדוסטריע", אדער, ווי מען רופט דאס ביי אונז „קוסטארעס".

אין יאהר 1741 האט אוואיט ערפונדען א שפין=מאשין, ער האט אויסגעבויט א פאבריק, נאר גיך בדלות געווארען.

אין יאהר 1769 האט ארקרייט אריינגענומען אין די הענד אוואיט'ס ערפינדונג, האט איינגעריכטעט אין נאטינגהאם אן'אונטערנעהמונג, וועלכע איז אין גיכען אונגעהויער אויסגעוואקסען.

אין פערלויף פון צוואנציג יאהר איז אין ענגלאנד שוין געוועזען 143 בוימוואל=שפינערייען, מיט האנד=שפינעריי האט מען זיך אינגאנצען אויפגעהערט צו בענוצען.

די וועבעריי איז נאך געבליבען א האנד=ארבייט ביז אין אנהויב XIX־טען יאהרהונדערט. נאר שוין פון 1813, ווען הארראקס האט געמאכט וויכטיגע אויסבעסערונגען אין דעם מעכאנישען וועבשטוהל, וואס קארטראט האט ערפונדען, האט די האנדוועבעריי אלץ מעהר אבגעטראטען איהר ארט דער מאשין=וועבעריי.

הייסט דאס, אז ביז דער צווייטער העלפט XVIII־טען יאהרהונדערט איז אין ענגלענד ניט געוועזען קיין שום בוימוואל=שפינעריי און בוימוואל=וועבעריי=פאבריק. גאנצע מיליאנען ארבייטער האבען זיך פערנומען מיט שפינעריי און וועבעריי ביי זיך צו הויז.

אין אנהויב XIX־טען יאהרהונדערט בעגעגנען מיר שוין ניט קיין שום האנד=שפינעריי, און האנדוועבער געפינען מיר א גאנץ קליינע צאהל.

וואס איז זשע געווארען מיט די מילליאנען הויז=ארבייטער? וואס פאר א איינדרוק האט אויף זיי געמאכט די דאזיגע איבערקעהרעניש?

א קליינער צאל פון די פריהערדיגע הויז=ארבייטער האט געפונען ארבייט אין די נייע פאבריקען. וואס ס'איז אנבעלאנגט דער אונגעהויערער מאססע, וועלכע איז געבליבען אהן ארבייט, איז וועגען זיי גיט אונז די ענגלישע רעגירונג אליין קלארע ציפער. אין אנהויב XIX־טען יאהרהונדערט האט דער אסט=אינדישער גענעראל-גובערנאטאר געשריבען אין זיינעם א בעריכט: „די פעלדער פון אינדיען זענען בעדעקט מיט די ביינער פון די וועבער", וועלכע די פאבריקען האבען ארויסגעווארפען אויפ'ן גאס. אין דער אייגענער

צייט זענען אין ענגלענד אליין, לויט אפיציעלע ידיעות, אנ'ערך 900.000 ארבייטער פשוט אויסגעגאנגען פאר הונגער; זיי האבען ניט ווילענדיג אבגעטראטען זייער ארט די נייגעבארענע וועב־מאשינען פון קארטרייט־הארראקס. פון דעם קען מען שוין זעהען, וואס פאר א שרעקליכען חורבן עס האט אנגעמאכט די אינדוסטרי־עלע איבערקעהרעניש אין XVIII־טען יאהרהונדערט. בלויז אין דער ליין־אינדוסטריע און נאר אין ענגלאנד אליין האט די אינדוסטריעלע איבערקעהרעניש אומגעבראכט אסך מעהר מענשליכע לעבענס, איידער וועלכע ניט איז פון די שרעקליכסטע און בלוטיגסטע מלחמות, וואס זענען ווען ס'איז פארגעקומען פון מאמאעוו'ס הריגה ביז נאפאלעאן דעם I־טענס אנפאל פון יאהר 1812. דער איבערגאנג פון קלייינבעטריעב צו גרויס־אינדוסטריע האט געקאסט די ארבייטער אסך מעהר קרבנות, ווי די גרויזאמסטע מלחמות. ווען די העלדען פון דער „ערשטער קאפיטאל־אנזאמלונג" —די ענגלישע לארדען און ריזען פון דער אינדוסטריעלער איבערקעהרעניש אין XVIII־טען יאהרהונדערט, וואלטען געוואלט צוזאמענלייגען אט די ארבייטער און פויערים, וועלכע האבען אויסגעבעט מיט זייערע טויטע קערפערס דעם וועג פון זייער טריאומפאלען גאנג, וואלט אויסגעוואקסען אזא הויכער בארג, נעגען וועלכען די בעוואוסטע פיראמידען פון טאמערלאנען, וואלטען אויסגעזעהן ווי קלייינטשינקע קארליקעם.

II.

די אינדוסטריעלע איבערקעהרעניש אין XVIII-טען יאהר־הונדערט.

די ענגלישע ארבייטער־פעראיינען זענען ארויסגערופען געווארען דורך דער זאגענאנטער „אינדוסטריעלער איבערקעהרעניש" אין III יX-טען יאהר־הונדערט. די מאדערנע ארבייטער־בעוועגונג איז איבערהויפט אויסגעוואקסען אין דער עפאכע, ווען דער קליינער פראדוצענט האט צוליעב דער ענטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע פערלארען זיינע ארבייטס־געצייג, אויפגעהערט צו זיין בעל־הבית אויף די מאטעריאלען און זיינע אויסגעארבייטע פראדוקטען און האט דעריבער געמוזט ווערען אנ'ארעמער פראלעטאריער, וועלכער פערקויפט זיין ארבייטס־קראפט דעם קאפיטאליסט. אינדוסטריעלע

איבערקעהרעניש רופען מיר דעריבער אין יענע ווירטשאפטליכע איבערקעהרעניש, וועלכע האט אבגעשאפט דעם קליינעם זעלבסטשטענדיגען האנדהוועקער פון דער אלטער גוטער צייט און האט בעשאפען צוויי געגענזעצליכע קלאסען: א קלאסס קאפיטאליסטען—עקספלואטאטארס, אייגענטימער פון די ארבייטס-געצייג פון איין זייט, און א קלאסס ארעמע פראלעטאריער—פון דער אנדער זייט.

אם שארפסטען און שנעלסטען איז דיזע איבערקעהרעניש פארגעקומען אין XVIII-טען יאהר-הונדערט; דעריבער הויבט מען אן צו רעכענען די אינדוסטריעלע איבערקעהרעניש פון אט דעם יאהרהונדערט. מען דארף אבער בעמערקען, אז דער איבערגאנג פון דער מיטעל-אלטערליכער האנדוועקעריי צו דער נייעסטער גרויס-אינדוסטריע האט זיך אין גרעסטען טהייל פון די אייראפעישע לענדער אנגעהויבען א סך פריהער פאר דעם XVIII-טען יאהר-הונדערט (אין ענגלאנד, למשל, האט דאס זיך אנגעהויבען אין XIΛ-טען יאהרהונדערט) און געענדיגט האט זי זיך נאך נישט אפילו יעצט אויך. דער XVIII-טער יאהרהונדערט האט פערדינט דעם נאמען פון א „יאהר-הונדערט פון דער אינדוסטריעלער רעוואלוציע", ניט דערפאר, ווייל ער האט איין גאנצען פערניכטעט די אלטע אינדוסטריעלע ארדנונג, נאר דערפאר ווייל ער איז געוועזען דער ווענדונג-פונקט אין קאמפף פון דער האנדוועקעריי מיט דער גרויס אינדוסטריע. ביז דעם XVIII-טען יאהרהונדערט האט די האנדוועקעריי געהערשט אין לעבען פון אלע אייראפעאישע שטעדט, נאך איהם אבער האט זיך איהר ראלע געענדיגט און געענדיגט אויף אייביג.

וואס איז אזוינס געוועזען די מיטעל-אלטערליכע האנדוועקעריי, דורך וועלכע סבות איז זי פערשוואונדען געווארען, אבטרעטענדיג איהר ארט דער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע פון דער נייער צייט?

דער קלאסס מיטעל-אלטערליכע האנדוועקער איז צוטיילט געוועזען אויף דריי שיכטען: מייסטער'ס, געהילפע און לעהר-אינגלעך.

דער מייסטער איז אין דער זעלבער צייט געוועזען אי אנ'ארבייטער, אי אנ'אונטערנעהמער. די רויע מאטעריאלען, די ווערקשטאט, די ארבייטס-געצייג זיינען געוועזען דאס אייגענטום פון מייסטער און ממילא האט אויך צו איהם געהערט דער פראדוקט

פון דער אַרבייט. נאָר דאָס אייגענטום איז געווען ניט אַזוי גרויס, אַז דער מייסטער זאָל קענען לעבען פון דער עקספּלואַטאַציע פון לוין־אַרבייט; ער האָט דערביי אויך גענומען אַרבייטען צוזאַמען מיט זיינע טעליכן מיטהעלפער. דאָס הייסט, אַז דער מייסטער, זייענדיג פריי פון יעדער אויסערליכער עקספּלואַטאַציע, האָט אַליין ניט געקענט ווערען קיין עקספּלואַטאַטאָר אין אמת'ען זין פון וואָרט. ניט זייענדיג ניט קיין קאַפּיטאַליסט און ניט קיין פּראָלעטאַריער ענטהאַלט ער אין זיך דאָס קערנדעל פון ביידע קלאַסען. פון איהם קען אויסוואַקסען אי אַ קאַפּיטאַליסט, אי אַ פּראָלעטאַריער. עס ווענדט זיך נאָר אין דעם, אויף וואָס פאַר אַ באָדען עס פאַלט דאָס קערנדעל.

דער מיטעל־אַלטערליכער האַנדווערקער אַרבייט ניט פאַר אַ ווייטען אונבעקאַנטען מאַרק, נאָר פאַר אַ בעשטימטען קרייז בעשטעלער, וועלכע ער קען אַליין פּערזענליך. דיזער אומשטאַנד איז זעהר וויכטיג. נאָכפאָרשען נאָך די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אויף דעם ווייטען מאַרק, גאַנצע חדשים וואַרטען ביז עס וועט זיך פערגרעסערען די נאָכפראַגע אויף זיינע סחורה איז דער קליינער האַנדווערקער ניט בכח, דען ער האָט ניט דעם נויטיגען געלד־פאָרראַט דערצו. קומט אויס, אַז ווען דער האַנד־ווערקער וואָלט בעדאַרפען אַרבייטען פיר דעם מאַרק, וואָלט ער יעדער מינוט געשטאַנען אין געפאַהר צו ווערען בדיל־דל. פערקערט אַבער, ווען ער האָט אַ בעשטימטע צאָל קונים, וועלכע שאַפען אַ שטענדיגע נאָכפראַגע אויף זיינע פּראָדוקטען, איז זיין לאַגע אַ סך פעסטער און זיכערער.

יעדער האַנדווערקער, איידער ער איז געוואָרען אַ מייסטער, האָט ער געמוזט דורכגעהן די מדרגה פון אַ „לעהר־אינגעל" און פון אַ „געהילף". יעדער לעהר־אינגעל ווייטער האָט געהאַט די מעגליכקייט, נאָך דעם ווי ער האָט געענדיגט די גאַנצע לעהר־צייט, צו ווערען אַ געהילף, און, אָבאַרבייטענדיג אַ געוויסע צייט ביי פערשיעדענע מייסטערס האָט יעדער געהילף גע־אַט דאָס רעכט אָבצוגעבען עקזאַמען און ווערען אַ זעלבסטשטענדיגער מייסטער. די לעהר־אינגלעך און געהילפע האָבען אויף אַזאַ אַ פן ניט געבילדעט קיין זעלבסטשטענדיגע און אָבגעזונדערטע קלאַסען; זיי האָבען זיך נאָר געפונען אין אַן איבערגאַנגס־שטופע צו דער

מדרגה—מײַסטער. די צעך־סטאַטוטען און די רעגירונגס־געזעצען האָבען זיך זייער בעזאָרגט וועגען דעם, אַז יעדער געהילף און יעדער לעהר־אינגעל זאָל באמת קענען ערגרייכען די מדרגה פון אַ זעלבסטשטענדיגען מײַסטער.

ווען אַ מײַסטער וואָלט צופעליג אָנגעזאַמעלט אַזוי פיעל געלד, וועלכע גיט די מעגליכקייט צו ווערען אַ קאַפּיטאַליסט, וואָלט אַזאַ אומוואַנדלונג ניט געקענט פאָרקומען, דען, לויט די מיטעל־אַלטערליכע געזעצען, האָט איין מײַסטער ניט געטאָרט האָבען מעהר ווי צוויי, דריי געהילפען און עטליכע לעהר־אינגלעך. (אין ענגלאַנד לויט דעם געזעץ פון עליזאַבעטאַ פון יאָהר 1562־טען האָט יעדער מײַסטער געמוזט האָבען איף יעדע דריי לעהר־אינגלעך איין געהילף). די אינטערעסען פון געהילפען אונד לעהר־אינגלעך כל זמן זיי זענען נאָך געוועזען אין דעם איבערגאַנגס־צושטאַנד, זענען אויך פערטהיידיגט געוואָרען דורך די מיטעל־אַלטער געזעצען. דער מײַסטער האָט געמוזט שפּײַזען דעם געהילף פון זײַן טיש, דער אַרבייטס־טאָג איז געוואָרען בעגרענצט. (אין ענגלאַנד האָט דער אַרבייטס־טאָג זומער־צײַט ניט געטאָרט זײַן לענגער, ווי 12 שעה, ווינטער ניט מעהרער פון דער זונאויפגאַנג ביז זונ־אונטערגאַנג). די שכירות פון געהילף איז אויך ניט געווען אָבהענגיג פון מײַסטערס ווילקיר. לויט די מיטעל־אַלטערליכע סטאַטוטען האָט יעדערער געהאַט דאָס רעכט צו פאָדערען אַ „גערעכטען' לוין, און די פרידענס־ריכטער האָבען בעדאַרפט בעשטימען די נאָרם פון דיזען „גערעכטען" לוין.

.III

די ענטשטעהונג פון די אַרבייטער פעראיינען.

דער גאַנצער פון די קלאַסען־אינטערעסען וואַקסט אויס נאָך איידער עס הויבט זיך אָן די מאַשין־אינדוסטריע. נאָך אין פעריאָד פון דער האַנדוועלקער־פּראָדוקציאָן איז אויך שוין פאָר־געקומען, ווי מיר האָבען געזעהן, די צוטיילונג פון האַנדווערקער אויף בעל־בתים און אַרבייטער, וועלכע האָבען שוין ניט געהאַט קיין שום האָפנונג צו ווערען זעלבסטשטענדיגע אונטערנעהמער. פון דער צײַט, ווי צו ווערען אַ מײַסטער איז געוואָרען מעגליך

נאָר פאַר די קינדער און קרובים פון די מײַסטערס, הויבען זיך
אָן אָנצוזאַמלען גרויסע קאַפּיטאַלען אין די הענד פון די מײַסטערס,
און דאָס ווידער פערגרעסערט דעם אָבגרונד צווישען דעם בעל-
הבית—דעם מײַסטער און דעם אַרבײַטער דעם געהילף.

אין דער עפּאָכע, ווען עס וואַקסט אויס די וואַנד צווישען דעם
זעלבסטשטענדיגען מײַסטער און לוין-אַרבײַטער, וואַקסט אויך אויס די
אַרגאַניזירטע אַרבײַטער-בעוועגונג. אַזוי אין שנײַדער-פאַך האָבען און
XVIII-טען יאָהרהונדערט געקענט ווערען מײַסטערס נאָר די אַרבײַ-
טער, וועלכע האָבען געהערט צו אַ גאַנץ קלײנע גרופּפּע צושנײַדער;
די גאַנצע איבעריגע אַרבײַטער-מאַססע האָט נישט געקענט אפילו
האָפען אַמאָל ערײַכען די מדרגה פון זעלבסטשטענדיגע פּראָדו-
צענטען. גאָר טיעף איז געוועזען דער אָבגרונד צווישען די מײַסטער
און געהילפע און די שנײַדערײַ. ווערקשטאַטען, וועלכע האָבען
געאַרבײַט פאַר די פערמעגליכע בעפעלקערונג פון לאָנדאָן. צו דיזער
אַרבײַט האָט מען געמוזט האָבען אַ היבשען קאַפּיטאַל. און טאַקע
אין יאָהר 1720-טען האָבען די לאָנדאָנער שנײַדער-מײַסטערס זיך
בעקלאָגט אין פּאַרלאַמענט, אז אַנ'ערך פון 7000 געהילפע האָבען
געגרינדעט אַ אונגעזעצליכען פעראײַן מיט דעם ציעל צו פערגרעסע-
רען דעם אַרבײַטס-לוין און צו פערקלענערען דעם אַרבײַטס-טאָג.
דער פּאַרלאַמענט האָט בעפרידיגט די בקשה פון די מײַסטערס;
מען האָט בעשטימט די העכסטע נאָרם אַרבײַטס-לוין און מען האָט
געזעצליך פערבאָטען אַריבערצושטײַגען די נאָרם. עס זענען אויך
פערבאָטען געוואָרען אַ'ערלײַ אַרבײַטער-אָרגאַניזאַציעס, נאָר די
שנײַדער-געהילפע זענען געוועזען אַזוי שטאַרק, אז ניט קוקענדיג
אויף אַלע פערבאָטען, האָט זײער אָרגאַניזאַציע ווײַטער עקזיסטירט
און זאָגאָר פערברײַטעט איהר טהעטיגקײַט. אין יאָהר 1810 האָט
איין מײַסטער ערקלערט דער פּאַרלאַמענטס-קאָמיססיע, אז דער
שנײַדער-פערבאַנד עקזיסטירט שוין כסדר אין אַ משך פון הונדערט
יאָהר.

נאָך אַ בײַשפּיעל וועגען די שטאַרקייט פון די אַרבײַטער אָר-
גאַניזאַציעס אין אָנפאַנג פון XVIII-טען יאָהרהונדערט האָבען מיר
אין דעם אַרבײַטער-פעראײַן פון וואָל-מאַנופאַקטורען אין מערב-
ענגלאַנד. די וואָל-אינדוסטריע אין דעם געגענד האָט געטראָגען
דעם כאַראַקטער פון הויז-אינדוסטריע, נאָר אין עטליכע אָבטײלונגען

פון דער אינדוסטריע האט עקזיסטירט מאשין=ארבייט. *) נאר אלענפאלס איז פון זעלבסטשטענדיגע קליינע האנדווערקער און דער וואל פראדוקציאן שוין קיין זכר ניט געבליבען: אויף אזא אופן איז שוין דא אויך גרייט געוועזען דער באדען פאר אנ'ארבייטער=פער=איין צוליעב דעם, וואס די אונטערנעהמער זענען געוועזען אין גאנ=צען אבגעטיילט פון די ארבייטער, און וואס די ערשטע האבען שוין פערמעגט א היבשען קאפיטאל. ווי עס ווייזט אויס, האט דער ארבייטער פערבאנד פון דער געוואנד-אינדוסטריע געארבייט זעהר ענערגיש. אין די פארלאמענטארישע בעריכטען פון יאהר 1717 געפינען מיר אסך טענות געגען די וועבער פון סאמערסעטשיר און דעוואנשיר, וועלכע האבען זיך פעראייניגט אין א קלוב פון עטליכע טויזענד „בינטאווששיקעס". האפענדיג צו פערשטיקען דעם פעראיין מיט דער קראפט פון קעניגליכען אויטאריטעט האט דער פארלאמענט אין יאהר 1718 געצוואונגען דעם קעניג ארויסצולאזען א שארפע פראקלאמאציע, וועלכע איז פול מיט צארן געגען די „אונגעזעצליכע קלובען און פעראיינען, וועלכע טרעטען פערברעכע=ריש ארויס געגען געזעץ און רעגירונג, ווי א באנדע פערשווערער און נעמען זיך דאס רעכט צו קאמאנדעווען אין דער האנדווערקעריי" און אז. וו. אין די פארלאמענטארישע בעריכטען פון 1723 און 1725=טען יאהר געפינען מיר ווייטער טענות געגען די געוואנד=ארבייטער=פעראיינען. דיזע פעראיינען האבען כסדר עקזיסטירט אין משך פון גאנצען XVIII-טען יאהרהונדערט. זיי זענען נאר פערשוואונדען געווארען אין אנהויב XIX-טען יאהרהונדערט, ווען די מאנסלייט זענען ארויסגעשטויסען געווארען פון די וועב=ווערקשטאטען דורך די פרויען.

די פעראיינען פון די שניידער און געוואנד=ארבייטער אין אנהויב XVIII-טען יאהר=הונדערט בעווייזען בעשיינפערליך, אז די ארבייטער=בעוועגונג האט געקענט ארויס=וואקסען נאך איידער מען

---

*) די רויע מאטעריאל פלעגט שפינען איין גרופפע ארבייטער, וועלכע האבען געארבייט ביי זיך צו הויז. די אויסגעשפינטע מאטעריאל פלעגט מען איבערגעבען די וועבער, וועלכע פלעגען אויך, ווי די שפינער, ארבייטען ביי זיך אין דער היים. די געוואנד פלעגט מען אבשיקען אויף'ן פאבריק, וואו מען פלעגט זי סטעמפען (קרעמפלען) און נאכהער ווייטער איבערגעבען האנדארבייטער, וועלכע פלעגען זי פערענדיגען און איהר צו געבען לעצטען געשטאלט.

האט איינגעפיהרט מאשינען. אין דער געוואנד=אינדוסטריע און איבערהויפט אין דעם שניידער=פאך זענען א מאססע ארבייטער געוועזען פערנומען מיט האנד־ארבייט, און אויב די ארבייטער האבען דאך געקענט אויסארבייטען א שטארקע ארגאניזאציע, ליעגט די סבה דערפון אין דעם, וואס די אייגענטימער פון די אונטערנעהמונגען זענען אויך אין גאנצען אבגעטיילט געווארען פון דעם קלאסס ארבייטער, און דער ארבייטער האט נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט צו ערדייכען די מדרגה פון א זעלבסטשטענדיגען אונטערנעהמער. אז דאס איז באמת אזוי געוועזען, אז די ארבייטער=בעוועגונג איז פעסט פערבונדען מיט דער ענטשטעהלונג פון קלאססען=ווידערשפרוכען, זעהען מיר שוין פון דעם, אז אין די אינדוסטריע=צווייגען, אין וועלכע עס האט נאך אין גאנצען עקזיסטירט דער מיטעל אלטערליכער האנדווערקער=כאראקטער, זענען ניט אויסגעוואקסען קיין שום ארבייטער=פעראיינען.

אין א הויכסט געדריקטער לאגע האבען זיך למשל געפונען די ענגלישע שפולקע־מאכער און שוסטער, און פונדעסטוועגען בעמערקען מיר נישט קיין שום פראבע פון אנ׳ארגאניזירטען קאמפף פאר בעסערע לעבענס=בעדינגונגען. די סבה דערפון איז גאר פשוט: די שפולקע=מאכער און שוסטער זענען געבליעבען זעלבסטשטענדיגע קליינע האנדווערקער. אויב אזוי, אויב די ארבייטער=בעוועגונג וואקסט אויס נאך איידער מען הויבט אן זיך צו בענוצען מיט מאשינען, קען שוין גאר קיין ספק ניט זיין אז די מאשין, וועלכע צווינגט דעם ארבייטער איבערגעהן פון זיין שטוב אין דער פאבריק פון קאפיטאליסט, האט נאך מעהר פערשארפט דעם קלאססען=האס און האט דעריבער געדינט אלס א מעכטיגע טרייב=קראפט פאר די ענטוויקלונג פון די ארבייטער=פעראיינען. דאס בעוויזען אונז שוין די פשוטע פאקטען: אין יארקשיר, וואו עס האבען ניט עקזיסטירט קיין שום ארבייטער=ארגאניזאציעס אין דער צייט פון האנד=ארבייט, איז אין יאהר 1794, צוזאמען מיט דער אריינפיהרונג פון מאשינען, אויך געגרינדעט געווארען א געוואנד־ארבייטער=פעראנד. די ענטוויקלונג פון דער פאבריק=סיסטעם אין דער בוים=וואל=שפינערייי האט ארויסגערופען דעם פעראיין פון די בוימוואל=שפינער אין 1780־טען יאהר.

די מאשין=אינדוסטריע האט א גאנצע רייהע איינגעשאפטען,

וועלכע רופען ארויס אין לעבען רעגעלמעסיג פונקציאנירענדע ארבייטער=ארגאניזאציעס. דאס אליין, וואס אסך ארבייטער נעמען זיך צוזאמען אין איין פאבריק=געביידע, פערלייכטערט בעדייטענד די גרינדונג פון ארבייטער=פעראיינען. אויסערדעם, ביי דער האנד=ארבייט און איבערהויפט ביי דער סיסטעם פון הויז־אינדוסטריע האט דער ארבייטער נאך א שאטען פון זעלבסטשטענדיגקייט: ער האט נאך וואסערע ניט איז אייגענע ארבייטס=געצייג, אמאל נאך א הייזעל און אפשר א שטיקעל ערד אויך. דאס שטיקעל אייגענטהום, אמת, שטעלט איהם ניט אין א בעסערע לאגע אים פערגלייך מיט דעם ווירקליכען פראלעטאריער; דערפאר אבער שטיצט דיזעס אייגענטהום אין איהם די האפנינג, אז ער וועט זיך מיט זיינע אייגענע כחות דערשלאגען צו דער לאגע פון א זעלבסטשטענדיגען פראדוצענט. דער אמת'ער פראלעטאריער פון דער פאבריק=אינדוסטריע געפינט זיך אין א גאנץ אנדערער לאגע; ער האט שוין פערלארען די האפנונג צו ווערען א קאפיטאליסט. ער זעהט קלאהר, אז ער קען זיך ניט ארויסרייסען פון די פראלעטאריער־רייהען.

דערמיט איז די ראלע פון די מאשינען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער=בעוועגונג נאך ניט געענדיגט. די בעדייטענסטע ווירקונג, וואס די מאשין־אינדוסטריע האט געהאט אויף די ארבייטער, האט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואס א דאנק דער פאבריק=סיסטעם איז מעגליך געווארען עס זאלען זיך פעראייניגען אלע ארבייטער פון א גאנצען לאנד, אדער אפילו פון דער גאנצער וועלט אויף דעם באדען פון א געמיינזאמער פאליטישער און סאציאלער פראגראם. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס אין דער עפאכע פון האנד־ארבייט איז דער ארבייטער=קלאסס געוועזען ניט איינארטיג: צוזאמען מיט די געלעהרטע געהילפע, וועלכע האבען בעקומען א הויכען לוין, איז געוועזען א אונגעהויערע צאהל ארבייטער, וועלכע האבען כמעט ניט געקענט קיין שום מלאכה. די אינטערעסען פון די ביידע שיכטען פון ארבייטער=קלאסס זענען דעריבער געוועזען ניט נאר ניט קיין גלייכע, נאר זאגאר געגענזעצליכע. די ארבייטער, וועלכע האבען בעקומען א קליינעם לוין, האבען געשטרעבט צו ערגרייכען די מדרגה פון די פריווילעגירטע און די לעצטע האבען אין דער זעלביגער צייט צוזאמענגענומען אלע זייערע כחות זיך צו פערהיטען פון דער קאנקורענץ

פון די נים געלערנטע ארבייטער. פערשטעהט זיך, אז דיעזע פיינדליכע גרופפעס האבען זיך בשום אופן נים געקענט פעראייניגען.

ווען עס וואקסט אויס די מאשין ארבייט, פאלט ניך אראב די בעדייטונג פון די גוט-געלערנטע ארבייטער. די מאשין נעמט אויף זיך צו ערפילען די שווערסטע אפעראציעס און מאכט דעם ארבייטער בלויז פיר איין צוגאב, וועלכער דארף נור מאכען איינפאכע בעוועגונגען. דער ארבייטער ביי דער מאשין שפיעלט נאר די ראלע פון עטליכע שרייפלעך און רעדלעך, וועלכע דער ערפינדער האט נאך נים ענדעקט.

פערשטעהט זיך, אז אזא מין ארבייט פאדערט אסך וועניגער פארבערייטונג, ווי די ארבייט פון האנדווערקער, וועלכע איז זעלבסטשטענדיג פון אנהויב ביז'ן סוף. למשל אנ'ארבייטער פון א שפינעריי-פאבריק דארף גאר נישט קענען די ארבייט פון א האנד-שפינער; אויף דער פאבריק קומט פאר די גאנצע שפינעריי-ארבייט דורך א שטול, וועלכער ארבייט אליין. דער ארבייטער דארף נאר קוקען צו עס האט זיך ערגעץ וואו נים אבגעריסען א פארעם.

הייסט דאס, אז וואס מעהר די מאשינען האבען ארומגענומען איין אינדוסטריע-צווייג נאך דער אנדערער, אלץ מעהר פערנעמט דעם ארט פון געלערנטען ארבייטער א פשוטער ארבייטער, וועלכער דארף נאר האבען א קליינע פארבערייטונג. אט דיזע איינגלייכונג פון די ארבייטער ווירקט בעדייטענד אויף די ענטוויקלונג פון דער סאלידאריטעט (פריינדשאפט — דאס בעוואוסטזיין אז זיי האבען גלייכע אינטערעסען) אין דעם ארבייטער-קלאס: אנשטאט די אבגעזונדערטע און אפטמאל נאך פיינדליכע ארבייטער גרפפען טרעט ביסלעכוויז ארויס פעראייניגט דער גאנצער ארבייטער-קלאסס.

דייטליך ווייזט זיך ארויס די דאזיגע איבערקערעניש אין ענגלאנד ערשט אין סוף פון XIX-טען יאהרהונדערט. אין XVIII-טען יאהרהונדערט האט נאך נים עקזיסטירט קיין פאלקאמע איינארטיגקייט אין דער פראדוקציאן. די אינטערעסען פון די ארבייטער פון פערשיעדענע פאכען זענען נאך נים געוועזען אין גאנצען געמיינזאם. אין דיזער עפאכע האט מען נאך אין פיעל אינדוסטריע-צווייגען בעדארפט האבען ארבייטער-ספעציאליסטען, קינסטלער, וועלכע האבען פערדינט אזוי פיעל, אז די פראסטע

ארבייטער האבען אפילו נישט געקענט טראכטען צו דערגרייכען ווען ס'איז צו אזא מדרגה.

מען דארף ניט מיינען, אז די פעראיינען זענען אויסגעוואקסען נאר צווישען ארבייטער, וואס האבען זיך פערנימען נאר מיט איינפאכע ארבייט, אלס א רעזולטאט פון זייער געדריקטע לאגע. אין די שטעדטישע האנדווערקערייען איז דאס בארגעקומען פינקט פערקעהרט: דא זענען די ארבייטער-פעראיינען געוועזען א ארגאניזאציע פון יענע ארבייטער-שיכטען, וועלכע האבען זיך געפונען אין די בעסטע בעדינגונגען. אלס ביישפיעל קען אונז דינען דער שניידער-פערבאנד אין לאנדאן, וועגען וועלכען מיר האבען שוין גערעדט. דער פערבאנד איז באמת געוועזען א פעראיין פון די ארבייטער-אריסטאקראטיע, וועלכע איז פון דער איבריגער ארבייטער-מאסע געשטאנען אפשר נאך ווייטער, ווי פון די קאפיטאליסטען. פערשטעהט זיך, אז ארבייטער פון אזעלכע פעראיינען זענען, לויט זייער לאגע און לויט זייערע אויפגאבען, געשטאנען אסך נעהנטער צו די קאפיטאליסטען ווי צו דער איבריגערמאסע פראלעטאריער. די סבסוכים צווישען אזעלכע ארבייטער-אריסטאקראטען און זייערע בעלי בתים זענען באמת געוועזען פאמיליען-מיספערשטענדניסען און ניט קיין קלאסען-קאמפף. זייער פראגראם איז בעשטאנען אין דער שטרעבונג צו פערבלייבען אויף דער מדרגה פון זייער פריווילעגירטען צושטאנד און צו בעזייטיגען די קאנקורענץ פון פשוטערע ארבייטער. זיי האבען געפאדערט מען זאל שטרענג הורכפיהרען עליזאוועטעס געזעץ וועגען די לעהר-אינגלעך, לויט וועלכען א לעהר-אינגעל האט געמוזט לערנען 7 יאהר, איידער ער איז געווארען א געהילף. דעם אנהויב פון דער אמת'ער ארבייטער-בעוועגונג, דארף מען ניט זוכען אין די ארגאניזאציעס פון די האנדווערקער-געהילפע, נאר אין די פעראיינען, וועלכע זענען אויסגעוואקסען אין די נידריגערע שיכטען פון דעם ארבייטער קלאס, און וועלכע האבען ארומגענומען אונגעהויערע מאסען ארבייטער פון דער גרויס-מאנופאקטור. אזא מין פעראיין איז שוין געוועזען דער געוואנד-ארבייטער-פערבאנד, וועלכען מיר האבען פריהער דערמאנט. לויט זייער געדריקטען צושטאנד האבען זיך די ארבייטער פון די ענגלישע מאנופאקטורען אין סוף XVIII-טען יאהרהונדערט געפונען אין אזא לאגע, אויב נאר נישט קיין ערגערע, ווי דער

היינטיגער פּראָלעטאַריאַט, און טאַקע דעריבער געפֿינען מיר אין זייער פּראָגראַם דעם קערן פֿון דער פּראָגראַם פֿון דעם מאָדערנעם אַרבייטער־קלאַס.

דער געוואַנד=אַרבייטער=פֿערבאַנד האָט געפֿאָדערט, אַז עס זאָל געזעצליך בעשטימט ווערען אַ גענוגענדער אַרבייטס=לוין און אַ קורצער אַרבייטס־טאָג. דערביי האָט ער בעגרינדעט זיין פֿאָדע=רונג מיט דעם אייגענעם געזעץ פֿון עליזאַוועטע. — מיר האָבען שוין געזעהען, אַז אין XVIII=טען יאָהרהונדערט האָבען סיי די פּריווילעגירטע אַרבייטער און סיי דער פּראָלעטעריאַט, אין אמת'ען זין פֿון ד״ם וואָרט, זיך געווענדעט צו די געזעצען פֿון מיטעל=אַלטער. נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס די ערשטע האָבען נאָר געוואָלט פֿערהיטען זייערע ענגע גרופּפּען־אינטערעסען, האָבען די אַנדערע געקעמפּפט פֿאַר די אינטערעסען פֿון אַ ברייטערער מאַסע. אין זייערע פּראָגראַמען בעמערקט זיך שוין צווישען די חורבות פֿון מיטעל=אַלטער אויך פֿונקען פֿון נייעם לעבען. שפּעטער ווערען זייערע פֿאָדערונגען די פֿאָדערונגען פֿון אַלע ענגלישע אַרבייטער.

איצט וועלען מיר אַ קוק געבען, ווי אַזוי האָט זיך בעצויגען די רעגירונג צו די אַרבייטער=אָרגאַניזאַציעס אין XVIII־טען יאָהרהונדערט איז די רעגירונג געשטאַנען דערפֿאַר, אַז יעדער אַרבייטער האָט ד אָ ס ר ע כ ט אויף דעם אַרבייטס=לוין, וועלכער איז שוין לאַנג איינגעפֿיהרט אין דיזער פּראָדוקציאָן. דאָ פֿיהלט זיך נאָך דער גייסט פֿון XVI־טען יאָהרהונדערט, ווען דער פּאַרלאַמענט האָט געזעצליך פֿערבאָטען צו בענוצען זיך מיט איינינע מאַשינען, וועלכע האָבען אַרויסגעשטויסען אַ צו גרויסע צאָהל אַרבייטער; ער האָט בעגרענצט די צאָהל פֿון די וועב=שטולען, וואָס יעדער אונטערנעהמער האָט דאָס רעכט צו האָבען. דער פּאַרלאַמענט האָט אָפֿיציעל ערקלערט, אַז זיין ציעל איז „צו פֿערזיכערען יעדען אַרבייטער גענינענדע לעבענס=מיטלען".

אין יאָהר 1720 האָבען די וועבער פֿון ווילשיר און סאָמערסעטשיר זיך פֿעראייניגט און אָנגעגעבען דעם קעניג אַ פּעטיציע, אין וועלכער זיי האָבען זיך בעקלאָגט אויף די גרויזאַמקייט און שווינדלעריי פֿון די בעלי=בתים די רעגירונג האָט בעפֿעהלען דעם קאָמיטעט פֿון „דעם געהיימען מלוכה=ראַטה" ער זאָל אויספֿאָרשען זייער נויט. די אַרבייטער האָט מען בעפֿרידיגט,

אבער דערביי האט מען זיי אנגעזאגט, אז אין דער צוקונפט זאלען זיי גאר ניט פרובען וואס עס זיך דערשלאגען זעלבסט=שטענדיג מיט דער הילף פון אונגעזעצליכע חברות, נאר זיי זאלען אלע מאל צושטעלען זייערע בקשות זיין מאיעסטעט=דעם קעניג לויט דער געזעצליכער ארדנונג, און מען וועט זיי שטענדיג העלפען לויט יושר.

ביז די פופציגער יאהרען פון XVIII־טען יאהרהונדערט טראגען די בעציהונגען פון דער קעניגליכען רעגירונג און פארלאמענט צו דער אונגעהייערער צאהל פעטיציעס פון די ארבייטער אלץ דעמזעלבען כאראקטער. אזוי למשל, די וועבער פון גלאסטערשור האבען אין פערלויף פון דער ערשטער העלפט פון XVIII־טען יאהרהונדערט בעקומען הילף פון פארלאמענט אין זייער קאמפף מיט די אונטערנעהמער, און ענדליך אין יאהר 1756 האבען זיי זיך דערשלאגען פון דער אונטערסטער פאלאטע א געזעץ (דער זאגענאנטער „געזעץ וועגען די וועבער פון וועבער=אינדוסטריע"), לויט וועלכען די פריעדענסריכטער האבען בעדארפט בעשטימען די גרויס פון שטיק לוין. אט דיזע בעשטימונג האבען געמוזט ערפילען ווי די אונטערנעהמער אזוי אויך די ארבייטער.

נאר גאר אין גיכען בעמערקען מיר, ווי די ענגלישע רעגירונג בייט מיט אמאל איבער אין גאנצען איהר אינדוסטריעלע פאליטיק. עס איז נאך ניט פאריבער קיין גאנצער יאהר נאך דעם, ווי מען האט אריינגעפיהרט „דאס געזעץ וועגען די וועבער" און דער פארלאמענט ווערט בעשאטען מיט א האגעל פעטיציעס און קאנטר=פעטיציעס. די פאבריקאנטען האבען ענטשיעדען ערקלערט, אז זיי זענען ניט בכח צו צאהלען אזא גרויסען לוין ווי די פריעדענסריכטער בעשטימען. די ארבייטער ווייטער האבען געפאדערט, אז דאס געזעץ זאל דייטליכער בעשיצען זייערע אינטערעסען. די פאבריקאנטען האבען אנגעוויזען אויף די מעלות פון דעם „פרייעם=אבמאך און אונבעגרענצטע קאנקורענץ"; די וועבער האבען געפאדערט אז די רעגירונג זאל בעשטימען געוויסע נארמען.

אויף דער זייט פון די ארבייטער זענען געשטאנען אין פארלאמענט די לארדען און דער קליינער אדעל, ד. ה. די

געגנער פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, פשוט אויס פיינד־שאפט צו איהר.

סוף כל סוף האבען מנצח געוועזען די פאבריקאנטען: „דאס געזעץ וועגען די וועבער" איז אבגעשאפט געווארען. פון דיזען מאמענט אן גרעט דער פארלאמענט אלץ מעהר אב פון דעם מיטעל־אלטערליכען פערטהיידיגונגס־שטאנד־פונקט, און ווענדעט זיך צו א נייער טאקטיק: זיך אין גאנצען ניט אריינמישען אין דעם אינדוסטריעלען לעבען פון לאנד.

דער קאמפף וועגען „דאס געזעץ וועגען די וועבער" איז געוועזען דער ווענדונגס־פונקט פון דער אלטער פאליטיק צו א נייער.

אין יאהר 1776 האט דער פארלאמענט זיך ענטזאגט צו בעטראכטען די פעטיציע פון די שפינער, אין וועלכער זיי האבען זיך בעקלאגט אויף דעם חורבן, וואס עס האט צווישען זיי אנגעמאכט די שפינעריי־מאשין „דזשעני".

אין יאהר 1777 אין דעם סכסוך צווישען די מייסטערס און די ארבייטער פון די היט־ווערקשטאטען, האט דער פארלאמענט ניט בעטראכט די גרויסע צאהל פעטיציעס, וועלכע די לאנדאנער, בריסטאלער, טשעסטערער, ליווערפולער אונד נאך אנדערע היט־ארבייטער האבען אריינגעטראגען, און האט אין גאנצען מסכים געוועזען מיט די מיינונג פון די אונטערנעהמער. ביי אזעלכע אומשטענדען איז שוין קיין חידוש ניט, אז באלד ווי עס האט ערשיינט אדאם־סמיטה'ס בוך „דאס רייכטהום פון פעלקער" (1776) איז זיין פאליטישע פילאזאפיע כמעט היכף געווארען די אפיציעלע תורה פון דער זאגענאנטער „נאטירליכער פרייהייט". דער גרונד־געדאנק פון אדאם סמיטס לעהרע בעשטעהט אין דעם, אז לטובת פון דעם פאלק איז נויטיג, עס זאל אין אינדוסטריעלען לעבען הערשען פאלקאמע פרייהייט און אונבעגרענצטע קאנקורענץ צווישען איינצעלנע מענשען.

לויט סמיטה'ס שטאנד־פונקט זענען גלייך געפעהרליך אי די געזעצען, וועלכע בעשיצען די אינדוסטריע, אי יעדער מין אינדוסטריעלער פערבאנד, אהן שום חלוק צי דאס איז א פער־באנד פון פאבריקאנטען, צי פון ארבייטער. די ערשיינונג פון דעם ווערק „דאס רייכטהום פון פעלקער" איז געוועזען אן אמת'ר יום טוב פאר די ענגלישע שטאטס־מענער און קאפיטאליסטען.

אין סוף XVIII־טען יאהרהונדערט האבען זיך די הערשענדע קלאסען אין גאנצען איבערצייגט, אז די טעאריע פון דער פאלער אינדוסטריעלער „פרייהייט", ד. ה. די פרייהייט פון עקספלואטאציע איז פאר זיי אן׳אונאויסשעפפליכער קוואל פון עשירות. פון איצט אן ווערט ענטשיידען און אויף שטענדיג פערוואָרפען יעדעס אריינמישען זיך אין די בעציהונגען צווישען די ארבייטער און אונטערנעהמער. אין יאהר 1808 האבען די וועבער געבעטען דעם פארלאמענט מען זאל זיי פערזיכערען חאטש א דריטעל פון אט דעם ארבייטס־לוין, וועלכען זיי האבען בעקומען מיט צעהן יאהר צוריק. נאר דער פארלאמענט האט זיך אבגעזאגט געזעצליך צו בעשטימען דיזען ארבייטס־לוין. אין דער בעשטימונג פון פארלאמענט לעזען מיר: „אזא געזעץ, חוץ דעם וואס ער איז נארעש אין דער אידעע, וואלט גלאט געווען ניט ווירקזאם, ווייל מען קען איהם ניט דורכפיהרען אין דער פראקטיק. און ווען עס זאל אפילו אזא מעגליכקייט יע זיין, וואלט דאס געבראכט נאר אונגינסטיגע רעזולטאטען". דא ערדייכט שוין די אידעע וועגען „אינדוסטריעלער פרייהייט די העכסטע מדרגה, זי הערשט איבער אלע מחות פון פארלאמענט. צוליעב „דעם הייליגען" פרינציפ „פון אינדוסטריעלער פרייהייט" האט דער פארלאמענט, פערטרעטענדיג די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען, מיט א גרינגען הארצען פערמאכט די אויגען אויף די גרויזאמע ליידען פון די וועבער, וועלכע זענען געשטארבען פון הונגער *).

IV.

די ארבייטער־פעראיינען אין XIX־טען יאהרהונדערט.

דאס ערסטע פיערטעל פון XIX־טען יאהרהונדערט איז א עפאכע, אין וועלכער מען פערפאלגט יעדער מין ארבייטער־ארגאניזאציע. יעדער ענגלישער ארבייטער־פעראיין, וועלכער האט זיך געגרינדעט אין דער טרויעריגער צייט, האט אין זיין

*) דאס איז פארגעקומען גראד אין יענער צייט, ווען — ווי מיר האבען שוין אויבען דערצעהלט — אנ׳ערך 900,000 ענגלישע וועבער זיינען בוכשטעבליך אויס־בעגאנגען פון הונגער.

ארחיוו א ראמאנטישע ערצעהלונג וועגען די ערשטע יאהרען פון זיין עקזיסטענץ. די פערפאלגונגען זענען געוועזען אזוי שטארק, אז די גאנצע טהעטיגקייט פון די פעראיינען האט מען געמוזט האלטען בסודי־סודות. די ארבייטער־פערזאמלונגען פלעגען געוועהנליך פארקומען ביי נאכט ע״געץ אויף פערווארפענע פעלדער אדער הינטער דער שטאדט אין די וועלדער, גריבער. די ראקומענטען זענען געוועזען פערגראבען אין דער ערד אין זייטיגע ערטער. כדי זיך צו פערזיכערען פון פערראט, האט מען געפאדערט פון יעדער מיטגליעד א שבועה, אז ער וועט בלייבען טריי דעם פערבאנד. נאר ניט קוקענדיג אויף אלע מינים פארזיכטיגקייטען, ניט קוקענדיג אויף דער גוט־אויסגעארבייטער און העכסט פערבארגענער ארגאניזאציע, פלעגען אפט די מיטגליעדער פון די פעראיינען אריינפאלען אין די הענד פון דער פאליציי, וועלכע פלעגט זיי אבהאלטען יאהרען־לאנג אין געפענגנים. דיזע טרויעריגע צייט פאר די ענגלישע ארבייטער האט זיך אנגעהויבען פון יאהר 1799, ווען עס איז ארויסגעגעבען געווארען דער זאגענאנטער „אלגעמיינער געזעץ געגען קאאליציע״ (*). מען האט זיי פערבאטען יעדער מין ארגאניזאציע אדער צייטווייליגע פערבינדונג, וועלכע בעריהרט „די נאטירליכע״ אינדוסטריעלע פרייהייט. אויף אזא אופן קומט אויס, אז לויט דעם אמת'ן זין פון דעם געזעץ, זענען פערבאטען ניט נאר די ארבייטער־פעראיינען, נאר אויך די אונטערנעהמער־פערבאנדען.

פערשטעהט זיך, אז אפילו ביי דיעזער בעדינגונג איז דאס „געזעץ געגען קאאליציע״ געוועזען ניט זעהר יושר'דיג: דאס געזעץ געגען די פעראיינען איז פיעל שווערער פאר די ארבייטער, ווי פאר די פאבריקאנטען. ווען מען האט בעטראכט דאס געזעץ, האט לארד דזשעפפע שוין אנגעוויזען אויף דער אונגערעכטיגקייט. „יעדער אונטערנעהמער בעזונדער האט ער געזאגט האט רעכט מיט אמאל אבזאגען אלע זיינע ארבייטער, סיי עס ארבייטען ביי איהם הונדערט, סיי 1000; אויב זיי זענען נאר ניט מסכים

---

*) קאאליציע, דאס איז א פערבאנד אדער אצייטווייליגע פערבינדונג פון אסך מענשען צו ערדייכען א אלגעמיינעם ציעל (למשל א שטרייק).

מיט אט דעם ארבייטס=לוין, וועלכען ער וויל צאהלען, זאגט ער זיי אב. אויב אבער די 100 אדער 1000 ארבייטער וועלען אליין זיך אבזאגען פון דער ארבייט, זייענדיג ניט איינשטימיג מיט דעם ארבייטס=לוין, וועלכען דער אונטערנעהמער לעגט פאר, זענען זיי שוין פערברעכער, זייער טהאט הייסט שוין א אונגעזעצליכע קאאליציע אדער א שטרייק". א חוץ דעם וואס דער פאבריקאנט דארף ניט אזוי נויטיג דעם פערבאנד ווי די ארבייטער, קען ער אויך לייכט עובר זיין דאס געזעץ: פאבריקאנטען איז דאך ניט דא קיין סך און זיי קענען זיך געהיים צוזאמענרעדען, ניט ריזיקירענדיג ארייינצופאלען אין די הענד פון דער רעגירונג.

איך אזא אופן קמט אויס, אז אפילו ווען מען זאל אהן פניאה'ס דורכפיהרען דאס געזעץ פון 1799—1800 וואלט ער אויך געגעבען די פאבריקאנטען א סך פריווילעגיעס. נאר באמת האט מען דאס געזעץ דורכגעפיהרט ניט אהן פניאה'ס: שוין ניט רעדענדיג וועגען „דעם שטילען אבער שטענדיגען שטרייק" צו פערקלענערן דעם ארבייטס=לוין, האבען די אונטערנעהמער אין אנהויב XIX טען יאהרהונדערט געגרינדעט פאלקאם=אפענע פעראיינען, און קיינער האט גאר ניט געטראכט זיי צו פערפאלגען. אזא פערבאנד איז למשל געוועזען דער „פעראיין פון שפילדער סוחרים אונד פאבריקאנטען", וועלכער האט עפענטליך עקזיסטירט פון יאהר 1814, ד. ה. פונקט אין דער צייט, ווען די פאליציי האט פערפאלגט און געווארפען אין געפענגנים יעדען ארבייטער, וועמען זי האט חושד געווען אז ער נעהמט אנ'אנטייל אין א פערבאנד. בכלל דאס דורכפיהרען אין דער פאלאטע „דאס אלגעמיינע געזעץ נעגען קאאליציעס", האט שוין קלאר בעוויזען, אז דער פארלאמענט איז געוועזען נאר א כלי זין אין די הענד פון די פאבריקאנטען אין קאמפף מיט דער ארבייטער בעוועגונג, וועלכע האט דאמאלסט אנגעהויבען אויסצוואקסען.

די גיכע ערפאלגען פון דער ארבייטער=בעוועגונג צווישען די בוימוואל=שפינער און געוואנד=ארבייטער פון יאקשיר און לאנקאשיר זענען געוועזען די סבה, וועלכע האט ארויסגערופען דאס געזעץ פון 1799=טען יאהר. דאס געזעץ איז מיט א אונגעהויערע שנעלקייט געווארען בעטראכט און אנגענומען אין ביידע פאלאטעס. שוין אין דריי וואכען ארום נאך דעם, ווי מען האט ארייינגעטראגען

אַט דעם בִּילל (בִּילל-הייסט אַ פּאַרלאַגע אִין פּאַרלאַמענט) אִין פּאַרלאַמענט, אִיז ער שוין געוועזען אונטערגעחתמ'ט פון קעניג. דיזע געשווינדקייט האַט געהאַט דעם אייגציגען ציעל-שטערען די אַרבייטער צו אָרגאַניזירען גרויסע פּראָטעסטען געגען דעם נייעם געזעץ-פּראָיעקט. און באמת האָבען נאָר די אַרבייטער פון די קאַרטון-פאַבּריקען געהאַט צייט צוזושטעלען זייערע מיינונגען געגען פּראָיעקט און דינגען אַ שתדלן, וועלכער זאָל פערטהיידיגען זייערע אינטערעסען אין פּאַרלאַמענט. די אַרבייטער האָבען בעמערקט, אַז דאָס געזעץ, וואָס וויל פערווערען „די אונגעזעצליכע חברות" איז פאַרמולירט אַזוי ניט קלאָר, אַז יעדער אַרבייטער, וואָס רעדט מיט זיינע חברים וועגען זיינע אַרבייטס-בעדינגונגען, איז ניט זיכער אַז מען וועט איהם ניט אַרעסטירען, חושד זייענדיג אַז ער נעהמט אַנ'אַנטהייל אין אַ „אונגעזעצליכע חברה". דער פּראָטעסט פון די קאַרטון-אַרבייטער האָט ניט געהאַט קיין שום ערפאָלג, און דער בִּילל איז געוואָרען אַ געזעץ אין דער פאָרם, אין וועלכער ער איז צוגעשטעלט געוואָרען. אַזאַ רעזולטאַט דאַרף אונז נאָר ניט וואונדערען. פאַר די, וועלכע האָבען געשריבען דאָס געזעץ, איז דיזע דונקעלהייט און פיעלדייטיגקייט געוועזען זעהר צום האַרצען. אַט די אונקלאָרהייט האָט געגעבען דעם פאַבּריקאַנט אַ מעכטיגע געווער אין זיין קאַמפּף מיט די אונ-צופריעדענע אַרבייטער. אַ דאַנק דער דונקעלהייט האָט דער פאַבּריקאַנט געקענט אַריינוואַרפען אין געפענגניס יעדען אַרבייטער, פאַר וועלכען ער האָט געקענט מורא האָבען. אַט דערצו טאַקע האָבען געשטרעבט די קאַפּיטאַליסטען. נאָך בּיז דעם געזעץ פון 1799 בעגעגנען מיר זיך אויך מיט ענגליכע פאַקטען.

אַזוי אין יאָהר 1798 האָבען די אייגענטימער פון די דרוקע-רייען זיך בעקלאָגט אויף זייערע אַרבייטער, אַז זיי מאַכען אַ בונט. די אויספאָרשונג האָט געוויזען, אַז די אַרבייטער האָבען געגרינדעט אַ פּשוטע חברה פון געגענזייטיגע הילף, אַ חברה, וועלכע מען קען אפילו ניט רופען אַרבייטער-פערעיין. נאָר דאָס האָט פאָרט ניט געהאָלפען די אַרבייטער. „זיי רופען זיך געזעלשאַפט פון חברים", האָט גע'דרשנ'ט אין געריכט דער אַדוואָקאַט פון די אונטערנעהמער „נאָר אין זייערע רייהען האָבען אַריינגעדרונגען אייניגע פערדעכטיגע פּערזאָנען, וועלכע האָבען פערוואַנדעלט דעם אונשולדיגען פערעיין

אין א אבשייליכע פערזאמלונג פון פערשווערער". ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אלע פאקטען זענען געוועזען לטובת די ארבייטער, האט דאס געריכט פערמשפט אלע „פערדעכטיגע פערזאנען" אויף 2 יאהר געפענגנים. אזוי האבען די פאבריקאנטען כסדר געפייערט זייער נצחון. די אייגענע פרידענס־ריכטער, וועלכע האבען ערשט ניט לאנג זיך געסטארעט צו בעשטימען דעם „גערעכטען" ארבייטס־לוין, זענען יעצט גרייט געוועזען אנצוערקענען יערען געוועהנליכען צירקעל חברים, פאר א מין פערשווערונג.

פרענסיס פלאס שרייבט: „די געזעצען נעגען קאאליציע האבען אלע פערמעגליכע קלאססען געהאלטען פאר דורכאויס נויטווענדיג, כדי צו דערשטיקען די צושטערונגס־שטרעבונגען צווישען די ארבייטער". די בורשזוען האבען גערעכענט, אז אויב מען זאל ניט איינדריקען דעם ארבייטער־קלאסס אין דיזע אייזערנע צוואנגען, וועט ער בעגראבען אונטער די חורבות פון דער רעוואלוציע די אינדוסטריע, דעם מסחר, די לאנד־ווירטשאפט אין וועט איבערהויפט קיין שריד ופליט ניט איבערלאזען פון דער גאנצער מאדערנער קולטור. דער שרעק פערבלענדעט די אויגען. אבער פאר דיזען נארישען שרעק פון דער בורזשואזיע האבען די פראלעטאריער געדארפט צאהלען מיט זייער בלוט און פלייש. דער אייגענער פלאס שרייבט ווייטער, אז „דער ארבייטער האט אין דיזער עפאכע קיין שום מעגליכקייט ניט צו דערשלאגען זיך א שטיקעל יושר". די ריכטער פלעגען זעלטען ווען אויסהערען די פערטהיידיגונג פון די ארבייטער, און אז זיי האבען שוין יא געהערט, האבען דאס געטאהן מיט אזוי פיעל אונגעדולד און מיט אזא מינע, גלייך ווי דעם ארבייטער'ס פערטהיידיגונג וואלט געוועזען די גרעסטע בעליידיגונג פאר דעם ריכטער פערזענליך. דער ארבייטער האט קיין מאל ניט געקענט האפען אויף אן'אורטהייל אהן פניאה'ס.

„אויב מען וואלט געקענט" ענדיגט פלאס „די אלע פאקטען פון א נגערעכטיגקייטען אין בעליידיגונגען, וועלכע די ארבייטער האבען איבערגעטראגען דאמאלסט אין די געריכטען, שילדערען אין איין בילד, וואלט אפילו איצט, איניגע יאהר נאך דעם, שווער געוועזען צו גלויבען, אז דאס אלץ איז ניט אויסגעטראכט, נאר ווירקליך געשעהן".

מעהר פאר אלעמען האבען געליטען פון דעם געזעץ געגען

קאאליציע" די ארבייטער פון די בוים=וואל=און געוואנד=אינדוסטריע . מיר האבען שוין געזאגט, אז דער ערפאלג פון דער בעוועגינג צווישען אט דיעזע ארבייטער האט געצוואונגען די פאבריקאנטען זיך צו איילען דורכצופיהרען דאס געזעץ פון 1799-טען יאהר ; און, פערשטעהט זיך, אז אט דיזע ארבייטער זיינען געוועזען די ערשטע, געגען וועלכע די קאפיטאליסטען האבען אנגעווענדעט דאס געוועהר, וואס דאס נייע געזעץ האט זיי געגעבען געגען ארבייטער=קלאס ; זיי האבען בעקומען די ערשטע שלעג .

וו א י ט און ר ע נ ס א ן פערגלייכען די ווירקונג פון דעם געזעץ פון 1799-טען יאהר מיט „א גרויסען מיהלשטיין" וועלכער העגגט אויף דעם האלז פון די ארבייטער . ביי יעדער טריט וואס דער ארבייטער וויל טהאן, ביי יעדען מיטעל וואס ער וויל אנווענדען, כדי צו העכערען זיין ארבייטס-לוין אדער נאר בלייבען ביי דעם פריהערדיגען, ערקלערט מען איהם, אז ער טהוט געגענגעזעצליך .

אין יאהר 1816 האט זיך געענדיגט די לאנג=דויערנדע עפאכע פון נאפאלעאנס מלחמות . נאפאלעאן איז מיט דער מיטווירקונג פון אלע מלוכות פערשיקט געווארען אויף דעם אינזעל „העלינעעלענא", אונד אין אייראפא האט זיך אנגעהויבען פריעדען. א מלחמה איז שטענדיג א פאלקס-אונגליק נאר אויך די פלוצלונגע אויפהערונג פון א לאנג=דויערנדער מלחמה, רופט געוועהנליך ארויס א שטארקע צורודערונג און דער פאלקס-ווירטשאפט . דאס קומט פאר דורך די פאלגענדע סבות . אין דער צייט פון מלחמה פערגרעסערט זיך די נאכפראגע אויף א גאנצע רייהע פראדוקטען , וועלכע זענען אין א פריעדליכע צייט אדער גאר נישט נוצליך , אדער ווערע פערברויכט אין אסך א קלענערער מאס . די אינדוסטריע=צווייגען, וועלכע ארבייטען אויס אט די פראדוקטען , ווערען דאמאלסט אונגאטירליך ענטוויקעלט . אז די מלחמה הערט פלוצלונג אויף , פאלט פלוצלונג די נאכפראגע אויף געוויסע סחורות און מכילא רופט דאס ארויס א שטילשטאנד אדער א פאלקאמע רואינירונג אין די דאזיגע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען .

אזא מין קריזיס איז פארגעקומען אין ענגלאנד אין 1816=טען יאהר . די אינדוסטריע האט זיך אבגעשטעלט, די פרייזען פון א גאנצע רייהע סחורות איז געפאלען; א גרויסער צאהל אונטערנעהמער האבען אנגעהויבען אבצוזאגען זייערע ארבייטער . די אלגעמיינע

פערקלענערונג פון די פערדינסטען האט געצוואונגען די קאפּיטאליסטען אנצונעמען ענערגישע מיטלען. די אונטערנעהמער פון דער שטעדטישער און דארפישער אינדוסטריע האבען איבעראל אנגעהויבען גרינדען פעראיינען, כדי צו פערקלענערען, אויף הויפיעל עס איז נאר מעגליך, דעם ארבייטס־לוין פון זייערע ארבייטער. ליידענדיג דורך דער גרויסער קאנקורענץ פון דער אונגעהויערער ארבייטסלאזיגער ארמעע, געדריקט דורך דער ארגאניזירטער קראפט פון די קאפּיטאליסטען פון גאנצען לאנד, זענען די ענגלישע ארבייטער ניט געוועזען בכח צו פערטהיידיגען זייערע אינטערעסען און זייער מאטעריעלע לאגע האט זיך איבעראל פערערגערט. ווי דאס קומט שוין אפט פאר ביי יעדען פלעצליכען קריזיס, האט די פאלקס־אונצופריעדענהייט אנגענומען א רעוואלוציאנערען כאראקטער. אויף דעם באדען פון דיעזער אונצופריעדענהייט זענען אויפגעוואקסען די געהיימע ארגאניזאציעס, ווי שוועמלעך, און אין יאהר 1819 האבען זיי ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג צווישען דעם ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד. נאר די בורזשואזיע איז געוועזען אויפ'ן וואך. מיט א גאנצע רייהע אויסנאהמס־געזעצען האט זי דערשטיקט די פאלקס־אויפרעגונג באלד אין שרש. דער פארלאמענט האט ארויסגעגעבען די זאגענאנטע „זעקס געזעצען", וועלכע האבען געבונדען דעם ארבייטער די הענד און פיס. לויט די געזעצען איז פערבאטען געווארען יעדער מין פערזאמלונג אונטער'ן פרייען הימעל, די פאליציי האט בעקומען דאס רעכט צו מאכען הויז־זוכונגען אהן די ערלויבניס פון געריכט*). די אויסנאבען פון די ארבייטער־צייטונגען זענען געוועזען שרעקליך בעשווערט דורך דעם אונגעהויערען שטעמפּעל־שטייער; ענדליך זענען נאך פערשטארקט געווארען די געריכטס־שטראפען פאר יעדען געדרוקטען ארטיקעל מיט א רעוואלוציאנערען אינהאלט.

אין דער עפאכע פון די שרעקליכע פערפאלגונגען זענען די ארבייטער־פעראיינען אין גאנצען געפאלען. דאס איז ניט קיין חידוש. יעדער פערשטעהט וואס פאר א צושטערונגס־ווירקונג די

*) דער „געזעץ וועגען פערזענליכע אונבעריהרליכקייט" („Habeas corpus act") פערוועהרט דער ענגלישער פאליציי צו מאכען ווילקירליך הויזזוכונגען אין די וואהנונגען פון בירגער. אין ענגלאנד קען געמאכט ווערען א הויזזוכונג אדער ארעסט נאר לויט דער פעראָרדנונג פון געריכט.

מאססען-ארבייטס-לאזיגקייט מוז האבען אויף די ארבייטער-פעראיינען. ווען א גאנצע רייהע מיטגליעדער פון פעראיין פערלאזען די שטאדט און שלעפען זיך פון איין ארט צום צווייטען, זוכענדיג א שטיקעל פערדינסט, ווערט ממלא די ארגאניזאציע צושטערט. אזוי אין אזא לאגע האבען זיך געפונען אין די 20-טע יאהרען דער גרעסטער טייל ארבייטער-פעראיינען. פערצווייפעלטע דורך דער ארבייטס-לאזיגקייט און ארעמקייט, פאלענדיג אונטערן יאך פון דעם פאליציייאישען דעספאטיזם, (די זעקס געזעצען) זענען די ארבייטער ניט געווען אים שטאנד צו פיהרען אנארגאניזירטען אונד סיסטעמאטישען קאמפף. אין די 20-טע יאהרען האבען נאך די ארבייטער געבילדעט א צערשטרויטע מאסע: די פעראייניגונג קומט פאר נאר אין דער צייט פון א שטרייק און ווערט צושטערט גלייך ווי דיעזער ענדיגט זיך.

אין ענגלאנד האט אין אנהויב XIX-טען יאהרהונדערט נאך עקזיסטירט א גאנצע רייהע אינדוסטריע-צווייגען-וואו די האנד-ארבייט פון גוט געלעהרטע ארבייטער-ספעציאליסטען האט נאך געשפיעלט א גרויסע ראלע. די לאגע פון אזעלכע ספעציאליסטען איז אפילו אין די ערגסטע צייטען אויך געוועזען ניט קיין שלעכטע. ווי שטארק עס זענען געוועזען זייערע פערבאנדען, בעווייזט אונז דער פערבאנד פון די קארטון-ארבייטער, וועלכער האט זיך געפונען אין א גלענצענדען צושטאנד אין די 20-טע יאהרען פון XIX-טען יאהרהונדערט, ד. ה. פונקט אין דער צייט, ווען כמעט די מעהרהייט פון די ארבייטער-ארגאניזאציעס זענען פערניכטעט געווארען אין קאמפף מיט די אינגינסטיגע אויסערליכע בעדינגונגען. די בעדייטונג פון דעם קארטון-ארבייטער-פערבאנד איז געוועזען אזוי גרויס, אז די אונטערנעהמער, ניט קוקענדיג אויף דעם געזעץ פון 1799-טען יאהר, האבען מיט זיי גארנישט געקענט טהאן, און אין יעדען סיכסוך מיט די ארבייטער האבען זיי כמעט שטענדיג געמוזט אבטרעטען.

אט אין וואס פאר א נעביכדיגע ווערטער גיסט אויס זיין ביטער הארץ א מאנטשעסטערער פאבריקאנט אין א בראשורע, וועלכע איז געוועזען געריכטעט געגען די קארטון-ארבייטער (1815). „מיר האבען געמוזט איינער נאך דעם אנדערען אייך נאכגעבען, חאטש באמת האבען מיר געדארפט ענערגיש קעמפפען געגען

איירע פאָדערונגען. זייענדיג פערבלענדעט מיט דעם נצחון, האָט איהר צוגעשטעלט צו די פריהערדיגע פאָדערונגען נאָך אַנדערע, און אונזער לאַגע ווערט פשוט אינערטרעגליך. איהר בעשטימט די צאָהל פון אונזערע אַרבייטער און איהר נעמט ניט אַריין אין איירע רייהען יענע אַרבייטער, וועלכע מיר שטעלען אויף דער אַרבייט אַנשטאָט די, וואָס איהר האָט פערטריבען. איהר שטעלט אָפּט אָב אַליין די מאַשינען, און אייער חוצפה דערגעהט אַזוי ווייט, אַז איהר ברעכט פאַר אונז אין די אויגען די וואַלצען. איהר ווילט ניט אַרבייטען ביי נאַכט ביי בעלייכטונג און איהר צווינגט נאָך דערצו די לעהר-אינגלעך אויך. איהר יאָגט אַוועק אונזערע אויפזעהער, ווען זיי געפעלען אייך נישט, און איהר צווינגט אונז צו נעמען אַזעלכע מענשען, וואָס זענען אונז ניט אַנגענעהם. אַחוץ דעם, אַנשטאָט אָבצוגעבען איירע בעל-בתים עהרע און כבוד, ערלויבט איהר זיך בעגעהן מיט אונז מיט פעראַכטונג; איהר וואַרפט אונז אויף אויף יעדען שריט און טריט פערזענליכע בעליידיגונגען".

אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז אַלע שטרענגהייטען פון דעם געזעץ געגען קאָאַליציע האָט ווייניג וואָס אָבגעשוואַכט די קראַפט פון די געלעהרטע אַרבייטער-פעראיינען. דער אינדוסטריעלער קריזיס אין יאָהר 1816 האָט אויף זיי געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג. דאָ האָט אפילו די אַרבייטער אַריסטאָקראַטיע אויך דערפיהלט, אַז די לעבענס-מדרגה איז אַביסעל נידעריגער געוואָרען, נאָר ניט אַזוי שטאַרק ווי די פשוטע אַרבייטער. דאָס איז קיין חדוש ניט: אַנ'-אַרבייטער אַ ספּעציאַליסט קען פערבייטען ווערען נאָר דורך אַנ'אַנדער ספּעציאַליסט, דעריבער האָט פאַר זיי כמעט ניט עקזיסטירט קיין קאָנקורענץ פון דער אַרבייטסלאָזיגער אַרמעע. אַדאַנק דער גליקליכער לאַגע, האָבען די געלערנטע אַרבייטער ניט נאָר אויסגעהאַלטען זייערע פערבאַנדען, נאָר זאָגאַר אויך געהאַט די מעגליכקייט אין די 20טע יאָהרען אָנהויבען אַ סיסטעמאַטישען קאַמפף געגען „געזעץ וועגען קאָאַליציע". אַלס אָנפיהרער אין דיעזען קאַמפף איז אַרויסגעטראָטען פראַנסיס פלאַס (אַקלוגער סוחר); איהם איז געלונגען צו געפינען אַ טרייען בונדעס-חבר — דעם מיטגליד פון פאַר-לאַמענט-העמאַ, וועלכער האָט פון זיין זייט ווייטער אַרום זיך גרופּירט אַ קרייז פאַרלאַמענטאַרישע ראַדיקאַל'ען, וואָס האָבען

מיטגעפיהלט מיט דער אָבשאַפונג פון געזעץ געגען די אַרבייטער־פעראיינען.

פערשטעהט זיך, אַז די קרעפטען זענען נאָך געוועזען צו וועניג פאַר אַן׳אָנגעפאַנגענעם קאַמפף און פלאַס׳ס פראָיעקט האָט זיך געקענט איינגעבען נאָר מיט אַ רמאות. אין יאָהר 1824 איז העמאַ׳ן געלונגען צוצושטעלען צו אַ געזעץ־פראָיעקט נאָר וועגען אַן׳אַנדער ענין אַ פּאַראַגראַף, וועלכער פאָדערט מען זאָל אָבשאַפען „דאָס געזעץ געגען קאָאַליציע״. דער געזעץ־פראָיעקט האָט אַרויסגערופען לעבהאַפטע וכוחים אין פּאַרלאַמענט, און די דעפוטאַטען, וועלכע זענען געוועזען פערקאָכט אין די דעבאַטען, האָבען כמעט ניט בעמערקט דעם צוגאָב. וועגען דעם איז אפילו ניט געוועזען קיין שום ידיעה אין די צייטונגען, און דעריבער האָבען די קאַפּיטאַליסטען וואָס האָבען נאָך דאַמאַלס ניט געהאַט זייערע אייגענע פאָרשטעהער אין פאַרלאַמענט *), נאָר נישט געוואוסט, אַז זיי שטעהען אין אַזאַ געפאַהר. אין דעם יאָהר 1824 איז האַמע׳ס פראָעקט געוואָרען אַ געזעץ, און אַלע בעגרענצונגען געגען די אַרבייטער־פעראיינען זענען אָבגעשאַפט געוואָרען.

פלאַס און זיינע חברים די אַרבייטער, האָבען געפייערט זייער נצחון. נאָר זייער שמחה איז געוועזען אַביסעל צו פריה. דער קאַמפף האָט זיך ניט נור ניט געענדיגט, נאָר בעצם ערשט אָנגעהויבען. די בשורה וועגען די פעראיינס־פרייהייט האָט אַרויסגערופען אַ געהייבענע שטימונג און בעגייסטערונג צווישען דעם אַרבייטער־קלאַסס אין ענגלאַנד. איבעראַל איז אויסגעוואַקסען נייע אַרבייטער־פעראיינען. בוימוואָלשפינער, וועבער, געוואַנד־אַרבייטער, די אַרבייטער פון די שיף־ווערפען און נאָך אַנדערע אַרבייטער־קאַטעגאָריען, וועלכע האָבען פערלאָרען זייערע פעראיינען אין דער שווערער צייט 1799–1824 יאָהרען, האָבען זיך אויף׳ס ניי פעראייניגט, און אין אַ משך פון 2–3 חדשים, האָבען זייערע אָרגאַניזאַציעס ערדייכט אַ גרויסע קראַפט. עס האָבען אויסגעבראָכען אַ גאַנצע רייהע שטרייקען, צווישען וועלכע דער שטרייק פון די שיף־

*) אין אנהויב XIX־טען יאהרהונדערט זענען אין ענגלישען פארלאמענט געזעסען כמעט נאר לארדען. נאר אין יאהר 1822 איז די קאפיטאליסטען געלונגען דורכצופיהרען דעם „ביל וועגען רעפארמען״, וועלכער האט פיר זיי געעפענט די טירען פון פארלאמענט.

בוי־ארבייטער האט זיך געפיהרט בעזאנדערס לײדענשאפטליך
און ענערגיש.

פערשטעהט זיך, אז די אויפלעבונג פון דער ארבייטער־בע=
וועגונג איז זעהר ניט געפעלען געווארען די אונטערנעהמער. די
קאפיטאליסטען פון גאנץ ענגלאנד האבען אויפגעהויבען א שרעקליכען
גערודער, און דער פארלאמענט האט בעקומען הונדערטע פעטי=
ציעס, וועלכע האבען געפאדערט מען זאל תיכף „איינהאמעווען"
די ארבייטער. דיעזער ליארם האט געהאט א ווירקונג; די רעגירונג
האט ווייטער אנגעהויבען רעדען, מען זאל ווידער איינפיהרען די
געזעצען פון 1824-1799 יאהר, און נאכגעבענדיג די פאברי=
קאנטען האט מען בעשטימט א קאמיסע, וועלכע האט בעדארפט
אם גיכסטען לעזען די פראגע. נאר דא האט די רעגירונג זיך אנ=
געשטויסען אויף א שטארקען און ארגאניזירטען ווידערשטאנד פון
די פאלקס־מאססען. די ארבייטער פעראיינען, וועלכע זענען אין
דיעזער קורצער צייט פון די אונבעשטימטע געזעצען אויסגעוואקסען
אין שטארק געווארען, האבען אנגעהויבען צו פיהרען אנערגישע
אגיטאציע געגען דעם פראיעקט פון די פאבריקאנטען און האבען
לייכט אויפגעהויבען דעם גאנצען ארבייטער=קלאסס אין ענגלאנד.

אויף אזא אופן איז די רעגירונג געבליבען ווי אין קלעם:
פון איין זייט האבען די צורואינירטע פאבריקאנטען געפאדערט,
מען זאל אונבעדינגט פערווערען די ארבייטער־פעראיינען, פון דער
אנדער זייט ווייטער האבען די אויפגערעגטע ארבייטער אויך אום=
בעדינגט געפאדערט פרייהייט פאר די פעראיינען. לאווירענדיג
צווישען די ביידע פיינדליכע צדדים, האט די ענגלישע רעגירונג
אויסגעקליבען דעם מיטעל־וועג, דעם וועג פון געגענזייטיגע הנחות.
אין יאהר 1825 האט מען נאכגעגעבען די פאבריקאנטען און ווי=
דער פערבאטען פאליטישע קלובען. יעדער מין געוואלד=טהאט,
און דריקונג פון דער ארגאניזאציע אין דער בעציהונג צו איינצעלנע
פערזאנען איז אנערקענט געווארען פאר געגענגעזעצליך. נאכגע=
בענדיג די ארבייטער, האט מען ערלויבט פעראיינען, וועלכע
שטעלען זיך דעם ציעל אויפצוהויבען דעם ארבייטס־לוין. אויף אזא
אפן זענען די ענגלישע ארבייטער=פעראיינען צום ערשטען
מאל אין 1825־טען יאהר געווארען לעגאל. נאר פון דעם האלבען
אנערקענען ביז צו פאלקאמען פעראיינס־פרייהייט איז נאך געוועזען

זעהר ווייַט. ווי מיר וועלען שפּעטער זעהען, האָט מען נאָך בעֶ=
דאַרפט גאַנצע פופציג יאָהר, איידער עס איז געלונגען דעם ענגלישען
פּראָלעטאַריאַט צו פערווירקליכען די אָרגאַניזאַציאָנס-פרייהייט אין
פולען זין *פון וואָרט*.

V
די גרויסע נאַציאָנאַלע פעראיינען.

אין דער עפּאָכע, ווען ס'האָט געהערשט דאָס „אַלגעמיינע
געזעץ געגען קאָאַליציע" האָבען די אַרבייטער=פעראיינען געטראָגען
אַנאָרטיגען כאַראַקטער, אַריינעמענדיג אַלס פעראיין-מיטגלידער
די אַרבייטער פון איין שטאָדט, אָדער פון איין אינדוסטריעלען
געגענד. אמת טאָקע, אַז אפילו דאַמאָלסט בעמערקט זיך שוין
אָפטמאָל אַ שטרעבונג צו אַ ברייטערע פעראייניגונג, צו פעראייניגען
דעם פּראָלעטאַריאַט פון פערשידענע ענגלישע שטעדט. נאָר דיעזע
שטרעבונגען האָבען פאָרט ניט געבראַכט צו קיין שטאַרקע און רעגוליער=
פונקציאָנירענדע אָרגאַניזאַציעס. די שטרעבונג האָט זיך נאָר אויס=
געדריקט אין צייטווייליגע אָרגאַניזאַציעס צוליעב וועלכען עס איז ספּע=
ציעלען ציעל. אַזוי, למשל, ביי עטליכע גרויסע שטרייקען זענען
אַרבייטער פון פערשיעדענע שטעדט אַריינגעטרעטען אין שטענדיגע
בעציהונגען צווישען זיך מיט דעם ציעל צו שטיצען די שטרייקענדע,
דאָס איינענע האָט מען אויך געטהאָן ביי אַ געריכטס-פּראָצעס פון
וועלכען=עס=איז אָרטיגען פעראיין. נאָכדעם, אַז דער שטרייק אָדער
געריכטס=פּראָצעס פלעגט זיך ענדיגען, פלעגען צוריק אָבגעריסען
ווערען די בעציהונגען. הייסט דאָס, אַז דאָ קען מען נאָך ניט
רעדען וועגען אַ בעוואוסטזיניגע סאָלידאַריטעט צווישען דעם אַרביי=
טער=קלאַס פון ענגלאַנד. מיר זעהען נאָר שוואַכע קערענדלעך
פון דעם קלאַססען בעוואוסטזיין.

נאָך דעם ווי עס איז אָבגעשאַפט געוואָרען דאָס געזעץ פון
1799-טען יאָהר, האָט זיך דאָס בילד אַביסעל געענדערט. די
אידעע וועגען אַלגעמיינע סאָלידאַריטעט צווישען דעם גאַנצען אַרביי=
טער=קלאַסס אין ענגלאַנד איז אַלע מאָל מעהר פערשפּרייט געוואָרען;
עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען איינצוואָרצלען מעהר אָדער ווייניגער
קלאָרע בעגריפען וועגען די סאָציאַלע אויפגאַבען פון דעם אַרבייטער

קלאסס; עס האבען זיך שוין בעוויזען די טעארעטיקער פון דעם זאגענאנטען „אויטאפיסטישען" סאציאליזם, פון וועלכען בראש איז געשטאנען דער בעריהמטער מאן ראבערט אווען.

מיר האבען אנגערופען ראבערט-אווענ'ס טעאריע אויטא-פיסטישער סאציאליזם. וואס איז דאס אזיינס? אווען האט געלערנט, אז די מאדערנע קאפיטאליסטישע פראדוקציאן דאר-ף אבטרעטען איהר ארט דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן, וואו די ארבייטס-געציייג וועלען געהערען ניט צו יחידים נאר דער גאנצער געזעלשאפט.

אויף אזא אופן קומט אויס, אז אין זיינע ציעלען שטעהט אווען אויף דעם שטאנדפונקט, וואס די מאדערנע סאציאליסטען, דעריבער איז זיין טעאריע א סאציאליסטישע. אבער פאר וואס איז דיעזער סאציאליזם א אויטאפיסטישער? אין וואס בעשטעהט די אויטאפיע? אווען האט זיך אזוי פארגעשטעלט: די סאציאליסטישע ארדנונג איז די בעסטע יושר'דיגע געזעלשאפטליכע איינריכטונג; אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט ווערען אם בעסטען צופרידען געשטעלט די אינטערעסען און בעדערפניסען פון אלעמען אהן שום אונטערשיעד, און דעריבער דארף דאך יעדערער צי א פאבריקאנט, צי אנ'ארבייטער, צי אנ'ארענדאטאר, צי א לארד, מיטפיהלען דער צוקונפטיגער געזעלשאפט, שטרעבען צום סאציא-ליזם, אויב ער וועט נאר פערשטעהען, וואס פאר בעזאנדערס גוטע מעלות דער סאציאליזם האט אין פערגלייך מיט דער היינטיגער בורזשואזער ארדנונג.

אזוי האט אווען גערעכענט, און ער האט זיך טאקע געווענדעט מיט זיין לעהרע צו אלע געזעלשאפטליכע שיכטען, ער האט געגרינדעט קאאפעראטיווע (פראדוקטיוו און קאנסום) חברות צווישען די ארבייטער, ער האט געזוכט איבערצייגען די קאפיטאליסטען זיי זאלען איהם נאכטהאן. ער האט פראפאגאנדירט זיין אידעע די מיניסטארען, ער האט אפילו צושיקט אויסגעארבייטע פראעקטען צו אלע אייראפייאישע מאנארכען, בעת זיי זענען זיך צונויפגעפארען אויף דער אינטערנאציאנאלער דיפלאמאטישער קאנפערענץ. אויף דעם ערשטען בליק קען אויסוויייזען, אז אווענס חברות זענען זעהר איבערצייגענדע און באמת דער סאציאליזם איז א גליק פאר אלע מענשען, יעדער מענש שטרעבט צו זיין

גליק, ממלא קומט אויס, אז י ע ד ע ר מענש דארף שטרעבען צום סאציאליום. — וואס קען זיין נאטירליכער און פשוטער פון אזא שלום ?

דער טעות פון א וו ע ן (ווי אויך פון א סך אנדערע אוטאפיסטען ווי, למשל, אונזער גרויסער שרייבער לעוו ניקאלאיעוויטש טאלסטאי) בעשטעהט אין דעם, וואס לויט זייער מיינונג האבען אלע מענשען איין מאראלען יסוד און א גלייכען בעגריעף וועגען גוט און שלעכט. באמת איז עס אבער נישט אזוי. די היינטיגע געזעלשאפט בעשטעהט ניט פון איינארטיגע מענשען מיט גלייכע אינטערעסען און מיט גלייכע בעגריפען וועגען גוט; זי בעשטעהט פון פער־שיעדענע, אפטמאל פיינדליכע ק ל א ס ע ן, און עס קומט דעריבער אויס, אז דאס, וואס פאר איין קלאסס איז גוט, איז שלעכט פאר דעם אנדערען קלאסס און פערקעהרט. צווישען מענשען פון פער־שיעדענע קלאססען איז ניט נאר ניטא קיין פאלשטענדיגע מאראלישע איינהייט, מעהרסטענטהיילס קענען זיי זיך אפילו ניט פערשטעהן איינער דעם צווייטען. מיר וועלען דאס ערקלערען מיט א משל: דער 8 שעה'דיגער ארבייטס־טאג, טענה'ט דער פראלעטאריער, איז א פאדערונג פון דער נאטירליכער ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט. כדי זיך ארויסצושלאגען פון דער שפל'דינער לאגע פון ארבייטער־בהמות, כדי מיר זאלען קענען ווערען מ ע נ ש ע ן אין אמת'ען זין פוןווארט, מוזען מיר ענטוויקלען אונזערע גייסטיגע בעדערפניסען, פערנעהמען זיך מיט גייסטיגע ארבייט און נעהמען א ברייטען אנטהייל אין פאליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען פון אונזער פאלק. נאר דאס אלץ קען מען נאר דאמאלסט ערייכען, ווען מיר וועלען האבען אין טאג לכל הפחות אזוי פיעל פרייע צייט, וויפיעל מיר גיבען אוועק דער פיזישער ארבייט. אראפנעהמענדיג פון מעת לעת 8 שעה שלאפען, בלייבט דאך 16 שעה, און א העלפט פון 16 איז פונקט 8; הייסט דאס, אז ביי אנ' 8 שעה'דינען ארבייטס־טאג בלייבט אונז א ה א ל ב ע ר טאג צו בעפרידיגען אונזערע העכערע בעדערפניסען, און דאס נאך אויך ניט אין גאנצען, ווייל דערפון דארף מען דאך נאך אראברעכענען צייט אויף מיטאג, אויף צוגעהען פון פאבריק א היים א. ז. וו. מיט דעם 8 שעה'דיגען ארבייטס־טאג, זאגט ווייטער דער פראלעטאריער, ענדיגען זיך נאך ניט אונזערע אלע פאדערונגען: דאס איז נאר

די ערשטע, די איינפאכסטע פאדערונג: אויב מען וועט שוין אפילו איינפיהרען אזא ארבייטס-טאג, וועט דאס נאך אויך נישט זיין דער גאנצער געזעלשאפטליכער יושר. דאס קען נאר פערניכטען די ווילדסטע אונגערעכטיגקייט פון דער עקזיסטירענדער ארדנונג. אנ׳ 8 שעה׳דיגען ארבייטס טאג?! פילדערט דער קאפיטאליסט. דאס הייסט דאך פארקלענערען מיין ריוח כמעט אויף העלפט. דאס וואלט געוועזען די גרעסטע אונגערעכטיגקייט! דער ריוח איז די נאטורליכע אנוואקסונג פון מיין קאפיטאל. אריינמישען זיך אין דעם האט קיינער קיין רעכט ניט, אפילו די רעגירונג אליין. די ארבייטס-בעדינגונגען אויף מיין פאבריק דארפען זיין בעשטימט לויט א פרייען אבמאך צווישען מיר און מיינע ארבייטער. דאס שטאמט פון הייליגען אייגענטהומס-פרינציפ אליין. אויב די רעגירונג וועט צוליעב דער ווילדער מאססע בעשטימען אנ׳ 8 שעה׳דיגען ארבייטס-טאג, וועט דאס זיין די גרעסטע אונגערעכטיגקייט, דער גרעסטער געוואלדטהאט, וועלכע איז ווען ס׳איז פארגעקומען אין דער געשיכטע. דאס פריוואט-אייגענטומס-רעכט, דער שטארקסטער פונדאמענט פון יעדען נארמאלען צוזאמענלעבען, וועט ביז׳ן גרונד צוטרייסעלט ווערען. הייסט דאס, אז סיי דער קאפיטאליסט, סיי דער פראלעטאריער ווענדען זיך ביידע צום מאראלען אידעאל, רופען צו גערעכטיגקייט. נאר דאס, וואס פאר איינעם איז די גרעסטע גערעכטיגקייט, איז פאר דעם צווייטען די גרעסטע אונגערעכטיגקייט. די בעגריפען וועגען יושר, גוטס, גליק א. אז. וו. שפיגלען נאר אב אין זיך די קלאסען-אינטערעסען, און אזוי ווי די אינטערעסען פון קאפיטאליסט און פון פראלעטאריער זענען געגענזעצליך, פערשטעהט זיך, אז זייערע מאראלע אידעאלען זענען אויך געגענזעצליך. עס איז קלאר, אז קיין איבעראיינשטימונג, קיין שום געמיינזאמע געזעלשאפטליכע ארבייט קען צווישען די ביידע קלאסען ניט עקזיסטירען—דא איז מעגליך נאר דער קאמפף.

אט דאס האט אווען ניט פערשטאנען. ער האט געהאלטען די סאציאליסטישע ארדנונג פאר א „נאטירליכע ארדנונג" און האט געמיינט אז יעדער לאגיש דענקענדער מענש מוז פערשטעהן איהר צוועק מעסיגקייט. לויט אווען׳ס מיינונג איז דער קאפיטאליזם,

וועלכער ברענגט די פאָלקסמאַסען דלות און אונטערדריקונג, נאָר אַ פשוטער „טעות" פון מענשען; ער איז נאָר אַ פּראָדוקט פון זייער אומוויסענהייט און נאַרעשקייט. מען דאַרף נאָר פאַנאַנדער=טרייבען די פינסטערניש, בעווייזען די צוקונפטיגע אָרדנונג אין איהר גאַנצער פּראַכט און וואַהרהייט און די היינטיגע מענשהייט וועט זיך פשוט דערשרעקען פאַר די איצטיגע נידערטרעכטיגקייטען, און ווי אַ בלינדער, וואָס האָט פּלוצלונג דערזעהן די ליכטיגע שיין, וועט זי זיך מיט בעגייסטערונג און ענטוזיאַזם אַוואַרף טהאָן אין די אָרמען פון דער „נייער מאָראַלער וועלט" *). פערשטעהט זיך, אַז לויט אָ וו ע נ ׳ ע ן איז דער איבערגאַנג צום סאָציאַליזם ניט קיין לאַנגזאַמע שריטווייזע ענטוויקלונג, נאָר אַ פּלעצליכע איבערקעהרעניש, וועלכע וועט ווי אַ בליץ בעלייכטען די פינסטערניש פון היינטיגען לעבען. דער סאָציאַליזם דאַרף אַריינקומען אין דער וועלט פּלוצלונג און אונבעמערקט און כדי ער זאָל באמת קומען, דאַרף מען ניט קיין שום קאַמפּף, מען דאַרף ניט די אונגוצליכע מלחמות, מען דאַרף נאָר פריעדליכע מוסר און ביישפּיעלען" אין לעבען. אין די צוויי ווערטער „מוסר" און „ביישפּיעלען=בעשטעהט אָ וו ע ן ׳ס גאַנצע פּראַקטישע פּראָגראַם. ער האָט געגרינדעט ביי זיך אין דער פאַבריק אין ניו=לאַנאַרק אַ פּראָדוקטיוו=גענאָסענ=שאַפט, כדי צו בעווייזען אַ ביישפּיעל פון דער צוקונפטיגער אָרדנונג. ער האָט אַגיטירט, געגרינדעט אָרגאַניזאַציעס פון זיינע אָנהענגער אין דער ענגלישער אינטעליגענץ און פּראָלעטאַריאַט מיט דעם איינציגען צוועק צו פערגרעסערען די רייהען פון די פ ר ע ד י ג ע ר. אַלע קאַמפּפס־אויפגאַבען זענען געוועזען פרעמד אָווען׳ס אָרגאַניזאַציעס, נאָר פון אַלע אַרטען קאַמפּף האָט ער אַם וועניגסטענס סימפּאַטיזירט מיט דעם פּאָליטישען קאַמפּף. לויט זיין מיינונג איז די פּאָליטיק נאָר אַ ממשלה פון נידערטרעכטיגע פערזענליכע אינטריגען... ער האָט דעריבער געראַטהען די אַרבייטער זיך ניט אַריינצומישען אין פּאָליטיק.

די פּראַקטיק האָט אונז געוויזען, אַז אָ וו ע ן האָט זיך שטאַרק טועה געווען. נאָר די עראָבערונג פון פּ אָ ל י ט י ש ע

*) „די נייע מאראלע וועלט" — אזוי רופט זיך דאס הויפט ווערק פון ראבערט אווען.

ר ע כ ט ע ן גיט די אַרבּייטער פון אַלע לענדער און פעלקער די מעגליכקייט דורכצופיהרען און צו פערטהיידיגען יענע מאַסרעגעלען, וועלכע זענען די פאַרבּערייטונגס-שטופען צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג, און נאָר מיט דער הילף פון דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר מ אַ כ ט, קען דער אַרבּייטער-קלאַס אין גאַנצען איבּערבּויען די היינטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג.

אויף אַזאַ אופן זעהען מיר, אַז די טעאָריע פון אָ ו ו ע ן און זיינע אָנהענגער איז געווען פול מיט איינפאַכע קינדערשע חלומות. נאָר דיזע חלומות זענען ניט געווען קיין רעזולטאַט פון אונוויסענהייט. שוין דער פאַקט אַליין, אַז צוזאַמען מיט אָ ו ו ע ן האָבּען אַ גאַנצע רייהע געניאַלע מענשען (פוריע, סען-סימאָן) זיך אויך געהאַלטען דיזעלבּע אַנזיכטען וועגען דער סאָציאַלער רעוואָלוציע*) בּעווייזט שוין, אַז די סבּה פון די אוטאָפּיסטישע קורצזיכטיגקייט דאַרף מען זוכען טיעפער, אין די געזעלשאַפטליכע בּעדינגונגען פון דאַמאָלדיגען לעבּען גופא.

אין דער עפּאָכע פון די סאָציאַלע אוטאָפּיסטען האָט דער קאַפּיטאַליזם איבּערגעלעבּט זיין „גילדערנע וואָך". דער רעגירונגס-שוץ איבּער דער פּראָדוקציאָן איז געפאַלען צוזאַמען מיט די לעצטע חורבות פון פעאָדאַליזם, פון דער טריאומפירענדער בּורזשואַ האָט שטאָלץ ערקלערט דער וועלט דעם „הייליגען פּרינציפּ פון פרייע קאָנקורענץ". אַלע פּרוזשינעס פון ווירטשאַפטליכען מעכאַניזם פון דער געזעלשאַפט זענען געווען אין די הענד פון דער בּורזשואַזיע. און אין אַלע געבּיטען סיי פון פּראַקטישען לעבּען, סיי פון טעאָרעטישען געדאַנקען האָט אונבּעגרענצט געהערשט די בּורזשואַזיע. די בּורזשואַזיע און נאָר די בּורזשואַזיע האָט געשפּיעלט די אָרגאַניזאַטאָרישע ראָלע פון דעם „קאָמאַנדירענדען" קלאַס. אין פּראָלעטאַריאַט האָט געהערשט אַ פּערשטיקטע, אונבּעוואוסטזיניגע אויפרעגונג. זיין בּרענענדער צאָרן געגען דעם דריקענדען יאָך, וואָס איז אויף איהם געלעגען, האָט זיך אויסגעגאָסען אין די פאָרם

*) דער בּעוואוסטער פראַנצויזישער אוטאָפּיסט פוריע איז געווען אזוי זיכער אין דער אונבּעזיגבּארער קראַפט פון זיין לעהרע, אז ער פלעגט יעדען טאג פון 12 ביז 1 זיצען אין שטוב און ווארטען אויף א געוויסענהאפטען קאַפּי-טאליסט, וועלכער זאל מנדב זיין א מיליאָן כדי צו פערווירקליכען די ערשטע סאציאליסטישע קאלאניע. פערשטעהט זיך, אז קיינער איז נישט געקומען.

פון פערניכטונג און צושטערונג: ער האט געבראכען די מאשינען, חרוב געמאכט די פאבריק-געביידעס, נאר ער האט פאר זיך ניט געהאט קיין בעשטימטען, קלארען ציעל. אין דיעזער עפאכע האט דער ארבייטער-קלאס נאר געוואוסט די נעגאטיווע זייטען פון זיין לאגע, ער האט געקרעכצעט אונטער דעם יאך פון עקספלואטאציע, מאסענווייז אומגעקומען פון ארבייטסלאזיגקייט. אין לעבען, וועלכער האט איהם ארומגערינגעלט, האט ער ניט געזעהען קיין שום ליכטיגען שטראל, קיין שום מעגליכקייט צו געפינען א שטיץ-פונקט, צו פיהרען א פאזיטיווע ארבייט פיר זיין בעפרייאונג. עס האבען נאך דאמאלסט ניט עקזיסטירט די גרויסע פראפעסיאנעלע פעראיינען, וועלכע פעראייניגען איצט אלע ארבייטער פון ענגלאנד און לייגען ביסלעכווייז דורך א וועג צו דער פערוואלטונג מיט דער פאלקס-ווירטשאפט. אזעלכע ארגאניזאציעס, וועלכע פערוואנדלען ביסלעכווייז דעם פראלעטאריאט פון א פשוטען לעבעדיגען געזעלשאפטליכען פראדוקציאנס-מאטעריאל אין א בעוואוסטזיניגען אנפיהרער, אזעלכע ארגאניזאציעס זענען נאך אין אנפאנג׳ס צייטען נישט מעגליך געוועזען. דאמאלסט זענען די מאסען פון פראלעטאריאט נאך געוועזען אין דער לאגע פון ארבייטס-פיה, פון לעבעדיגע מאשינען. צו א בעוואוסטזיניגען קאמפף פאר זיינע אינטערעסען, איז נאך דער פראלעטאריאט ניט פעהיג געוועזען. זיין זעלבסטשטענדיגער פאליטישער קאמפף האט דאמאלסט נאר וואס אנגעהויבען ארויס-צושפראצען. עס האט גאר קיינער ניט געגלויבט, אז אט די דערשלאגענע מאסע וועט אליין קעמפפען פאר איהר בעפרייאונג, אז זי וועט זיין א טרייב-קראפט, וועלכע וועט גרינדליך אומענ-דערען די געזעלשאפטליכע ארדנונג. די סאציאלע אוטאפיסטען איז נאר געבליבען איין עצה: אויסצוטראכטען א פלאן צו בעפרייען דעם פראלעטאריאט אהן זיין זעלבסטשטענדיגען קאמפף. מיט איין ווארט, זייערע אלע פראקטישע פלענער ערקלערען זיך נאר מיט דער דאמאלסטיגער לאגע פון פראלעטאריאט.

ניט נאר אין די פראגען פון פראקטישע טהעטיגקייט, נאר אפילו אין זיין אידעאל, אין זיין בעגריעף וועגען דער צוקינפטיגער געזעלשאפט טראגט דער סאציאלער אוטאפיזם א קלאר אויסגעדריקטען

שטעמפעל פון דער דאמאלסטדיגער אונציטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג.

אין אנהויב XIX־טען יאהרהונדערט איז די פראדוקציאן איבעראל געוועזען צוואורפען אין קליינע זעלבסטשטענדיגע אונטערנעהמונגען: דער געמיינזאמער אינערליכער צוזאמענהאנג פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט האט זיך ארויסגעוויזען זעהר ניט קלאר, און אפילו אין ענגלאנד האט די גרויס־אינדוסטריע נאך אויך ניט געשפיעלט די הויפט־ראלע.

פערשטעהט זיך, אז פאר די סאציאלע אוטאפיסטען האט זיך די סאציאלע ארדנונג פארגעשטעלט ניט אלס א גאנצע צוזאמענגעשמאלצענע ארגאניזאציע פון דער גאנצער פאלקסווירטשאפט, נאר אין דער פארם פון א גאנצע רייהע קליינע פראדוקטיוו־גענאסענשאפטען, וועלכע טוישען זיך פריי מיט די פראדוקטען. אידעאלען פאלען איבערהויפט ניט אראב פון הימעל; זיי נעהמען שטענדיג זייער אינהאלט פון ארומיגען לעבען. ווי מיר זעהען האבען די סאציאלע אוטאפיסטען גענומען פאר זייער אידעאל די געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע, אין וועלכער דער דאמאלסטדיגער קאפיטאליזום האט זיך פערקערפערט; זיי האבען נאר אומגעביטען די ארגאניזאטארען: אנשטאט זעלבסטשטענדיגע קאפיטאליסטען האבען זיי אוועקגעשטעלט זעלבסטשטענדיגע ארבייטער־פעראיינען, די מיטגליעדער פון די חברות.

אין אווען'ס צייטען איז אזא שטאנדפונקט געוועזען זעהר נאטירליך, ווייל ער איז פאלקאם געווען צוגעפאסט צו די לעבענס־בעדינגונגען. גאנץ אנדערש איז אבער איצט, ווען די ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן האט שוין עררייכט די העכסטע ענטוויקלונגס־מדרגה. פון דעסטוועגען געפינען מיר נאך אפילו היינט ארבייטער איבערהויפט אין די יונגע קאפיטאליסטישע לענדער, ווי למשל אינזער רוסלאנד, וואו עס הייבט זיך ערשט אן די סאציאליסטישע בעוועגונג, וועלכע שטעלען זיך פאר דעם סאציאליזם, אלס א פרייען פערבאנד פון בעזונדערע גענאסענשאפטליכע פאבריקען. פאר אנ'ארבייטער, וועלכער האט ערשט אנגעהויבען צו טראכטען וועגען זיין געזעלשאפטליכער לאגע, שטעלט זיך פאר אזא לעזונג פון דער ארבייטער־פראגע די איינפאכסטע און די פשוט'סטע. ער טראכט זיך אזוי: דאס הויפט

שלעכטס, וועלכע מען מוז אויסראטען, איז די עקספּלואטאציע פון די ארבייטער און דעריבער דארף מען נאר בעזייטיגען דעם פאבריקאנט, איבערגעבען די פאבריק די ארבייטער, וועלכע ארבייטען אויף איהר, און ס'וועט שוין אלץ גוט זיין! וואס קען זיין איינפאכער און בעסער? נאר אזוי דוכט זיך נאר. באמת איז דא פאראן צוויי אירטהומען. ערשטענס, קען מען דורך קיין איינצעלנע גענאססענשאפטען ניט פערניכטען דעם קאפּיטאליזם. די קאפּיטאליסטען וועלען אין אלגעמיין זיין שטענדיג שטארקער פאר די קליינע ארבייטער־גענאססענשאפטען. ווען די ארבייטער וואלטען זיך צוגעהערט צו אווען'ס עצות, וואלט אפשר עטליכע ארגאניזאציעס געלונגען צו ווערען פּראדוקטיוו־גענאססענשאפטען, אבער ס'איז גאר אוממעגליך, אז א ל ע איינצעלנע ארבייטער־גענאססענשאפטען זאלען ווערען אייגענטהימער פון פאבריקען. צווייטענס וויעדער ווען דער פּלאן וואלט שוין אפילו געלונגען, ווען אפילו אויף דעם ארט פון אלע קאפּיטאליסטען פון לאנד, וואלטען אויסגעוואקסען זעלבסטשטענדיגע ארבייטער־גענאססענשאפטען, וואלט דאס נאך אויך ניט הייסען די פאלקאמע פערווירקליכונג פון דעם סאציאליסטישען אידעאל. אמת טאקע, אז דא וואלט שוין פערניכטעט געווארען די עקספּלואטאציע פון פרעמדע ארבייטער; די ארבייטער וואלטען אין דער זעלבער צייט אויך זיין בעלי־בתים; נאר דער אנדערער יסוד פון קאפּיטאליזם, דער ווארען־מויש, די קאנקורענץ פון איינצעלנע סחורה־פּראָדוצענטען, די פּראדוקציאנס־אנארכיע, וועלכע שטאמט דערפון, וואלט פערבליבען אויף ווייטער. פונקט ווי פריהער וואלטען די פּראדוקטען געווארען סחורות, די ארבייטער־גענאססענשאפטען, האנדלענדיג מיט זייערע פּראדוקטען, וואלטען מוזען אנהויבען צווישען זיך קאנקורירען. אין דער קאנקורענץ וואלט א טייל גענאססענשאפטען זיעגען, דער אנדערער פאלען.

אויף אזא אופן קומט אויס, אז אויב אפילו א וו ע נ'ס פאנטאזיעס וואלטען מקוים געווארען, וואלט אין א משך פון א קורצע צייט א גרויסע צאהל אסאציאציעס הרוב געווארען, און די געזעלשאפט וואלט סוף כל סוף צופאלען פונקט ווי פריהער אויף א גרויסע מאסע פּראלעטאריער אונד א קליינע הייפעלע קאפּיטאליסטען. ביי דער סאציאליסטישער ארדנונג דארפען די פּראדוקציאנס־

מיטלען זיין דאס אייגענטהום ניט פון איינצעלנע גענאסענשאפטען, נאר פון דער גאנצער געזעלשאפט, ווייל נאר ביי אזעלכע בעדינגונגען וועט מען קענען ארגאניזירען די פראדוקציאן לויט די בעדערפניסען פון אלע מענשען. נאר דאמאלס וועלען די פראדוקטען אויפהערען זיין סחורה, און באלד ווי מען וועט זיי אויסארבייטען וועלען זיי צוטיילט ווערען צווישען אלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט לויט יעדענס בעדערפנים. פון דעם זעהט מען שוין, אז פערווירקליכען אזא ארדנונג זענען ניט בכח קיין איינצעלנע ארבייטער-גרופפען.

אין דער פראקטיק אבער האבען אווען'ס אנהענגער געמוזט אנווענדען זייער אויפמערקזאמקייט אויף די ארגאניזאציע פון פראלעטאריאט. די ווירקליכקייט האט זיי באלד בעוויזען, אז זייערע אידעען קענען האבען אנ'ערפאלג נאר צווישען פראלעטאריאט.

אווען'ס אידעען זענען געוועזען אם מעהרסטענס פאפולער צווישען די ענגלישע ארבייטער אין אנהויב דרייסיגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט. אין דיעזער עפאכע האט זיך געגרינדעט אגאנצע רייהע פעראיינען, וועלכע האבען געפרובט דורכפיהרען אין לעבען אווען'ס פראגראם. די אלע פעראיינען האבען דעם געמיינזאמען אויסערליכען סימן דאס זיי בענוגענען זיך ניט מיט דעם, וואס זיי פעראייניגען די ארבייטער פון איין שטאדט אדער פון איין אינדוסטריעלען ראיאן, נאר זיי שטרעבען ארומצונעמען ווי וויית מעגליך דעם גאנצען ארבייטער-קלאס פון ענגלאנד. די ערשטע פראבע צו פערווירקליכען די אידעע פון אאלגעמיינע נאציאנאלע פעראייניגונג פון גאנצען פראלעטאריאט איז געמאכט געווארען דורך די ארבייטער פון בוימוואל-אינדוסטריע. די גלאזגא'ער בוימוואל-שפינער האבען נאך אין אנהויב פון פאריגען יאהרהונדערט ניט איין מאל געפרובט איינשטעלען פעסטע בעציהונגען צווישען די לאנקאשירער און שאטלאנדער ארבייטער-פעראיינען; נאר בעת עס האבען געהערשט די געזעצען געגען קאאליציע איז זיי ניט געלונגען צו ערגרייכען אין דעם היגזיכט וועלכע ס'איז בעדייטענדע ערפאלגען. דער ערשטער אומשטאנד, וועלכער האט געצוואונגען די בוימוואל-שפינער ערנסט זיך צו פערנעמען מיט דער פראגע וועגען אנ'אלגעמיינע פעראייניגונג, איז געוועזען דער האלביאהריגער שטרייק אין מאנטשעסטער אין

1812=טען יאהר. דער שטקייק האט קלאר בעוויזען די מאנטשעסטער ארבייטער, אז די ארטיגע פעראיינען מיט זייערע איינצעלנע כחות זענען ניט אים שטאנד צו קעמפפען מיט דער קאליציע פון די פאבריקאנטען.

די מאנטשעסטער ארבייטער האבען פארגעלייגט אלע שפינעריי=פעראיינען פון ענגלאנד, שאטלאנד און אירלאנד שיקען זייערע דעלעגאטען צו בעהאנדלען די פראגע וועגען די פעראייניגונג אין איין אלגעמיינעם פערבאנד. די דעלעגאטען האבען זיך פערזאמעלט אין דעצעמבער 1829=טען און דער רעזולטאט פון זייער בעראטונג איז געוועזען די ארגאניזאציע, וועלכע האט געהייסען „דער גרויסער אלגעמיינער פעראיין פון די שפינער אין דער פעראייניגטער מלוכה". דער פעראיין האט בעדארפט ארומנעמען אלע שפינער מאנסלייט פון דער פעראייניגטער מלוכה ד. ה. ענגלאנד, שאטלאנד און אירלאנד (די פרויען האט מען רעקאמענדירט זיך פערביניען אין בעזונדערע פעראיינען). די אבערפערוואלטונג איז געלעגען אין די הענד פון דריי נאציאנאלע קאמיטעטען: ענגלישער, שאטלאנדער און אירלענדער; כדי צו פעראייניגען זייער טהעטיגקייט איז בעשטימט געווארען דאס יעדען יאהר זאל פארקומען א צוזאמענפאהר פון זייערע דעלעגאטען. באלד אבער האט זיך ארויסגעוויזען, אז אזא מין ארדנונג איז ניט בעקוועם, און אנשטאט דריי זעלבסטשטענדיגע קאמיטעטען איז בעשטימט געווארען איין צענטראל=קאמיטעט אין מאנטשעסטער. אזוי האט זיך געגרינדעט דער ערשטער פון די גרעסטע נאציאנאלע ארבייטער=פערבאנדען אין ענגלאנד. עקזיסטירט האט ער ניט לאנג: אין יאהר 1831 נאך א ניטגעלונגענעם שטרייק (אין אלטאן) איז ער צופאלען. די שפינער זענען אבער גיך געקומען צו זיך נאך דיזער מפלה. אין יאהר 1833 האבען זיי וויטער געגרינדעט אן אלגעמיינעם נאציאנאלען פערבאנד אונטער דעם נאמען: „די געזעלשאפט פון נאציאנאלע אויפלעבונג". פון נאמען אליין זעהט מען, אז דער ציעל פון פערבאנד איז געוועזען די פאלקאמע איבערבויאונג פון דער געזעלשאפט לויט אווען'ס פלאן. אלס די נעהענסטע און דירעקטע אויפגאבע האט דער פערבאנד געשטעלט ערקעמפפען אן 8 שעה'דיגען ארבייטסטאג. כדי דאס צו ערריכען, איז אנגענומען געווארען דער

פאלגענדער בעשלוס: דעם 1-טען מערץ ד. ה. דעם טאג ווען עס וועט אנגענומען ווערען דאס געזעץ, וועלכער בעגרענצט דעם ארבייטס-טאג מיט 8 שעה, דארפען אלע ערוואקסענע ארבייטער פארערען, אז דאס געזעץ זאל בעשטימען אנ׳8 שעה׳דיגען ארבייטס-טאג, אלס דעם גרעסטען ארבייטס-טאג פאר אלע ארבייטער, און דער ארבייטס-לוין, וועלכען זיי בעקומען יעצט, זאל זיין בעשטימט אלס דער קלענסטער ביי אנ׳8 שעה׳דיגען ארבייטס-טאג. די פאדערונג האט דער פעראיין געהאפט צו ערגרייכען דורך אנ׳א ל ג ע מ יי נ ע ם ש ט ר יי ק פון דעם גאנצען ארבייטער-קלאס פון ענגלאנד. נאר ווען עס איז אנגעקומען דער בעשטימטער טאג, האט זיך ארויסגעוויזען, אז עס איז אונמעגליך צו נייגען א ל ע ארבייטער צום שטרייק. דער שטרייק איז אין גאנצען ניט געלונגען. עס האבען זיך אנגעהויבען מחלוקות צווישען די מיטגליעדער פון פעראיין און אין גיכען איז דער פעראיין צופאלען.

אין יאהר 1832 האט דער „אלגעמיינער פעראיין פון די בוי-ארבייטער" געהאט זעהר א גרויסען שם צווישען ענגלישען פראלעטאריאט. דער פעראיין האט ארומגענומען צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער, און ער האט אויסגעארבייט אנ׳אויכגעהאלטענע ארגאניזאציאנס-סיסטעם. אין יעדען ארט האבען זיך די בוי-ארבייטער ארגאניזירט אין קליינע פעראיינען לויט זייערע פראפעסיעס. אזעלכע קליינע ארטיגע ארגאניזאציעס האבען געהייסען לאזשען (אויף אזא אופן האט אין יעדער שטאדט עקזיסטירט א לאזשע פון שטיין ארבייטער, א לאזשע פון סטאליארעס א. ז. וו.) אלע לאזשען וועלכע האבען זיך געפונען אין איין אינדוסטריע-ראיאן, האבען אויסגעקליעבען דעלעגאטען, וואס האבען געבילדעט די זאגענאנטע „ראיאן-לאזשען". אלע ראיאן-לאזשען זענען נאר געוועזען אבטיילונגען פון דער צענטראל אדער „גרויסער" לאזשע, וועלכע האט פערוואלטעט איבער אלע פעראיינען. אין דער שפיצע פון דער צענטראל-לאזשע איז געשטאנען: א גראסמייסטער, וויצע גראסמייסטער און א סעקרעטאר פון פעראיין. די נעמען פון די בעאמטע און פון די פעראיין-אבטהיילונגען (לאזשע, גראסמייסטער) האבען די ארבייטער גענומען ביי די פריידענקענדע אנטיקאטוילישע געזעלשאפט,

וועלכע האט ליעב געהאט ארויפצואווארפען אויף זיך א געהיימניספאלען שלייער, ביי די פריימויערער לאזשע. און ניט נאר די נעמען נאר אלע אויסערליכע הלכות פון די פעראיינס=פערזאמלונגען, האבען זיי אויך גענומען ביי די געהיימע רעליגיעזע געזעלשאפטען, וועלכע זענען געוועזען אין אנהויב XIX־טען יאהרהונדערט זעהר פערשפרייט איבער גאנץ אייראפא. אלע מעהר אדער וועניג וויכטיגע ענינים פון פעראיין זענען דורכגעפיהרט געווארען מיט פערשיעדענם געהיימניספאלע צערעמאניעס. די מיטגליעדער פלעגען קומען אויף די פערזאמלונגען אין ספעציעלע פאנטאסטישע בגדים. זיי האבען געהאט א גאנצע רייהע פאראלען, פערשיעדענע געהיימע צייכען, דורך וועלכע די מיטגליעדער פון דער זעלבער לאזשע האבען געהאט די מעגליכקייט זיך צו ערקענען. ביים אננעמען נייע מיטגליעדער פלעגט מען זיי צווינגען אבצוגעבען א פייערליכע שבועה, אז זיי וועלען אונבעדינגט זיין געהארכזאם און היטען די געהיימניסען פון פערבאנד. דיזער געהיימניספאלער שלייער, וועלכער דעמאנט אונז אן מיטעל=אלטער, איז בעצם געוועזען אין גאנצען איבריג. חאטש דער פערבאנד האט פונקט ווי אלע איבריגע אווען׳ישע ארגאניזאציעס, געשטרעבט צו א פאלקאמע געזעלשאפטליכע איבערקערעניש, האט ער פון דעסטוועגען ניט געמאכט און ניט געוואלט מאכען קיין שום פערשווערונגען. ער האט געקעמפפט פיר זיינע ציעלען מיט אפענע לעגאלע מיטלען. פון דעסטוועגען האט דער פערבאנד ארויפגעווארפען אויף דער בורזשואזיע א מורא׳דיגען שרעק און טאקע צוליעב זיינע געהיימניספאלע צערעמאניעס. די בורזשואזיע האט געמיינט, אז אויב א מענש מהואט זיך אן א הילע און זיצט ביי נאכט ביי שווארצע טישען, וועלכע זענען געצירט מיט שארבענס און ביינער, מוז אין זיין נשמה אויך ליעגען שווארצע און גרויליכע מחשבות. דער פחד פון דער בורזשואזיע האט זיך נאך פערגרעסערט, ווען די ארבייטער=פעראיינען האבען אין יאהר 1832 ערקלערט א שטרייק און אנגעהויבען רעדען מיט די אונטערנעהמער אויף אזא לשון, אין וועלכען עס האט געקלונגען דער בעוואוסטזיין פון זייער מאכט און פעראכטונג צום שונא. מיר וועלען ברענגען א מוסטער פון דער דאזיגער שפראך: „מיר אנערקענען אייך פאר שולדיג — שרייבט דער פעראיין, ווענדענדיג

זיך צו די אונטערנעהמער — אין דעם, וואס איהר בעציהט אייך ניט מיט פאסענדער אכטונג צו אונזערע סטאטוטען, און מיר האלטען פאר גערעכט אייך שטרענג דערפאר צו בעשטראפען". אין אנ'אנדערע פראקלאמאציע וועגען דעם שטרייק זאגט זיך ווייטער: „איהר דארפט אבצאהלען יעדען, וועלכער האט גענומט שטרייקען צוליעב אייער עקשנות, פאר יעדען טאג צו 4 שילינג (2 רובל)". אזא טאן האט די קאפיטאליסטען שטארק אויפגערעגט. אין יאהר 1833 איז פארגעקומען די בעראטונג פון די אונטער־נעהמער פון בוי־ארבייט, וואו עס איז בעשטימט געווארען ניט נאר ניט צו ערפילען די פאדערונגען פון די ארבייטער, נאר אנ־צואווענדען אלע קרעפטען, כדי צו צושטערען דעם פעראיין. עס איז בעשטימט געווארען, אז קיין אונטערנעהמער טאר ניט צונעהמען קיין שום ארבייטער, כל זמן יענער וועט ניט געבען קיין פארמעלע חתימה, אז ער טרעט ארויס פון פערבאנד*).

די ארבייטער האבען אויך בעשטימט קעמפפען ביז צום סוף. 270 רעלעגאטען האבען זיך פערזאמעלט אויף א בעראטונג כדי צו בעהאנדלען די קאמפפס־מיטלען געגען די אונטערנעהמער. די שטימונג ביי די ארבייטער איז געוועזען זעהר א געהויבענע און א פרעהליכע. זיי זענען ניט נאר געוועזען זיכער אין זייער נצחון, זיי האט זיך אפילו אויסגעוויזען, אז די וועלט שטעהט איצט כמעט אויף דעם שוועל פון דער סאציאליסטישער ארדנונג. אט וואס עס האט געשריעבען אין דער פעראיינס־צייטונג איהר רעדאקטאר: „א גוט איינגעארדענטער פעראיין — אט דאס איז אלץ וואס מען דארף, כדי צו פערטרייבען די ארעמקייט פון אונזער געזעלשאפט. מיר וועלען איצט אויספרובען דעם בעריהמטען כח פון קאפיטאל. איהר וועט באלד זעהען די נישטיגקייט פון דיזער קראפט, ווי באלד נאר מען וועט ביי איהר צונעמען דאס רעכט צו עקספלואטירען אונזער ארבייט. די ארבייט איז די איינציגע זאך, וואס בעשאפט רייכטהים; אין גיכען וועט זי שטעהן העכער פון די אכזריות'דיגע געלד, אין גיכען וועלען די קאפיטא־ליסטען זיך מוזען ווענדען צו אונז מיט א בקשה, אז איהר זאלט זיי בעפרייען פון זייער פערמעגען, וועלכער וועט פערלירען יעדען

*) אזא מין פאדערונג איז דערנאך געווארען זעהר אין מאדע ביי די ענגלישע אונטערנעהמער. זי איז בעוואוסט אונטער דעם נאמען „צישטעלען א דאקומענט".

ווערטהע". אט איז די ווערטער האט זיך קלאר ארויסגעוויזען די שטימונג פון אלע ארבייטער פון פעראיין. די רעדען פון די בעראטונגס=מיטגליעדער זענען געוועזען פול מיט בעגייסטערונג און גלענצענדע האפנונגען. ראבערט אווען אליין האט אויך בעזוכט די פערזאמלונגען און לויט זיין פארלאגע איז אין בירמינגהאם פארגעקומען א פייערליכע גרינדונג פון א „הויז פיר דעם בוי=פעראיין". דאס הויז האט געזאלט דיענען אלס אנ'ארט אויף זיצונגען פאר דעם צענטראל=קאמיטעט פין פעראיין און אויך אנ'ערציהונגס=איינריכטונג פאר די בירגער פון דער „צוקינפטיגער וועלט".

די שעהנע האפנונגען פון דעם „בוי=ארבייטער=פעראיין" זענען אזוי גיך צושטרויט געווארען, ווי גיך זיי זענען אויסגעוואקסען. דער ארבייטער־שטרייק אין ליווערפול און אין מאנטשעסטער האט געליטען א פאלקאמע מפלה. די פרעהליכע שטימונג האט זיך גיך פערביטען אויף א טרויעריגע. די מיטלען זענען שוין געוועזען אויסגעשעפט. עס האבען זיך אנגעהויבען מחלוקות אין געגענזייטיגע בעשולדיגונגען צווישען פערשיעדענע טיילען פון פערבאנד. די גאנצע ארגאניזאציע איז אין גיכען אין גאנצען צופאלען.

מיר וועלען נאך אנווייזען אויף איין „גרויסען פערבאנד", וועלכער איז אויסגעוואקסען א יאהר נאך דער מפלה פון דעם „אלגעמיינעם פעראיין פון די „בוי=ארבייטער". אין יאהר 1834 איז געוועזען א צוזאמענפאהר פון אווען'ס אנהענגער. כדי צוצוגרייטען דעם איבערגאנג צו דער צוקינפטיגער ארדנונג, האבען די אוועניסטען בעשלאסען צו פעראייניגען די ארבייטער פון אלע פאכען אין א גרויסען נאציאנאלען פעראיין.

אין דעם אייגענעם יאהר איז געלונגען צו פערווירקליכען דעם פלאן. עס איז געגרינדעט געווארען אנ'ארגאניזאציע אונטער דעם נאמען „דער גרויסער נאציאנאלער ארבייטער=פעראיין". אין דעם פראגראם פון דעם פעראיין איז א חוץ די געוועהנליכע אויפגאבען פון דעם אלטעגליכען קאמפף אויך אריינגעגאנגען די אויפגאבע: העלפען איבערבויען די געזעלשאפט. מען האט פארגעלייגט דינגען ערד און אויסבויען גענאסענשאפטליכע פאבריקען. באלד ווי עס האט זיך נאר פערשפרייט די ידיעה וועגען דעם

פעראיין, האבען זיך פון אלע געגענדען א שאט געטהאן אלץ נייע און נייע מיטגליעדער. עטליכע וואכען נאך דער גרינדונג האט דער פעראיין שוין געציילט א האלב מיליאן מענשען. איבער גאנץ ענגלאנד האבען ארומגערייזט אגיטאטארען, וואס האבען פערשפרייט די אידעען פון פעראיין און צוגעצויגען נייע מיטגליעדער.

דער גיכער וואוקס פון דעם פעראיין האט איבערגעשראקען די בורזשואזיע. דער פארלאמענט האט בעשטימט א קאמיסיע אין וועלכער עס איז אריינגעגאנגען דער בורזשואזער עקאנאמיסט ס ע נ י א ר און נאך עטליכע יוריסטען, אויסצופארשען די פראגע וועגען די ארבייטער-פעראיינען. דער בעריכט פון די עקספערטען איז געוועזען צוזאמענגעשטעלט אין בלויז שווארצע פארבען. לויט זייער מיינונג שטעהט ענגלאנד אויף דעם ברעג פון אבגרונד צוליעב דעם „דעספאטיזם" פון די ארבייטער-פעראיינען; אויב מען וועט ניט איינהאמעווען די ארבייטער-מאסע מיט דעם אלטען געזעץ פון 1799-טען יאהר, קען מען ניט זיין זיכער, אז ענגלאנד וועט ניט אונטערגעהן.

נאר די רעגירונג האט זיך ניט ערלויבט אנצונעהמען אזעלכע שטרענגע מיטלען: זי האט געפיהלט, אז אומקעהרען דאס געזעץ פון 1799-טען יאהר הייסט בעשאפען א גרעסטע סכנה פאר די ענגלישע בורזשואזיע, דען דאס וואלט זיכער ארויסגערופען א רעוואלוציאנערע בעוועגונג צווישען די ארבייטער. א חוץ דעם איז אין גאנצען איבריג אומצוקעהרען דאס געזעץ געגען קאאליציע. אין געזעץ פון יאהר 1825, ווי מיר האבען שוין דערמאהנט, איז געוועזען פערבאטען יעדער געוואלדטהאט, סטראשונקעס און דרוק. א חוץ דעם איז נאך ניט געוועזען אבגעשאפט דאס געזעץ געגען פערשווערער.

אויפ'ן ווילדסטען אופן האט מען אויסגענוצט דיזען געזעץ אין פראצעס געגען די מיטגליעדער פון דער ד א ר ט ש ע ס ט ע ר ע ר דארפישער אבטיילונג פון „דעם גרויסען נאציאנאלען פערבאנד". עטליכע פויערים פון דארף ט א ל פ ו ד ל אין ד א ר ט ש ע ס ט ע ר זענען בעשולדיגט געווארען אין א פערשווערונג און מען האט זיי פער'משפט ארויסצושיקען אויף 7 יאהר הייל דערפאר, ווייל זיי זענען אריינגעטרעטען אין „גרויסען נאציאנאלען פערבאנד און

איינגעארדענט און דארף א פייערליכע צערעמאניע בעת מען האט געעפענט די אבטיילונג פון פערבאנד.

אלס פראטעסט געגען דארטשעסטערער פראצעס, איז ארגאניזירט געווארען א גראנדיעזע דעמאנסטראציע, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט ניט ווייניגער ווי 30,000 מענשען. די דעמאנסטראציע איז געוועזען דער לעצטער פונק פון דעם אלגעמיינעם ענטוזיאזם, וואס דער „גרויסער נאציאנאלער פערבאנד" האט אויפגעוועקט צווישען דעם ארבייטער-קלאס אין ענגלאנד אין די ערשטע חדשים פון זיין עקזיסטענץ א גאנצע רייהע ניט געלונגענע שטרייקען אין יאהר 1834 און 1835 האבען אויף א סך פערקלענערט די צאהל פון די מיטגליעדער פון דער ארגאניזאציע און דער „גרויסער נאציאנאלער פערבאנד" איז אזוי גיך אראב פון סצענע פונקט ווי אלע, וועלכע זענען געוועזען פאר איהם.

הייסט דאס, די גרויסע נאציאנאלע ארגאניזאציעס פון די דרייסיגער יאהרען האבען געהאט א פאלקאמע מפלה. זייער גורל איז געוועזען, ווי מיר האבען שוין געזעהען, כמעט דערזעלביגער. אין אנהויב א געוואלדיגע געהויבענע שטימונג, א אונגעהויער שנעלער וואוקס, פייערליכע פראקלאמירונג פון דער ברייטער סאציאל-אוטאפיסטישער פראגראם, נאכהער קליינע מיספערשטענדניסען, וועלכע וואקסען זיך פאנאנדער אין גרויסע מחלוקות און ענדליך א גיכע און פאלקאמע מפלה ביי דער ערשטער ערנסטער פראבע אנצוהויבען דעם קאמפף פאר די פערווירקליכונג פון אט די הויכע צילען.

מיר זעהען, אז דאס לעבען אליין האט אריינגעטראגען איסבעסערונגען אין אווען'ס טהעאריע ביי יעדער פראבע צו פערווירקליכען זי אין דער פראקטיק. פאר אווען אדער פאר זיינע תלמידים זענען די פעראיינען נאר געוועזען פעראיינען פון אגיטאטארס, וועלכע האבען געדארפט ווירקען אויף מענשען דורך איבערצייגונג און ביישפיעלען. ניט קוקענדיג דערויף האט דאך דער גרויסער נאציאנאלער פערבאנד, אונטער דעם איינפלוס פון די ארומיגע בעדינגונגען, ניטוועלענדיג זיך געשטעלט אויף דעם באדען פון קלאסען-און פאליטישען-קאמפף.

קיין ערפאלג האבען זיי אין דעם הינזיכט אויך ניט געהאט.

און עס איז ניט קיין חידוש. דער ענגלישער פראלעטאריאט פון די דרייסיגסטע יאהרען האט פערמעגנט א ביסעל צו פיעל יוגענדליכען, פייערדיגען גלויבען, אבער צו ווייניג בעוואוסטזיניגקייט פאר זיינע אויפגאבען.

אין מיטען 30-ער יאהרען ענדיגען זיך די פראבעס צו גרינדען נאציאנאלע פעראיינען.

אין אין דיזער עפאכע האט זיך די לאגע פון די ענגלישע ארבייטער אויף אזוי פיעל פערגרעסערט, אז זיי זיינען ניט געווען בכח צו פירען א שטענדיגע ארגאניזאציע, אפילו אין אזא אויבערפלעכליכער פארמע, ווי די נאציאנאלע פערבאנדען אין די 30-ער און 40-ער יאהרען. אין סוף דרייסיגער יאהרען האט די ארבייטסלאזיגקייט ארומגענומען אונגעהייערע פראלעטארישע מאסען: ניט נאר די פשוטה-ניט געלערנטע ארבייטער האבען געליטען שרעקליכע ארעמקייט, נאר אפילו די געלערנטע ארבייטער האבען בעדייטענד פערלארען זייער פריווילעגירטע לאגע, און זייער לעבענס-צושטאנד האט זיך נידריג אראבגעזעצט. צוליעב דיזע סבות איז אין דער עפאכע פון 1837—42-ער יאהרען די ענטוויקלונג פון די ארבייטער-פעראיינען אבגעטראטען אויף דעם לעצטען פלאן פון פאליטישען קאמפף. די ארבייטער-פעראייניגען זענען פערשוואונדען געווארען אונטער די כוואליעס פון טשארטיזם *).

אין אנהויב 40-ער יאהרען האבען זיך די לעבענס-בעדינגונגען פון די ארבייטער פערבעסערט און מיר בעמערקען שוין ווייטער א אויפלעבונג אין דער טהעטיגקייט פון די ארבייטער-פעראיינען.

אין יאהר 1843 האט צוריק אנגעהויבען עקזיסטירען דער

---

*) טשארטיזם איז געווען א פאליטישע בעוועגונג פון ענגלישען פראלעטאריאט אין די 40-ער יאהרען, וועלכע האט זיך געשטעלט דעם ציעל זיך צו דערלאנגען פון פארלאמענט די פאלגענדע פאדערונגען: אלגעמיינע וואהלרעכט, געהיימע אבשטימונג, גלייכע וואהל-ראיאנען, געהאלט די דעפוטאטען, די פערניכטונג פון דעם פערמעגענס-צענז פאר די דעפוטאטען — אט די אלע פאדערונגען זענען געווען צוזאמען געשטעלט אין דער זאגענאנטער „כארטיא", פון וועלכער עס שטאמט דאס ווארט טשארטיזם (אויף ענגליש הייסט א כארטיע „טשארטער"). ניט קוקענדיג אויף די אומגעהויערע ענערגיע און רעוואלוציאנערע בעגייסטערונג, האבען די טשארטיסטען קיין ערפאלג ניט געהאט און א טייל פון זייערע פאדערונגען איז ערשט פערווירקליכט געווארען אין דער אנדער העלפט פון XIX-טען יאהרהונדערט.

פעראיין פון די טעפער. אין אנדערען יאהר איז אויסגעוואקסען „דער נאציאנאלער פעראיין פון דרוק־ארבייטער", דער פעראיין פון לעדער=ארבייטער און נאך אנדערע. פון אלע ארגאניזאציעס פון דער ערשטער העלפט פערציגער יאהרען האט די גרעסטע ווירקונג אויף דעם ענגלישען פראלעטאריאט געהאט דער „פעראיין פון די בערג=ארבייטער אין גרויס=בריטאניען און אירלאנד", וואס איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1841 אין וועקספילד.

דער פעראיין האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו פעראייניגען, ווי ווייט מעגליך, אלע בערג=ארבייטער פון דעם פעראייניגטען קעניגרייך, און ער האט ניט געקארגט קיין מיטלען צו פיהרען א ברייטע אגיטאציע אין דיעזער ריכטונג. א גאנצע רייהע ספעציאליסטען=אגיטאטארען (53 מאן) זענען געוועזען אויף געהאלט ביי דעם פעראיין. די רייזענדע אגיטאטארען אדער „ארגאניזאטארען=מיסיאנערען", ווי די ענגלישע ארבייטער האבען זיי אנגערופען, האבען דורכגערייזט גאנץ ענגלאנד אין דער לענג און אין דער ברייט. עס איז ניט געבליבען אפילו איין קליינע שאכטע, וואו עס איז ניט אריינגעדרונגען זייער פראפאגאנדע וועגען אן'אלגעמיינע פעראייניגונג. אזעלכע אויסערגעוועהנליכע אנשטרענגונגען פון די בערג=ארבייטער האבען געהאט א פולען ערפאלג. אין יאהר 1844 איז די צאהל פון די מיטגליעדער שוין געוועזען 100,000. מיר וועלען דא ניט בעשרייבען די ארגאניזאציע פון דעם בערג=ארבייטער=פעראיין; מיר וועלען נאר בעמערקען, אז דער פעראיין האט געהאט בעדייטענדע מיטלען, און ער האט זיי ניט געקארגט אום זיכער צו מאכען דעם נצחון אין דעם קאמפף מיט די אונטערנעהמער. אזוי אלס אנפיהרער האבען זיי אראבגערופען ראבערטס, איינעם פון די געלעהרסטע און טאלאנטפאלע יוריסטען אין דער דאמאלסדיגער ענגלאנד. דיעזען הויפטאנפיהרער האט דער פעראיין בעשטימט כמעט א מיניסטער=געהאלט (10,000 רובל א יאהר). די וויכטיגסטע ארבייט פון בערג=ארבייטער=פעראיין איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער איז געוועזען דער אנפיהרער פון די ארבייטער אין פארלאמענטארישען קאמפף געגען די קאפיטאליסטען, וועלכער האט זיך צופלאקערט אין 1844-טען יאהר.

די קאפיטאליסטען האבען אריינגעטראגען אין פארלאמענט

א פארלאגע, אז מען זאל פערבריטערען די רעכטען פון די פריעדענסריכטער אין די פראצעסען פון די אונטערנעהמער נעגען די ארבייטער. לויט דעם פראיעקט האט דער פריעדענס-ריכטער געהאלט האבען דאס רעכט צו מאכען מאסען ארעסטען פון ארבייטער אויף דעם גרונד פון א אנאיינפאכער אנקלאגע פון קאפיטאליסט. איסער דעם האט דער פריעדענס-ריכטער געדארפט האבען דאס רעכט, ווען ער האט דאס געפינען פאר נויטיג, צו בעשטראפען יעדען ארבייטער אויף צוויי חדשים געפענגנים „אויב דער ארבייטער ערפילט שלעכט זיין פפליכט". אז עם האט נאר ערשינט דער ביל (געזעץ-פראיעקט), האט ראבערטס אויף איהם אויפמערקזאם געמאכט דעם פעראיין, און ער האט אנגעוויזען אויף די גאנצע געפאהר פאר די זעלבסטשטענדיגקייט פון די ארבייטער, אויב מען וועט בעשטעטיגען דעם געזעץ-פראיעקט. און דער פעראיין האט טאקע באלד אנגענומען מיטלען. זיינע טאלאנטפאלע אגיטאטארען האט זיך איינגעגעבען אויפצוהויבען דעם גאנצען ארבייטער-קלאס אין ענגלאנד. אין פארלאמענט האבען אנגעהויבען אנצוקומען איין פראטעסט נאך דעם אנדערן. סך הכל האט מען אנגעגעבען 200 פעטיציעס אונטערגעשריבען פון 2 מיליאן ארבייטער. סוף כל סוף איז די ארבייטער געלונגען אריבערצופיהרען אויף זייער זייט אלע ראדיקאלען און א טייל לארדען, און דער געזעץ-פראיעקט האט אין פארלאמענט געהאט א פאלקאמע מפלה. דיעזער גלענצענדער נצחון איז געוועזען דיר וויכטיגסטע טהאט פון די בערג-ארבייטער. דער נצחון האט אויפגעהויבען דעם פעראיין אין די אויגען פון אלע ענגלישע ארבייטער.

פון רעסטוועגען האט דער פעראיין פון די בערג-ארבייטער אין דעם איינענעם יאהר 1844 בעקומען א געוואלדיגען קלאפ, וועלכער איז פאר איהם אויך געוועזען א טויט-קלאפ. די מפלה איז געוועזען דער רעזולטאט פון א ניטגעלונגענעם שטרייק פון 70.000 בערג-ארבייטער אין גלאזגא. דער שטרייק האט אין גאנצען צוגענומען די קרעפטען און מיטלען פון דעם פעראיין. פון יאהר 1845 אן איז ער ביסלעכוויז אראב פון סצענע און אין יאהר 1848 האט ער אינגאנצען אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

פון די ארבייטער-פעראינען אין דער אנדערער העלפט 40-ער יאהרען איז דער וויכטיגסטער די „נאציאנאלע אסאציאציע

פון פעראייניגטע פאכען פאר די ארבייטס-פערטהיידיגונג״. די אסאציאציע איז זעהר אינטערעסאנט אלס לעצטע פראבע צו גרינדען א פעראיין נאך דעם מוסטער פון די גרויסע נאציאנאלע פעראיינען, וועלכע האבען געהערשט אין די 30-ער יאהרען.

אין יאהר 1845 איז אין לאנדאן פארגעקומען דער ארבייטער-קאנגרעס, וועלכער איז בעשטאנען פון 110 דעלעגאטען. דא זענען געוועזען פארשטעהער פון די לאנקאשירער שפינער און וועבער, ארקאשירער שטרומפף-און געוואנד-ארבייטער אזוי אויך פון פערשיעדענע ארבייטער-פאכען פון מאנטשעסטער, שעפילד, נארוויטש, בריסטאל א. ז. וו.

די דעלעגאטען האבען בעשטימט צו פעראייניגען אלע ארטיגע ארגאניזאציעס, וועלכע האבען זיי אויסגעוועהלט פאר פארשטעהער, אין איין אלגעמיינעם פערבאנד. דער נייער פערבאנד וועלכער האט זיך גערופען, ווי מיר האבען שוין געזאגט „נאציאנאלע אסאציאציע פאר ארבייטס-פערטהיידיגונג״, האט פארמולירט זיין ציעל אין פאלגענדע ווערטער: „אונזער ארגאניזאציע—שרייבט זיך אין זיינע סטאטוטען—בעגרינדעט זיך אויף צוויי גרויסע פאקטען: ערשטענס, אז די ארבייטער-קלאסען בעקומען קיינמאל ניט דעם גערעכטען ארבייטס-לוין פאר א גערעכטען ארבייטס-טאג, און צווייטענס, אז דערשלאגען זיך דעם דאזיגען לוין קענען די ארבייטער נאר דורך דער הילף פון דער אלגעמיינער נאציאנאלער פעראייניגונג״. צוליעב דעם שטרעבט די ארגאניזאציע ארומצונעהמען, ווי וויים מעגליך, דעם גאנצען ארבייטער-קלאס פון ענגלאנד, און שטעלט זיך אלס ציעל פערטהיידיגען די אינטערעסען פון די פעראייניגטע פאכען און פאדערען די אלע פאליטישע, סאציאלע און ערציהונגס-מיטלען, וועלכע קענען פערבעסערען די לאגע פון ארבייטער-קלאסס״. א חוץ דעם זאגט זיך די ארגאניזאציע ארויס פאר ברייטע שטיצע די ארבייטער צו גרינדען גענאסענשאפטליכע פאבריקען; זי פראעקטירט די בעארבייטונג פון דער ערד דורך געמיינדען, אין איהרע פלענער שטרעבט זי איבערהויפט דורכצופיהרען אלע וויכטיגע פונקטען פון אווען׳ס פראגראם.

די נאציאנאלע אסאציאציע איז אבער פארט ניט דאס איינענע, וואס אווען׳ס פעראיינען אין די 30-ער יאהרען. אין

א בערייטענדען גראד קען מען זי שוין בעטראכטען אלס אנ'אי=
בערגאנגס-פארם פון דעם אלטען אוטאפיזם צו דער נייער
פעראיינס=פארם פון די 50=ער יאהרען. צוזאמען מיט אוועןס
אידעען געפינען מיר שוין אין די סטאטוטען פון דער געזעלשאפט
פאלגענדע ווערטער, וועלכע כאראקטעריזירען דעם גייסט פון
דער נייער צייט: „דער פעראיין איז טיף דורכגעדרונגען מיט דעם
געדאנקען, אז עס מוזען איינגעשטעלט ווערען גוטע בעציהונגען
צווישען די אונטערנעהמער און ארבייטער, דען דער פעראיין
מיינט, אז די אינטערעסען פון ביידע גרופען זענען אויף אזוי
פיעל גלייכע, אז עס איז נישט מעגליך, דאס איין צד זאל
האבען שאדען און דער אנדערער צד זאל נים ליידען". דעריבער
האלט דער פעראיין דעם שטרייק פאר זעהר ניט קיין גוטען
קאמפף'ס געווער: ער לעגט איהם פאר נאר אלס אנ'אויסערסט=
שארפען מיטעל, און רעקאמענדירט אנשטאט איהם פרידליכע
אבמאכען, בוררים=געריכטען א. ז. וו.

דא פיהלט זיך שוין דער מעססיג=ליבעראלער גייסט,
וועלכער האט דערנאך אין גאנצען אריינגעדרונגען אין די סטאטו=
טען פון די פעראיינען אין די 50=ער יאהרען. ניט קוקענדיג דערויף,
וואס די אסאציאציע האט ניט געהאלטען פון קיין שטרייקען, און
ביי א סכסוך מיט די אונטערנעהמער האט דער צענטראל=קאמיטעט
זיך געמאראנט ארויסטרעטען אלץ פערמיטלער, האבען די קאפי=
טאליסטען דאך זיך פיינדליך בעצויגען צו דעם פעראיין.
„איינווילליגענדיג אויף ארטיגע פעראיינען, האבען זיי געקוקט אויף
יעדע פראבע פון נאציאנאלער פעראייניגונג, ווי אויף א רעוואלו=
ציאנערען אטענטאט אויף דעם היילינען פרינציפ פון אינדוסטריע
פרייהייט. ביי אזא צושטאנד האט די פערמיטלונגס=פאליטיק פון
דעם צענטראל=קאמיטעט ניט געהאט קיין שום ערפאלג. אין
די פראווינציעלע אבטהיילונגען זענען אפט אויסגעבראכען שטרייקען
ניט קוקענדיג אויף די שטרענגע אזהרות פון די לאנדאנער מנהיגים.
די מעהרהייט שטרייקען האט זיך געענדיגט מיט דער נידערלאגע
פאר די ארבייטער. אין דיזע נידערלאגען, האבען די פראווינציעלע
אבטהיילונגען בעשולדיגט דורכאויס די אונטהעטיגקייט פון דעם
צענטראל=קאמיטעט. די אינערליכע מחלוקות, וועלכע זענען זיך
אלץ מעהר פאנאנדערגעוואקסען, האבען אין יאהר 1850 אין

גאנצען צוברעכען די ארגאניזאציעס. אויף אזא אופן דערמאנט אונז דער גורל פון דער אסאציאציע אן גורל פון די גרויסע פעראיינען אין די 30=ער יאהרען. נאר די שפורען פון דער „נאציאנאלער אסאציאציע פאר ארבייטס=פערטהיידיגונג" זענען אבער ניט אין גאנצען פערשוואונדען געווארען, ווי דאס איז געווען מיט די אווענייסטישע פעראיינען. אז דער צענטראל=קאמיטעט פון דער אסאציאציע האט דערזעהן, דאס עס איז אונמעגליך צו דערגרייכען א פעסטע איינינונג, האט ער אבגעגעבען אלע זיינע כחות אויף די בריטע אגיטאציע פאר די פערקירצונג פון ארבייטס-טאג. אין דעם הינזיכט האט זיין ארבייט געהאט א פאלקאמען ערפאלג. צוזאמען מיט דעם זאגענאנטען „קאמיטעט פאר די פערקירצונג פון ארבייטס=טאג", וועלכער איז געגרינדעט געווארען דורך די לאנקאשירער שפינער, איז דעם צענטראל=קאמיטעט געלונגען דורכצופיהרען דאס געזעץ וועגען א 10 שעה'דיגען ארבייטסטאג (1847) און אין דעם בעשטעהט זיין אונשטערבליכער פערדינסט פאר דעם גאנצען ארבייטער=קלאס אין ענגלאנד.

וואס אנבעלאנגט דער סאציאלער פראגראם פון פעראיין איז פערשטעהט זיך, אז זיינע חלומות וועגען א „געזעלשאפטליכע פראדוקציאן" האבען ניט געקענט מקוים ווערען. אמת טאקע, אז אין יאהר 1847 איז געלונגען צו גרינדען אויף די מיטלען פון פעראיין א געזעלשאפטליכע אונטערנעהמונג, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט 123 שוהמאכער, נאר פון דער קליינער ווירקליכקייט ביז די אונגעהייערע פלאנען איז נאך געווען זעהר ווייט.

VI.

די פעראיינען פון די געלערנטע ארבייטער

(דער זאגענאנטער „אלטער יוניאניזם")

אין סוף 40-ער און אין אנהויב 50-ער יאהרען האט די ענגלישע אינדוסטריע ערדייכט איהר בליהענדסטע מדרגה. איהרע פראדוקטען האבען אונבעגרענצט געהערשט אויף דעם וועלט=מארק. פון די אלע סבות, וועלכע האבען בעשאפען פאר דעם ענגלישען

קאפיטאל אזא פריוויליגירטע לאגע, וועלען מיר נאר דערמאהנען די וויכטיגסטע.

אין מיטען XIX־טען יאהרהונדערט האט מען אנגעהויבען אין די קולטורעלע לענדער אין אייראפא, אמעריקא אזוי אויך אין אינדאסטאן (דער טייל אינדיע, וואס מטעהט אונטער דער ממשלה פון ענגלאנד) צו בויען אייזענבאהנען, און איבערהויפט אויסצונוצען אלע וועגען אום צו פערבעסערען די פערקעהרס־מיטלען סיי אויף דער יבשה סיי אויפ'ן ים, כל זמן גאנצע געגענדען אין די ציוויליזירטע לענדער האבען ניט געהאט קיין פערקעהרס־מיטלען, האט דער אינטערנאציאנאלער האנדעל מיט ביליגע און שווערע סחורות געמוזט זיך קאנצענטרירען ביי די ברעגען פון ים און ביי גרויסע טייכען, אויף וועלכע ס'זענען געגאנגען שיפען. ענגלאנד פלעגט פאנאנדערשיקען איהרע סחורות איבער דער גאנצער וועלט. נאר כל זמן די וועגען זענען דארטען געווען שלעכטע האט דאס אריבערפיהרען פון ברעג ים אין לאנד אריין געקאסט אזוי טייער, א קיין שום טעכנישע אויסבעסערונגען האבען נישט געקענט פערברייטערען די מערק פאר די ענגלישע סחורה. ווי נאר די אייזענבאהנען האבען אנגעהויבען דורכצושניידען אין אלע ריכטונגען גאנץ אייראפא, צפון־אמעריקא און אינדיע, איז דאס אריבערפיהרען געווארען זעהר ביליג אפילו פאר די שווערסטע מינים סחורות, ס'האבען זיך צוליעב דעם געעפענט נייע מערק פאר סחורות ניט נאר אויף די ברעגען פון די וואסערן, נאר אויך אויף דעם גרויסען שטח יבשה וואס איז געווען ווייט פון ברעג.

ניט ווייניג האט אויך געהאלפען פערברייטען דעם מארק די ענטדעקונג פון די רייכע גאלד־גרובען אין קאליפארניע (צפון אמעריקא) און אין אויסטראליען יאגענדיג זיך נאך רייכטום, זענען גאנצע מאסען אריבערגעפאהרען קיין קאליפארניע און אויסטראליען. דורך דער איבערוואנדערונג זענען אט די לענדער געווארען זעהר בעפעלקערט. אם גיכסטען איז געוואקסען די בעפעלקערונג פון צפון אמעריקא, וואו ס'האט נאך דאמאלסט געהערשט לאנד ווירטשאפט; זי האט ארויסגעפיהרט רויהע מאטעריאלען און אריינגעפיהרט פערשיעדענע אינדוסטריעלע פראדוקטען. ענגלאנד, אלס דאס ענטוויקעלסטע אינדוסטריעלע לאנד, איז כמעט געווארען דער פאדריאטשיק פון די אויסגעארבייטע פראדוקטען פאר אמעריקא.

די ענדערונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדעלס=פּאָליטיק אין די 50-ער יאָהרען האָט אויך מיטגעווירקט דערצו, דאָס די אינדוסטריעלע ממשלה פון ענגלאַנד האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין דער ערשטער העלפט פון XIX-טען יאָהרהונדערט איז אין אַלע קולטורעלע לענדער געוועזען אַרויפגעלעגט אויף די אויסלענדישע סחורות אַ אונגעהויער גרויסער צאָל=טאַריף. אין די 50-ער יאָהרען האָט דער מעהרסטער טהייל אייראָפּעאישע מלוכות איבערגעאַרבייט זייערע טאַריפען לויט דעם פּרינציפּ פון פריי=האַנדעל. די אָבצאָהלונגען אויף פיעלע ענגלישע סחורות איז פערקלענערט געוואָרען אין רוסלאַנד, סקאַנדינאַווישע מלוכות, האָללאַנד, דייטשלאַנד. שפּאַניען האָט אָבגעשאַפט דאָס געזעץ, וועלכער האָט פערבאָטען אַריינצופיהרען אויסלענדישע סחורות; פראַנקרייך האָט אויך אַ כך פערקלענערט דעם טאַריף אויף אייזערנע, שטאָלענע און מעטאַלענע פּראָדוקטען. די ענגלישע סחורות, וועלכע זענען איצט בעפרייט געוואָרען פון די הויכע אָבצאָהלונגען, האָבען דורך די נייע אייזענבאַהנען אַריינגעדרונגען אין די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון אייראָפּאַ, אַמעריקאַ און טייל=ווייז אַזיען.

די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען האָבען אונבעגרענצט געהערשט אויף דעם אַלוועלטליכען מאַרק, און האָבען ניט בעדאַרפט מורא האָבען פאַר זייער ממשלה, ווייל אין דיעזער עפּאָכע איז ענגלאַנד באמת געוועזען דאָס איינציגע לאַנד מיט אַן ענטוויקעלטער קאַ=פּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. פראַנקרייך, וועלכע איז פריהער געשטאַנען בראש פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציאָן, האָט ניט געקענט קאָנקורירען מיט ענגלאַנד אין דער אויסאַרבייטונג פון פּראָדוקטען, וועלכע בעפריעדיגען די נויטווענדיגסטע בעדערפניסען, ד. ה. אַזעלכע פּראָדוקטען, וועלכע שפּיעלען די גרעסטע ראָלע אין דער פאָלקס=ווירטשאַפט. בלויז די לוקסוס=זאַכען זענען געבליבען און בלייבען נאָך ביז היינט, די מאָנאָפּאָליע פון דער פראַנצויזישער פּראָדוקציאָן.

צפון אַמעריקאַ איז אין די 50-ער יאָהרען נאָך ניט געוועזען דאָס לעגענדאַהישע לאַנד פון אינדוסטריעלע וואונדער, ווי עס שטעלט זיך יעצט פאַר דעם אייראָפּייער. אין דער ערשטער העלפט פון XIX-טען יאָהרהונדערט איז אַמעריקאַ געוועזען, ווי מיר האָבען

שוין געזאגט, א מלוכה, וועלכע האט זיך איבערהויפט פערנומען מיט לאנדווירטשאפט, ד. ה. א מארק פאר די אינדוסטריעלע לענדער. וואס אנבעלאנגט דייטשלאנד, האט זי אין די 50־ער יאהרען קוים פון זיך אראבגעווארפען דעם לעצטען רעשט פון פעאדאליזם און זי האט ערשט אנגעהויבען פלאנצען די גרויסע קאפיטאליסטישע אינדוסטריע.

מילא רוסלאנד איז דאך געשלאפען געשמאק אונטער דעם יאך פון דער לייבאייגענשאפט; ס׳איז איהר ניט געלעגען אין קאפ צו קאנקורירען מיט ענגלאנד.

ביי אזא צושטאנד האט ענגלאנד לייכט פערכאפט אין איהרע הענד די מאנאפאליע פון וועלט־מסחר. איהרע קארטון, לייווענד, געוואנד האבען ניט געהאט קיין שום קאנקורענטען אויף דעם אלוועלטליכען מארק, פון אמעריקא ביז כינא און פערסיען. איהרע מאשינען האבען אונבעגרענצט געהערשט אין דער יונגער דייטשער אינדוסטריע און טייל־ווייז אין דער רוסישער, וועלכע האט ערשט אנגעהויבען אויסצושפראצען. מיט איין ווארט ענגלאנד איז געווארען א מין גרויסער אלוועלטליכער קאפיטאליסט־עקספלואטאטאר, און צו זיינע פיס האט זיך אונטערטעניג געבוקט די גאנצע וועלט.

דער אונגעוועהנליכער וואוקס פון דער אינדוסטריע, וועלכע האט קאלאסאל פערגרעסערט די רוחים פון די קאפיטאליסטען, האט אין דער זעלבער צייט אויך פערבעסערט די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד; די ארבייטסלאזיגע ארמעע האט זיך פערקלענערט, דער ארבייטס־לוין איז אויפגעוואקסען, לערך די 40־ער יאהרען, כמעט אויף 15 פראצענט. אמת טאקע, אז די פשוטע ארבייטער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די פער־דינסטען האבען זיך פערגרעסערט, האבען בדוחק געהאט זייערע לעבענס־מיטלען. נאר די געלערנטע ארבייטער האבען בעקומען די מעגליכקייט נישטקשה׳דיג צו לעבען, זייער לוין איז אין אלגעמיין ניט קלענער געוועזען ווי 50 — 60 רובל א חודש: עס איז געוועזען אפילו אזעלכע ארבייטער־אריסטאקראטען, וואס האבען פערדיענט 200 — 40 רובל א חודש.

אין די 50־ער יאהרען איז אין ענגלאנד אויסגעוואקסען צווישען די געלערנטע ארבייטער א גאנצע רייהע שטארקע

ארגאניזאציעס, פון וועלכע די „פעראייניגטע געזעלשאפט פון מאשין=בוי=ארבייטער, טשוגון־גיסערייען און אייזען=שמעלצערייען" האט געשפיעלט די וויכטיגסטע ראלע אין דער געשיכטע פון דעם ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד. „פעראייניגטע" הייסען אין ענגלאנד אזעלכע פעראיינען, וועלכע בעשטעהען פון ארבייטער פון גלייכארטיגע מלאכות, אפטמאל פון א סך שטעדט. די ארגאניזאציאנס=פארם פון די פעראיינען איז פאלגענדע: ארבייטער פון וועלכען עס איז פאך, (למשל בוי=ארבייטער, שמידען א. ז. וו.) וועלכע געפינען זיך אין איין שטאדט, בילדען אנ'ארטיגע ארגאניזאציע, וועלכע קלויבט אויס איהר צענטראל=פערוואלטונג, וואס בעשטעהט פון א סעקרעטאר און עטליכע דעלעגאטען. די ארגאניזאציעס פון עטליכע שכנות'דיגע שטעדט (נאר פון איין פאך) קלייבען אויס מיטגליעדער אין זא גענאנטען ראיאן=קאמיטעט, וועלכער דארף אויפקיקען אויף דעם אלגעמיינעם צושטאנד פון דער אינדוסטריע אין דעם ראיאן. בראש פון אלע ארטיגע ארגאניזאציעס, וועלכע זענען פערבונדען אין פעראיין, שטעהט דער „צענטראלער אויספיהרונגס־ראטה", אין וועלכען די גרעסטע ראליע שפילט דער גענעראל=סעקרעטאר פון פערבאנד. דער אויספיהרונגס=ראטה איז די העכסטע אינסטאנץ, וועלכע פיהרט אן מיט דער טהעטיגקייט פון דער גאנצער „פעראייניגטער געזעלשאפט". די פערהעלטניסמעסיג זיכערע לאגע פון די געלערנטע ארבייטער, פון וועלכע עס זענען בעשטאנען די פעראייניגטע געזעלשאפטען, איז געווען די אורזאכע פון אזא מעסיגער און פארזיכטיגער פראגראם.

אין די 50־ער יאהרען געפינען מיר שוין ניט דעם ראדיקאליזם, מיט וועלכען עס זענען געווען דורכגענומען אווען'ס ארגאניזאציעס פון די פריהערדיגע צייטען. יעצט שטרעבען שוין ניט די ארבייטער־פעראיינען אין גאנצען איבערצובויען די געזעלשאפט, זיי שטארען זיך נאר צו פערבעסערען די לאגע פון די ארבייטער אויף וויפיעל דאס איז מעגליך ביי די קאפיטאליסטישע בעדינגונגען. נאך מעהר, זיי האבען גאר נישט בעטראכט די ארבייטער און די קאפיטאליסטען אלס צוויי פיינדליכע קלאסען, צווישען וועלכע עס קען נאר זיין א שטענדיגע מלחמה. פערקעהרט זייערע אלע כחות זענען נאר געווען אנגעווענדעט איינצופיהרען א „הארמאניע אין די אינטערעסען", וועגען וועלכער די גן עדן

פייגעלעך פון דער „וואולגארער עקאנאמיע" *) האבען געזונגען אזעלכע זיסע לידער.

פונקט, ווי די „נאציאנאלע אסאציאציע פאר ארבייטס-פער-טהיידיגונג" **), האבען זיך די „פעראייניגטע געזעלשאפטען" גענומען אריינצופיהרען גוטע בעציהונגען צווישען די אונטערנעהמער און די ארבייטער, און האבען זיך ארויסגעזאגט געגען שטרייקען.

באמת, איז די פעראכטונג צו שטרייקען ארויסגערופען געווארען ניט אזוי פיעל דורך די בורזשואזע עקאנאמיסטען, ווי דורך דער ביטערער ערפאהרונג פון די פריהערדיגע יאהרען. די פעראייניגטע געזעלשאפטען האבען ערקלערט די מפלה פון אווען'ס ארגאניזאציעס ניט מיט זייערע אינערליכע חסרונות נאר מיט זייער קאמפף'ס פאליטיק. „מיידט אויס די געפעהרליכע פראקטיק פון די שטרייקען" האט געשריעבען דער צענטראל-קאמיטעט פון די מויערער: „פונקט ווי איהר מיידט אויס א ווילדע חיה, וועלכע וויל אייך צורייסען... געדענקט, צוליעב וואס אונזער פעראיין האט פערלארען זיין גאנצע בערייטונג אין יאהר 1852! מיר פערשווערען אייך, ברידער, אויב אייך איז נאר טייער אייער עקזיסטענץ, איהר זאלט מיט אלע מיטלען קעמפפען געגען די אונזיניגע שטרייקען". איין אבטיילונג פון דעם פעראיין האט זאגאר געפאדערט, אז די ענגלישע ארבייטער זאלען שוין מעהר ניט געברויכען אפילו דאס ווארט „שטרייק". אזעלכע מיינונגען האבען אייך געהערשט ביי די איינבינדער, זעצער, מאשין-בוי-ארבייטער און איבערהויפט ביי כמעט אלע מעהר אדער ווייניג בעדייטענדע ארגאניזאציעס פון די 50-ער יאהרען. כדי זיך צו בעווארענען פון א פלוצלונגען שטרייק, וועלכער קען איבברעכען אונטער דעם איינפלוס פון א צופעליגער ארבייטער-אויפרעגונג, האבען „די פעראייניגטע געזעלשאפטען" אבגענומען ביי די ארטיגע סעקציעס (אבטיילונגען) דאס רעכט צו ערקלערען א שטרייק; דיזעס רעכט איז איבערגעגעבען געווארען צו די

---

*) וואולגארע רופט מארקס אן די עקאנאמיסטען, וועלכע האבען בעוואוסטזיניג איבערגעדרעהט און פערפעלשט די וויסענשאפט, כדי געפעלען צו געבען דער בורזשואזיע.

**) זעה דעם פריהערדיגען קאפיטעל.

צענטראלע אייספיהרענדע ראטהען. אזוי למשל האט די פערזאמלונג פון די דעלעגאטען פון די אייזען־שמעלצער אין יאהר 1846 בעשטימט: איבערלאזען די לעזונג פון דער פראגע וועגען א שטרייק דער פערזאמלונג פון אונזערע מיטגליעדער, וועלכע געפינען זיך דאס רוב אונטער דעם איינפלוס פון מאמענט, אונטער דעם איינדרוק פון א היטציגען אגיטאטארשען אויפרוף, פון א ברענענדען דיספוט — דאס האלטען מיר פאר געפעהרליך.... זייענדיג פעסט איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון אט דיעזער מיינונג, האבען מיר דאס רעכט צו בעשטימען א שטרייק אבגענומען פון די ארטיגע אבטהיילונגען, און איבערגעגעבען דעם אויספיהרענדעם ראטה פון פעראיין"! בעציהענדיג זיך מיט א גרויסען אונצוטרוי צו די שטרייקען, האבען די פעראיינען אין די 50־ער יאהרען זיך געסטארעט „אויסצוארבייטען נייע קאמפפס־מיטלען. דער פערבאנד פון די ארבייטער, וועלכע ארבייטען אויף פלינטגלאז (הארט־גלאז) האט געשריבען: „די גרויס פון ארבייטס־לוין הענגט אין גאנצען אב פון דער נאכפראגע און אנבאט. מיר אלע ווייסען, אז אויב אויפ'ן מארק איז דער אנבאט אויף סחורה גרעסער ווי די נאכפראגע, מוז, לויט דעם בעשטימטען נאטור־געזעץ, די סחורה פאלען אין מקח, און דאס איז שוין קיין אונטערשייד ניט, צי די סחורה איז ארבייט אדער אנ'אנדער האנדעלס־געגענשטאנד". ארויסגעהענדיג פון אזא שטאנד־פונקט, האבען די ארבייטער אין די 50־ער יאהרען געהאלטען די פערניכטונג פון דער קאנקורענץ צווישען די ארבייטער פאר דעם איינציגען מיטעל, וועלכער קען פערבעסערען זייער לאגע. כדי צו ערגייכען דיזען ציל האבען זיי געפאדערט מען זאל בעגרענצען די ארבייט פון לעהר־אינגלעך און ניט געלערנטע ארבייטער, פערניכטען די איבערשטונדען־ארבייט און געשטרעבט צו גרינדען א בעזונדער קאסע, וועלכע זאל געבען מיטלען ארויסצושיקען די ארבייטס־לאזע אין אנדערע לענדער. דער פראיעקט פון דער קאסע, אונטער דעם נאמען „עמיגראציאנס־פאנד" איז געוועזען זעהר פאפולער צווישען די פעראיינען אין די 50־ער יאהרען *).

---

*) שטרעבענדיג צו פערניכטען די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער, האבען די פעראיינען אין די 50־ער יאהרען בעצם גאר ניט נעדארפט אבלייקענען די בעדייטונג פון שטרייקען. דער שטרייק איז אין דעם הינזיכט אויך ניט קיין ערגערער

דעֶר פּראָיעֶקט איז געֶוואָרעֶן אין גאַנצעֶן פעֶרוואָרפעֶן עֶרשט אין די 60־עֶר יאָהרעֶן, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזעֶן, אַז יעֶנעֶ אַרבּייטס־לאָזעֶ, אויף וועֶלכעֶ דעֶר פאָנד האָט אויסגעגעבעֶן צעהנדליגע טויזעֶנדער רובּל אויף אַרויסצושיקעֶן, זעֶנעֶן געֶוועֶן אַ טראָפּעֶן אין ים פון דעֶר אַרבּייטס־לאָזעֶר רעֶזערוו־אַרמעֶע. אַלץ מעֶהרעֶר בּעֶדייטונג בּעֶקומט דעֶר קאַמפּף פאַר די פעֶרקירצונג פון אַרבּייטס־טאָג, און פאַר די בּעֶזייטיגונג די קאָנקורעֶנץ פון די ניט געֶלעֶהרעֶנטעֶ אַרבּייטעֶר. דעֶר לעֶצטעֶר פונקט פעֶרנעֶמט זעֶהר אַ וויכטיגעֶן פּלאַץ אין די פּראָגראַמעֶן פון אַלעֶ פעֶראַיינעֶן אין די 50־עֶר יאָהרעֶן. די זעֶצעֶר האָבּעֶן אויסגעֶקליבּעֶן ספּעֶציעֶלעֶ קאָמיטעֶטעֶן מיט דעֶם ציעל זיי זאָלעֶן אויסזוכעֶן גוטעֶ קאַמפּף׳ס־מיטלעֶן געֶגעֶן דעֶר אַרבּייט פון די ניט־דעֶרוואַקסעֶנעֶ אַרבּייטעֶר און לעֶהר־אינגלעֶך, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן אַוועֶק פון בּעֶלי־בּית אֵיידעֶר ס׳האָט זיך געֶעֶנדיגט דעֶר בּעֶשטימטעֶר טעֶרמין. די מאַשין־בּוי־אַרבּייטעֶר האָבּעֶן געֶפיהרט זייעֶר גאַנצעֶ פּראָפעֶסיאָנעֶלעֶ פּאָליטיק אַרויסגעֶהעֶנדיג פון דעֶר מיינונג, אַז פּונקט, ווי דאָקטוירים און אַדוואָקאַטעֶן, אַזוי אויך זיי האָבּעֶן דאָס רעֶכט אויסצושליעסעֶן פון זייעֶר קרייז אַזעֶלכעֶ אַרבּייטעֶר, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן ניט דורכגעֶגאַנגעֶן דעֶם גאַנצעֶן לעֶהרע־קורס. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז אין אייניגעֶ הינזיכטעֶן זעֶנעֶן די פעֶראיינעֶן אין די 50־עֶר יאָהרעֶן געֶוועֶזעֶן אַ שריט צוריק אין פעֶרגלייך מיט די אַלטעֶ אָוועֶנישעֶ אָרגאַניזאַציעֶס. אין די „נאַציאָנאַלעֶ פעֶראיינעֶן" פון די 30־עֶר יאָהרעֶן האָט זיך שוין בּעֶוויזעֶן — אמת טאַקעֶ ניט קלאָהר און ניט דייטליך, — די קלאַסעֶן־סאָלידאַריטעֶט פון גאַנצעֶן עֶנגלישעֶן פּראָלעֶטאַריאַט. אין די „פעֶראייניגטעֶ געֶזעֶלשאַפטעֶן" פון די 50־עֶר יאָהרעֶן

מיטעל, ווי דער בעריהמטער „עמיגראציאנס פאנד", און באמת, באגעגנדיג אַ שטרייק, פערניכטעט די ארבייטער אין גאנצען דעם אנבאט פון ארבייטס קראפט. אייב די שטרייקענדע זענען בכח אויסצוהאלטען דעם שטרייק אין ניט צולאזען ארבייטער פון דער זייט, פערשטעהט זיך, אז דער קויפער פון זייער ארבייטס־קראפט מוז איינוויליגען אויף אלע בעדינגונגען. אויף אזא אופן קומט אויס אז פערבלייבענדיג שטרענג אויף דעם שטאנדפּונקט פון קאנקורענץ מוזען מיר פארט אנערקענען, אז די סבת פון פערשפעטעטע שטרייקען ליגט נים אין דעם וואס דיעזער קאמפפ׳ס מיטעל איז נים קיין גוטער, נאר ווייל די ארבייטער זענען נאך נים שטארק ארגאניזירט, זיי זאלען קענען ריכטיג ארגאניזירען דעם שטרייק און איהם אויסהאלטען ביז׳ן סוף.

איז ניטא אפילו קיין שפור פון קלאסען־סאלידאריטעט; זיי ערקלערען אפען, אז זייער אויפגאבע איז ניט צו קעמפפען האנד אין האנד מיט דעם גאנצען ענגלישען פראלעטאריאט, נאר צו דערהאלטען זייער פריווילעגירטע לאגע אויף דעם חשבון פון די ווענינער־גליקליכע פראלעטאריער — פון די ניט געלערנטע ארבייטער.

פון דער אנדער זייט געפינען מיר אין די פעראיינען אזעלכע אייגענשאפטען, וועלכע בעדייטען א שריט פארווערטס אים פערגלייך מיט די ארגאניזאציעס פון די 30־ער יאהרען. ערשטענס דארף מען דא דערמאנען וועגען דער שטרעבונג פון די פעראיינען גרינדליך צו ע ר ל ע ר נ ע ן די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד. אנשטאט דעם זיך צו פערנעהמען מיט דער שטענדיגער קריטיק פון „די ניט פראדוקטיווע קלאסען", אנשטאט צו איגנארירען די פראגראם־און פאליטיק־פראגען פון ארבייטער־קלאס, ווי דאס פלעגען טהאן די אווענניסטען, האבען זיך די נייע פעראיינען זעהר פיעל אבגעגעבען מיט דער אויס־פארשונג פון ארבייטערס־נויט אין זיינע פערשידענע פארמען. וועגען יעדער מעהר אדער וועניגער וויכטיגע פראגע, פלעגט מען אויסקלייבען א בעזונדערען קאמיטעט, וועלכער האט בעדארפט גענוי אויספארשען דעם ענין און צושטעלען א בעריכט. דורך דעם זענען די ארבייטער אלץ מעהר געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מען דארף האבען אן אלגעמיין־טהעארעטישע פארבריייטונג צו דער פראקטישער טהעטיגקייט, דער איינבינדער־פעראיין האט אין יאהר 1851 געגרינדעט א רייכע ביבליאטעק און א לעזע־זאל. דער פעראיין פון די שטיין־ארבייטער האבען אין יאהר 1845 שטאלץ ערקלערט, אז זיינע מיטגליעדער האבען „צום צוועק פון מאראלישע, פיזישע און גייסטליכע ענטוויקלונג" געגרינדעט א געזעלשאפט, וועלכע פערנעמט זיך אין דער זעלבער צייט מיט דער וויסענשאפטליכער אויספארשונג פון דער פראגע, וואס פאר אן איינפלוס די מאשינען־אויסבעסערונג האט אויף די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאסס. אין יאהר 1850 איז אויסגעוואקסען א גאנצע רייהע צייטונגען, וועלכע שטעלען ארויס די ערנסטע וויסענשאפט־ליכע פארברייטונג, אלס א נויטווענדיגע בעדינגונג פאר דעם צוועק־מעסיגען קאמפף פון ארבייטער קלאסס. אזוי למשל די צייטונג פון

די „פלינט-גלאז ארבייטער" שרייבט: „אויב איהר ווילט ניט אויף שטענדיג בלייבען אין דער פריהערדיגער לאגע, אויב איהר ווילט ניט ליידען נאך גרעסערע אונטערדריקונג, גיבען מיר אן עצה קודם כל צו ערווערבען וויסענשאפט, ווייל וויסענשאפט איז מאכט. פאלגט אינזער דרינגענדען ראטה, פערברייטערט אייערע בילדונג, טרינקט אנשטאט בראנפען די וויסענשאפט: זי איז אנגענעהמער — זי פערשאפט א גרעסערען פערגעניגען".

דיזע שטרעבונג צו דער זעלבסט-בילדונג און צו וויסענשאפט-ליכע אויספארשונגען פון די לעבענס-איינצעלהייטען און ארבייטס-בעדינגונגען פון די ארבייטער האט געבראכט גרויסע נוצען די פעראיינען פון די 50-ער יאהרען. נאר א דאנק די ברייטע פראקטישע קענטניסען פון די ארבייטער, איז געלונגען אויסצוארבייטען אזא הערליכע און שטארקע ארגאניזאציע, ווי די „פעראייניגטע געזעלשאפטען". נאר א דאנק דעם, האבען די „פעראייניגטע געזעלשאפטען" ערייכט אזא בליהענדען צושטאנד און פיעלע פון זיי בליהען נאך היינט.

אין די 60-יאהרען בעמערקט מען א בעדייטענדע ענדערונג אין דער טהעטיגקייט פון די ארבייטער-פעראיינען. די פעראייניגונג פון די געלערנטע ארבייטער האט אונפערמיידליך געבראכט דערצו, אז די פעראיינען האבען אנגעהויבען קעמפפען פאר איינציגע געמיינזאמע קלאסען-אינטערעסען פון פראלעטאריאט. צוזאמען מיט דעם עקאנאמישען קאמפף, הויבט זיך אויך אן א פאליטישער קאמפף פאר די פערברייטערונג פון די פאליטישע רעכטע פון פראלעטאריאט; עס האט א ביסעל אויפגעלעבט דער גייסט פון דער אלטער טשארטיסטישער בעוועגונג, חאטש אין א נעלאסענערער, און מעכינגערער פארם.

ווי מיר האבען שוין דערמאהנט, האט אין מיטען XIX-טען יאהרהונדערט די אנפיהרענדע ראלע פון די ענגלישע פראלעטארישע ארגאניזאציעס געהערט די דריי גרויסע לאנדאנער פעראיינען: „די פעראייניגטע געזעלשאפט פון די מאשין-בוי-ארבייטער", די „פעראייניגטע געזעלשאפט פון טשעסליארעס" און די „פעראייניגטע געזעלשאפט פון אייזען-שמעלצער". ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס לויט זייערע סטאטוטען זענען די פעראיינען ניט געווען אבהענגיג איינער פון צווייטען און האבען ניט געהאט קיין

שום געמײנזאמע אײנריכטונג, זענען זײ געװעזען אײן גאנצעס, זײ האבען האנד בײ האנד געקעמפפט פאר די אלגעמײנע פאליטישע אויפגאבען. די אײנהײט איז פערווירקליכט און געשטיצט געװארען דורך דעם, וואס די גענעראל־סעקרעטארען פון „די לאנדאנער פעראײניגטע געזעלשאפטען" זענען געװעזען צװישען זיך אין זעהר נאהענטע און פרײנדליכע בעציהונגען און האבען געביל־דעט אנ'ענגען און פעסטען קרײז פון פרײנד, כדי צוזאמען אויסצוארבײטען און דורכצופיהרען די ארבײטער־פראגראם. דער קרײז, וועלכער איז בעװאוסט אונטער דעם נאמען „יונטי", איז בעשטאנען פון 5—6 מענשען, פון וועלכע מיר וועלען נאר דערמאהנען, 2 אלס די גרעסטע. דאס זענען געװעזען וויליאם אללאן, דער גענעראל סעקרעטאר פון דער פעראײניגטער געזעלשאפט מאשין־ארבײטער, און ראבערט אפפעלהארס, דער סעקרעטאר פון דער פעראײניגטער געזעלשאפט טישלערעס. עס איז ווערט צו בעמערקען, אז דא זענען צום ערשטען מאל געשטאנען אין דער שפיצע פון דער ארבײטער־בעװעגונג ניט קײן אינטעלעגענטען—קינדער פון די בורזשואזע געזעלשאפטליכע שיכטען, ווי למשל פלאס, אווען, אקאנאר און אנדערע, נאר ארבײטער גופא, וועלכע זענען דורכגעגאנגען דעם גאנצען חדר פון דער שווערער פאבריק־ארבײט.

אללאן, אפפעלהארס און זײערע חברים האבען זיך בעצויגען מיט א גרויסען אונצוטרוי צו דער קאמפפס־פאליטיק דורך שטרײקען, און וועלכער ס'האבען זיך געהאלטען די פריהערדיגע פעראײנען. נאר, פערשטעהט זיך, אז זײ האבען געזעהען אין די ארבײטער־פעראײנען די גרעסטע קראפט פאר א פיעלזײטיגע אויסבעסערונג פון דער ארבײטער־לאגע. זײ האבען אויך פער־שטאנען, אז כדי דער קאמפף זאל האבען אנ'ערפאלג איז נויטיג די פאלקאמע גלײכבערעכטיגונג פון פראלעטאריאט מיט די פער־מעגליכע קלאסען. די „יונטא" האט געפאדערט גלײכע סײ פאליטישע, סײ בירגערליכע רעכטען פון ארבײטער־קלאס מיט אלע אנדערע שיכטען פון דער ענגלישער געזעלשאפט. לויט זײער מײנונג דארף די פערניכטונג פון פאליטישע פריווילעגיעס, די פאלקאמע פרײהײט אין דער געזעלשאפטליכער טהעטיגקײט פון די ארבײטער, צוזאמען מיט דער ערהעבונג פון דעם גײסטיגען צושטאנד פון

פאלק, פיהרען צו דער הערשאפט פון עקאנאמישער גערעכטיגקייט.

אונטער דער אנפיהרונג פון דיזע פארשטעהער האבען די לאנדאנער און פראווינציעלע פעראיינען פון ענגלאנד זיך אין גאנצען איבערגעגעבען דעם קאמפף פאר אלגעמיינע וואהל־רעכט, פאר די פערניכטונג פון דעם באַרבאַרישען געזעץ „וועגען בעלי־בתים און משרתים“ פאר די ארגאניזירונג פון אלגעמיינע בילדונגס־איינריכטונגען דורך די מלוכה און פאר די פאלקאמע פרייהייט פון די ארבייטער־פעראיינען.

דער קאמפף פון די ארבייטער פעראיינען אין די 60־ער יאהרען פיהרט זיך איבערהויפט כאר איין פאדערונג, פאר פאלקאמע פאליטישע גלייכבערעכטיגונג פון אלע בירגער פון דעם לעצטען טרעגער ביז דעם גרעסטען ענגלישען לארד. די פאליטישע און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג איז געווארען דער קאמפפ'ס־לאזונג ניט נאר פון די גרויסע לאנדאנער פעראיינען, נאר פון דעם גאנצען ארגאניזירטען און בעוואוסטזיניגען טייל פון ענגלישען פראלעטאריאט.

נאר בעזונדערע, זעלבסטשטענדיגע פעראיינען, צווארפענע איבער פערשיעדענע שטעדט און שטעדטלאך פון ענגלאנד אהן א שום פערבינדונג צווישען זיך, האבען ניט געקענט דורכפיהרען אן אל־געמיינע פראגראם פון דעם גאנצען ארבייטער־קלאס. צו דיזען צוועק האבען געמוזט געגרינדעט ווערען צענטראל־איינריכטונגען, וועלכע זאלען פעראייניגען און אנפיהרען די טהעטיגקייט פון די אבגעזונדערטע ארגאניזאציעס. אזעלכע איינריכטונגען האבען באמת אנגעהויבען אויסצוואקסען אין לאנדאן, גלאזגא, ליווערפול, עדינבורג און נאך אנדערע אינדוסטריעלע צענטרען אין ענגלאנד. יעדע פון דיזע איינריכטונגען האט געהייסען „פראפעסיאנעלער ראטה“. זיי אונטערשיידען זיך איינע פון די אנדערע נאר לויט דעם ארט, וואו זיי האבען זיך געפונען: לאנדאנער פראפעסיאנעלער ראטה, ליווערפולער א. ז. וו. וואס אנבעלאנגט זייער ענטשטעהונגס פארם, פלעגען זיי אין אנהויב אויסוואקסען אלס א צייטווייליגע פעראייניגונג, כדי דורכצופיהרען וועלכע עס איז ספעציעלע פאדערונגען. אזוי, למשל, דער לאנדאנער ראטה איז אויסגעוואקסען פון „שטרייק־קאמיטעט“, וועלכער איז געגרינדעט געווארען דורך פערשיעדענע ארבייטער־פעראיינען, צו שטיצען דעם גרויסען שטרייק פון די בוי־ארבייטער

אין יאָהר 1859—1860 . „נאָך דעם ווי עס האָט זיך געענדיגט דער גרויסאַרטיגער קאַמפּף" — שרייבט דער ראַטה אין זיין בעריכט — „איז קלאָהר אַנערקענט געוואָרען, אַז עס איז נויטיג צו אָרגאַניזירען אַן'אַלגעמיינעם קאָמיטעט פון אַלע פאַכען, כדי אין פאַל פון אַ נויט, זאָלען פערשיעדענע פעראיינען זיך קענען שטיצען מיט ראַטה און טהאָט איינע די אַנדערע". אָט די „פּראָפעסיאָנעלע ראַטה'ען" האָבען גערינט אַלס פערמיטלער, דורך וועלכע די פּאָליטישע אידעען פון דער לאָנדאָנער יונטאַ פלעגען זיך פערשפרייטען און וועלכע האָבען פעראייניגט דעם גאַנצען אַרבייטער-קלאַס אונטער דעם פּאָהן פון אַ געמיינזאַמער פּאָליטישער פּראָגראַם. אין אָנהויב 60-ער יאָהרען איז די ראַטהען אויסגעקומען הויפּטזעכליך צו געבען אַ ווידערשטאַנד די אָנפאַלען פון דער רעגירונג און פאַבריקאַנטען אויף די זעלבסטשטענדיגקייט פון די אַרבייטער.

אַזוי אין יאָהר 1860 איז דער לאָנדאָנער ראַטה אַרויס-געטראָטען געגען דער רעגירונג, וועלכע האָט געוואָלט מיט דער הילף פון סאָלדאַטען ענדיגען די קאַזאַרמען, וואָס זענען געבליבען שטעהען ניט פאַרטיג, צוליעב דעם שטרייק פון די בוי-אַרבייטער. נאָר די ראַטהען האָבען ניט בעגרענצט זייער טהעטיגקייט מיט ריין-פּראַקטישע אויפגאַבען פון דעם איצטיגען מאָמענט. זיי האָבען זיך אויך געסטאַרעט צו פערברייטען דעם פּאָליטישען בעוואוסטזיין פון די ענגלישע אַרבייטער, זיי בעקאַנט מאַכען מיט די פּאָליטישע אָרדנונגען אין אַנדערע לענדער און, ווי ווייט מעגליך, שטעהען אין דירעקטער פערבינדונג מיט די אַרבייטער פון אַלע אייראָפּייאישע לענדער. אַזוי למשל אין יאָהר 1862 האָט דער לאָנדאָנער ראַטה געגרינדעט אַ גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציע לכבוד דער בעפרייאונג פון איטאַליען דורך גאַריבאַלד'ן. ער האָט צוזאַמען-גערופען אַ גרויסען מיטינג, כדי אויסצודריקען זיין מיטגעפיהל דער מלחמה פון די צפון-אַמעריקאַנישע שטאַטען געגען די דרום שטאַטען פון די שקלאַפען אייגענטהימער פאַר די בעפרייאונג פון די נעגרען. אין יאָהר 1866 האָט דער לאָנדאָנער ראַטה געשיקט זיינע דעלעגאַטען אויף דעם קאָנגרעס פון בעוואוסטען „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכען קאַרל מאַרקס האָט געגרינדעט. אין דעם אייגענעם יאָהר האָבען די ראַטהען אָרגאַניזירט אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר די וואַהל-

רעפארמען. אזא אגיטאציע, א דאנק וועלכער דער גרעסטער טייל ארבייטער האט בעקימען וואהל-רעכט (1867-טען יאהר) *).

די גרעסטער טהאט פון די „ראטהען' אין משך פון 1860 ביז 1867-טען יאהר איז געוועזען דער קאמפף געגען דעם געזעץ „וועגען די בעלי-בתים און משרתים". דאס געזעץ איז, ווי מען דערקענט שוין פון נאמען, געוועזען גאר א גרויסער זקן. איינינע פעראררנונגען פון דעם געזעץ זענען נאך געבליעבען בירושה פון יאהר 1343, ווען די רעגירונג האט נאך דער עפידעמיע און אונארדנונגען, וועלכע זי האט ארויסגערופען, געהאלטען פאר נייטיג איינצוצאמען די „צולאזענע משרתים". די אנדערע פאראגראפען געהערען דער געזעצגעבונגס-עפאכע פון עליזאבעטע וועגען די לעהר-אינגלעך. די אויסארבייטונג פון דיזען געזעץ איז פערענדיגט געווארען אין XVIII-טען יאה-הונדערט. אין אזא פערבעסערטע און פערפוצטע פארם האבען די פערפוילטע שטיקלעך פון דעם בארבארישען האלב-לייבאייגענשאפטליכען אלטערטהום בעקומען אין די הענד פון די פאבריקאנטען די קראפט פון א מעכטיגען געוועהר צו דערשטיקען יעדער פראטעסט פון די ארבייטער: „אין די יעצטיגע צייט — שרייבט א היסטאריק פון דער ארבייטער-בעוועגונג אין ענגלאנד — אז די גלייכבערעכטיגונג איז שוין געווארען אנ'אקסיאמע (אנ'אמת וואס מען בעדארף ניט דערווייזען) איז שווער צו פער-שטעהען, ווי אזוי האט אפילו דער בורזשואזער פארלאמענט געקענט ערקלערען פאר רעכטפערטיג אזעלכע געוואלדיגע אונגערעכטיגקייטען, ווי דאס געזעץ „וועגען די בעלי-בתים און משרתים". לויט דעם געזעץ איז דער אונטערנעהמער, וועלכער האט עובר געווען דעם קאנטראקט מיט די ארבייטער, געוועזען פעראנטווארטליך נאר פאר דעם דירעקטען שאדען, וועלכען ער האט געבראכט דעם ארבייטער,

---

*) די רעפארם פון יאהר 1867 האט פערדאפעלט די צאהל פון די וועהלער, וועלכע איז ביז אהער געוועזען אנ'ערך פון 900 טויזענד. אלע בירגער, וועלכע פיהרען א זעלבסטשטענדיגע פאמיליען ווירטשאפט, האבען בעקומען וואהלרעכט. מיר וועלען פארביינעהענדיג בעמערקען, אז אין יאהר 1872 איז געווארען איינגעפיהרט די געהיימע אבשטימונג, וועלכע פערזיכערט דעם ארבייטער-וועהלער די אונאבהענ-גיגקייט פון דעם פאבריקאנטס איינפלוס. אין אין יאהר 1884 איז די צאהל פון די וועהלער אויס'ס ניי פערגרעסערט געווארען אויף צוויי מיליאן, ד. ה. נאך מעהרער ווי פערדאפעלט אין פערגלייך צום 1867-טען יאהר. די וואהל-רעפארמען פון 1864 בעשאפט כמעט אנ'אלגעמיינע וואהל-רעכט.

דער אַרבייטער אָבער, ווען ער האָט עובר געווען דעם קאָנטראַקט האָט געהייסען אַ קרימינאַל-פערברעכער. און אַחוץ דעם שאַדען, וועלכען ער האָט בעדאַרפט בעצאָהלען, פלעגט ער נאָך פערמשפּט ווערען אויף דריי חדשים טורמע.

אַחוץ דעם, האָט דער אַרבייטער ניט געהאַט דאָס רעכט אַרויסצורופען עדות אויפ'ן געריכט. אויף דעם פסק פון פריעדענס-ריכטער האָט מען שוין ניט געקענט אַפּעליערען, און אַפילו דאָס זיצען אין געפענגנים האָט נאָך אויך נישט בעפרייט דעם אַרבייטער פון זיין פערברעכען, וואָס ער האָט עובר געווען דעם קאָנטראַקט. אויב ער האָט נאָך דעם, ווי ער איז אַרויס פון געפענגנים ניט געוואָלט ערפילען דעם אָבמאַך, האָט מען איהם געקענט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אַריינזעצען אין געפענגנים פאַר דער אייגענער עבירה. די קאַפּיטאַליסטען האָבען זיך זעהר בּרייט בענוצט מיט דעם געזעץ. אַזוי אין יאָהר 1863 זענען אויף דעם סמך פון געזעץ „וועגען בעלי-בתּים און משרתים" פערמשפּט געוואָרען 10,399 אַרבייטער. די „פּראָפעסיאָנעלע ראַטהען" אין לאָנדאָן, בּריסטאָל, שעפילד, נאָטענהאַם, ניוקעסטעל און עדינבּורג האָבען אָנגענומען אַלע מיטלען צו אָרגאַניזירען אַ בּרייטע אַגיטאַציע פאַר די אָבשאַפונג פון דיזען געזעץ, עס איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין 15 טויזענד עקזעמפּליאַרען אַ בּראָשורע וועלכע האָט קריטיקירט דאָס געזעץ, און אין יאָהר 1864 איז אין לאָנדאָן פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די דעלעגאַטען פון אַלע אַרבייטער-פעראיינען מיט דעם ציעל צו בעהאַנדלען די קאַמפּפס-מיטלען געגען דעם געזעץ. מען האָט בעשטימט צו ווירקען אויף דעם פּאַרלאַמענט. צו דיזען צוועק איז מען אַריינגעטרעטען אין פערבינדונג מיט איינצעלנע ראַדיקאַלע מיטגליעדער פון פּאַרלאַמענט אויסער דעם האָבען די אַרבייטער צוזאַמענגערופען אַ פערזאַמלונג פון פּאַרלאַמענט-מיטגליעדער אין געבּיידע פון פּאַלאַטע, אויף וועלכער די פאָרשטעהער פון די אַרבייטער-פעראיינען האָבען אַרויסגעשטעלט די פאָדערונגען פון דעם אַרבייטער-קלאַס.

סוף כל סוף האָט דער מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט קאָבעט גענומען אויף זיך אַריינצוטראָגען אַ געזעץ-פּראָעקט לויט די פאָדערונגען פון די אַרבייטער און איינציגע פּאַרלאַמענטאַרישע טהוער האָבען צוגעזאָגט איהם צו שטיצען.

דער קאמפף פאר די אבשאפונג פון געזעץ „וועגען בעלי־בתים און משרתים" האט זיך געצויגען ביז 1867־טען יאהר, ווען די ארבייטער איז ענדליך געלונגען זיך צו דערשלאגען די וויכטיגסטע פארערונגען. אין יאהר 1867 איז דורכגעפיהרט געווארען א נייער געזעץ, וועלכער האט פערניכטעט די שווערסטע אונגערעכטיגסטע פונקטען פון דעם געזעץ.

דער פארלאמענטארישער נצחון האט ארויסגערופען נאך אן ענערגישערע בעטייליגונג פון דעם גאנצען ענגלישען ארבייטער־קלאס אין פאליטישען קאמפף.

ביז אהער האבען גענומען א וויכטיגען אנטייל אין פאליטיק נאר די גרויסע לאנדאנער פעראיינען. אין די פראווינציעלע ארגאניזאציעס, וואו מען האט נאך ניט פערגעסען וועגען די טשארטיסטישע מפלות, האט מען זיך פערהאלטען גלייכגילטיג צו דעם קאמפף פאר פאליטישע רעכטען. דער נצחון אין יאהר 1867 האט בעדייטענד אויפגעהויבען דעם גייסט פון די פראווינציעלע ארבייטער. יעצט האט זיך ארום דער פאליטישער פראגראם פון דער „יונטא" באמת זיך פעראייניגט דער גאנצער ארבייטער־קלאס פון ענגלאנד און ניט נור לאנדאן מיט עטליכע פראווינציעלע ראטהזען. די פעראייניגונג און די געהויבענע שטימונג איז אין דיזען מאמענט געווען ווי צוגעפאסט. אנהייבענדיג פון יאהר 1867 איז די ארבייטער אויסגעקומען אריינצוטרעטען אין א הארטנעקיגען און לאנגען קאמפף מיט דעם פארלאמענט.

דער וואוקס און דער איינפלוס פון די לאנדאנער „פעראייניגטע געזעלשאפטען", די ענטשטעהונג פון פערשידענע „ראטהען" די אויפלעבונג פון די פראווינציעלע ארבייטער־פעראיינען אין דער צייט פון קאמפף נעגען געזעץ וועגען „בעלי־בתים און משרתים", ענדליך דער נצחון פון די ארבייטער אין יאהר 1867, — אט די אלע סמנים פון דער נייער ארבייטער־בעוועגונג האבען ארויסגערופען א שרעקליכע אויפרעגונג צווישען די רייכע קלאסען אין ענגלאנד. דער פחד פאר די ארבייטער־פעראיינען האט ארומגענומען די גאנצע בורזשואזיע.

ניט נאר די פאבריקאנטען האבען געפאדערט מען זאל פערשטארקען די געזעצגעבונג געגען די ארבייטער־פעראיינען, נאר די גאנצע בורזשואזע פרעסע האט אויפגעהויבען א יאמער וועגען

די נויטווענדיגקייט צו דערשטיקען דעם „טעראר" פון די ארבייטער־פעראיינען.

די אויפרעגונג פון דער בורזשואזיע האט ערווייכט די העכסטע מדרגה, בעת מען האט ענטדעקט איינעגע געוואלדטהאטען פון די ארבייטער אין שעפילד. וואס דארט איז געוועזען — ווייס מען נאך עד היום נים. דער איינציגער אמת'ער פאקט איז נאר דאס, אז אין א הויז פון אנ'ארבייטער, וועלכער האט נים געהערט צום פעראיין האט אויפגעריסען א באמבע. אט דיזע אויפרייסונג איז געוועזען אנ'אמת'ער טריאומף פאר די בורזשואזע שונאים פון די ארבייטער־פעראיינען. דער בורזשוא האט זיך מיט דעם בענוצט צו בעשולדיגען אלע ארבייטער־פעראיינען אין טער־ראריסטישע אטענטאטען. וועגען דער נארישער געשיכטע אין שעפילד האט די בורזשואזע פרעסע אויפגעהויבען אזא געפילדער, גלייך ווי די גאנצע פעראייניגטע מלוכה וואלט געשטאנען אין א סכנה. די גאנצע ארטיגע פאליציי האט גענומען ארבייטען אויף אלע כלים. נאר נים קוקענדיג אויף אלע „פליסיגע" פאליציייאישע אויספארשונגען, האט זיך ארויסגעוויזען אז אין דער שעפילדער אויפרייסונג איז געוועזען פערמישט נאר אקליינער הייפעל ארבייטער, וועלכע האבען נים געשפיעלט קיין שום בעדייטענדע ראלע אין די ארטיגע ארבייטער־פעראיינען.

נאר נים קוקענדיג אויף דעם, וואס אפילו לויט די פאליציי־אישע בעריכטען האבען די ארבייטער־פעראיינען קיין שום שייכות נים געהאט צו דעם שעפילדער צופאל, האט פונדעסטוועגען די בורזשואזיע ענערגיש געפאדערט א ספעציעלע רעגירונגס־קאמיסיע אויסצופארשען די „פערברעכערישע" טהעטיגקייט פון די ארבייטער־פעראיינען. דער יאמער פון די פאבריקאנטען און בורזשואזע צייטונגען איז פריינדליך אויפגענומען געווארען ביי דער בירזשואזער רעגירונג, און אין יאהר 1867 האט די קעניגין אין איהר טראהן־רעדע פייערליך מבשר געוועזען, אז מען האט בעשטימט א ספעצי־עלע קעניגליכע קאמיסיע אויסצופארשען די שעפילדער געשיכטע און די פראגע וועגען די ארבייטער־פעראיינען בכלל.

כדי צו פערטהיידיגען זייערע רעכטען ביי אזא קריטישע לאגע, האבען די ארבייטער־פעראיינען געמוזט צוזאמענגעהמען אלע זייערע קרעפטען. אלס אנפיהרער אין דעם קאמפף פאר די

עקזיסטענץ פון די פעראיינען זענען ארויסגעטראטען די מיטגליעדער פון דער „יונטא". די לאגע פון די ארבייטער איז געוועזען זעהר א שווערע, ווייל די קאמיסיע איז בעשטאנען בלויז פון רעגירונגס־בעאמטע, וועלכע זענען געוועזען אזוי פיינדליך צו די ארבייטער־פעראיינען, דאס זיי האבען לחלוטין ניט געוואלט אויסהערען קיין שום טענות פון די ארבייטער,

נאר נאך א שטארקע אגיטאציע האט ראבערט אפפעל־הארט זיך דערשלאגען, מען זאל איהם איינלאדען אין קאמיסיע אלס אנ'עדות. אפפעלהארט'ן איז געלונגען קלאר און דייטליך צו בעווייזען, אז די „פעראייניגטע לאנדאנער געזעלשאפטען" האבען קיינמאל ניט ארויסגערופען קיין שטרייקען און די קאססעס האבען געדינט הויפטזעכליך נאר אויף גענענזייטיגע הילף. א חוץ דעם האט ער אויך בעוויזען אז אין די לאנדאנער פעראיינען איז ניט געוועזען קיין זכר פון פערשווערונגס־געהיימניסען. פארקערט, זייער גאנצע טהעטיגקייט איז איבעראל געווארען פובליקירט. ער האט אויך בעוויזען, אז די פעראיינען האבען ניט אנגעווענדעט קיין שום מיטלען געגען דער מאשינען־בענוצונג, געגען דעם, וואס מען האט אויסגעשריעבען אויסלענדישע ארבייטער, געגען דער פרייער ארבייט פון די לעהרען־אינגלעך. נאך מעהר, פון אפפעלהארט'ס רעד האט זיך זאגאר ארויסגעוויזען, אז די לאנדאנער פעראיינען האבען אפילו ניט געקעמפפט געגען אזא צרה, ווי די שטיק־ארבייט, איבער־שטונדען ארבייט. א כלל, נאך אפפעלהארט'ס גוט בעגרינדעטע און זיכערע ראיות איז קיין שום ספק ניט געבליבען, אז די פעראייניגטע געזעלשאפטען פון לאנדאן, האבען ניט נאר ניט געהאט קיין שום רעוואלוציאנערע אבזיכטען נאר, פארקעהרט, זיי האבען גיכער פערדינט מען זאל זיי בעשולדיגען אין צופיעל מעסיגקייט און קורצזיכטיגקייט. די פאבריקאנטען האבען זיך פון דעסטוועגען ניט אבגעזאגט פון זייערע בעשולדיגונגען. זייערע בעווייזען פאר דער קעניגליכער קאמיסיע זענען אבער פארט ניט געוועזען אזוי זיכער און איבערצייגענד, ווי די בעווייזען פון די ארבייטער־פארשטעהער.

די פאבריקאנטען האבען ניט געבראכט קיין איין בעוויז אום צו בעשטעטיגען זייערע בעשולדיגונגען. זיי האבען פשוט אויסגעגאסען זייערע ביטערע הערצער אין אונבעגרינדעטע אנקלאגען; זיי האבען זיך בעקלאגט, אז „די הייליגע רעכטען פון די אייגענטימער"

ווערען געטראָטען אונטער די פיס. איבערהויפט האָבען זיי געזוכט צו מאַכען אַנ'איינדרוק ניט מיט בעוויזען, נאר מיט געוועהנליכע בורזשואַזע שעהנע ווערטער. מיט איין וואָרט, די אַרבייטער איז געלונגען אַזוי קלאָהר צו בעווייזען די פאַלשקייט און ליגען פון אַלע בעשולדיגונגען, וואָס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרען געגען די אַרבייטער-פעראיינען, אַז אפילו איינציגע בורזשואַזע צייטונגען האָבען אָראָבגעלאָזען זייער טאָן אין די אַרטיקלען וועגען דער אַרבייטער-בעוועגונג. די צייטונג „טיימס“ (די צייט) האָט אַנשטאָט דונערנדע אַרטיקלען געגען דעם „טעררער פון די פעראיינען“ געשריבען, אַז דער בעסטער מיטעל וואָלט געווען לאָזען די פעראיינען פריי זיך צו ענטוויקלען. די צייטונג האָט פערזיכערט, אַז דאַמאָלסט וועט דער גאַנצער ראַדיקאַליזם אויסוועבען פון זיך אַליין און די אַרבייטער-פעראיינען וועלען זיך אין גאַנצען דורכדרינגען מיט דעם פערנונפט פון דער בורזשואַזער געלאַסענהייט און פינקטליכקייט.

ווי פיינט די קעניגליכע קאָמיסיע האָט ניט געהאַט די אַרבייטער-פעראיינען, האָט זי, ביי אַזעלכע בעדינגונגען ניט געקענט אָפען זיך שטעלען אויף דער זייט פון די פאַבריקאַנטען. זי האָט געהאַלטען פאַר בעסער זיך צו בענוצען מיט דער יעזואי-טישער טאַקטיק. איהרע בעריכטען זענען געווען אַזוי צוזאַמענ-געשטעלט, אַז אויפ'ן ערשטען קוק האָט מען געקענט מיינען, דאָס זי איז געניגט לטובת די אַרבייטער-פעראיינען. באמת אָבער האָט זי אָבגענומען פון די ענגלישע אַרבייטער יעדע מעגליכקייט צו פיהרען אַנ'אָרגאַניזירטען קאַמפף. דער פּראָיעקט פון דער קעניגליכער קאָמיסיע האָט פאָרגעלעגט מען זאָל געבען אַלע אַרבייטער-פעראיינען פאָלקאָמע פרייהייט, אַחוץ יענע פעראיינען, וועלכע האָבען בדעה דורך זייער טהעטיגקייט עובר צו זיין די קאָנטראַקטען. כדי דאָס געזעץ זאָל קענען בעשיצען די פעראיינס-קאַסע פון גזלות, איז דער פעראיין פערפפליכטעט זיך מעלדען ביי אַ רעגירונגס-בעאַמטען.

אַלע פעראיינען האָבען דאָס רעכט זיך צו רעגיסטרירען (געזעצליך פערשרייבען), אַחוץ די, וועלכע קעמפפען געגען די איינפיהרונג פון נייע מאַשינען, וועלכע שטרעבען צו בעגרענצען די צאָהל פון די לעהרענאינגלעך אָדער וועלכע זענען געגען דעם שטיקלוין און געגען איבער-שטונדען-אַרבייט.

א חוץ דעם, פערלירען די פעראיינען, וועלכע האבען לויט זייערע סטאטוטען א ספעציעלע אויפגאבע צו שטיצען אנדערע פעראיינען אין דער צייט פון קאמפף, זייער רעכט צו עקזיסטירען.

אויף אזא אופן קומט אויס, אז די פארלאגע פון דער קאמיסיע איז געוועזען מען זאל אין גאנצען צושטערען די געזעצליכע עקזיסטענץ פון די ארבייטער-פעראיינען. אויף די בעדינגונגען, וועלכע די קאמיסיע האט פארגעלעגט, וואלט קיין שום ארבייטער-פעראיין ניט געוואלט זיך רעגיסטרירען, ווייל זיי אננעהמען וואלט הייסען: זיך אבזאגען פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון ארבייטער-פעראיינען.

יעצט איז שוין קיין חידוש ניט, וואס די ענגלישע ארבייטער האבען אנגעהויבען ענערגיש צו קעמפפען געגען דער פארלאגע פון דער רעגירונגס-קאמיסיע. קודם כל האבען די ארבייטער בעשטימט צו ווירקען אויף די מיטגליעדער פון פארלאמענט אין דער צייט פון די אלגעמיינע וואהלען אין יאהר 1868. ווי מיר האבען שוין געזאגט, האט די מעהרהייט ארבייטער בעקומען אין יאהר 1867 וואהלרעכט. אין יוני 1868 האט די „יונטא" פאנאנדערגעשיקט א צירקוליאר צו אלע ארבייטער פון די פעראיינען, אין וועלכען זי האט רעקאמענדירט אבציגעבען זייערע שטימען ביי די וואהלען נאר פאר די קאנדידאטען, וועלכע זאגען צו צו פערטהיידיגע אין פארלאמענט די פראגראם פון די ארבייטער-פעראיינען. אין 1869-טען יאהר האט דער מיטגליעד פון פארלאמענט גאררי́סאן, א פריינד פון די ארבייטער-פעראיינען, אריינגעטראגען א פארלאגע אין פארלאמענט, מען זאל אבשאפען די געזעצען נעגען די ארבייטער-פעראיינען. גאררי́סאן האט געפאדערט מען זאל אבשאפען אלע ספעציעלע געזעצען וועגען די ארבייטער קאנטראקטען. אלס יסוד פון זיין פארלאגע האט ער ארויסגעשטעלט דעם געדאנק, אז קיינע טהאטען פון די ארבייטער פעראיינען דארפען ניט גערעכענט ווערען אלס פערברעכערישע, אויב די אייגענע טהאטען הייסען ניט א פערברעכען, ווען איין מענש טהוט זיי. גאריסאנ'ס פארלאגע האט בעגעגענט אין פארלאמענט א שטארקען ווידערשטאנד. די „יונטא" האט ארגאניזירט א שטארקע אגיטאציע פאר די פארלאגע. פון אלע וואהל-

קרייזען האָט מען שטאַרק געוויִרקט אויף די מיטגליעדער פון פאַרלאַמענט. אין דעם עקסעקוטער זאַל אין לאָנדאָן איז געווען אַ גראַנדיעזע אַרבייטער־דעמאָנסטראַציע, וואו עס איז בעשטימט געוואָרען אָנצונעהמען אַלע מיטלען, צו צווינגען די רעגירונג זי זאָל אָבשאַפען די פערהאַסטע געזעצען, וועלכע בעגרענצען די טהעטיגקייט פון די פעראיינען.

איינזעהענדיג, אַז דער וויטערדיגער ווידערשטאַנד געגען די אַרבייטער איז אונמעגליך, האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבען אַ פאָרמעלען צוזאָג דורכצופיהרען אין דער פאָלגענדער פאַרלאַמענטאַרישער זיצונג אַ געזעץ, וואָס זאָל בעפרידיגען די הויפּט פאָדערונגען פון די אַרבייטער. די רעגירונג האָט נאָר געוואָלט געווינען צייט, כדי די פאָדערונגען פון די אַרבייטער זאָלען דערווייל פאַרגעסען ווערען. דאָס איז איהר אָבער ניט געלונגען. די אַגיטאַציע פון די אַרבייטער פעראיינען איז ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען, פערקערט זי איז אַלץ מעהר געוואַקסען, און אין יאָהר 1871 איז די רעגירונג געצוואונגען געווען אַריינצוטראָגען אין פאַרלאַמענט און דורכפיהרען דעם געזעץ־פּראָיעקט, לויט וועלכען יעדער פערבאַנד, ווי ברייט זיין פּראָגראַם זאָל ניט זיין, האָט בעקומען דאָס געזעצליכע רעכט פריי צו עקזיסטירען.

דאָס נייע געזעץ האָט נאָך אַלץ ניט געגעבען קיין גאַראַנטיעס אויף די געזעצליכע אַנערקענונג פון די פעראיינען, ווי דאָס האָבען געפאָדערט די אַרבייטער. אמת טאַקע אַז דאָס נייע געזעץ האָט אָבגעשאַפט אַלע פריהערדיגע אונטערדריקונגען, נאָר אויף זייער אָרט האָט ער אַרויסגעשטעלט אַנדערע זעהר וויכטיגע בעגרענצונגען פאַר די טהעטיגקייט פון די פעראיינען. די מעשה איז אַזוי. דאָס נייע געזעץ האָט ענטהאַלטען, צוזאַמען מיט דעם פּאַראַגראַף וועגען געזעצליכע אַנערקענונג פון יעדער פעראיין, אויך אַ פּונקט וועלכער האָט פערבאָטען די פעראיינען צו געברויכען געוואַלדטהאַטען אָדער סטראַשונקעס, סיי אין די בעציהונגען צו די פאַבריקאַנטען און סיי צו די אַרבייטער. דער לעצטער פּונקט איז געווען זעהר אונקלאָהר און צווייזייטיג. אויף יעדען שריט און טריט טרעפען מיר דאָרטען אויך אַזעלכע אויסדריקען פּונקט ווי אין דעם אַלטען געזעץ געגען קאָאַליציע, למשל: „דריקונג" „בעלאַסטונג" „סטראַשונקעס" „וואַרפען אַנ'אימה"

א. ז. וו. קיין פשט אויף די ווערטער איז ניט געווען. פערשטעהט זיך, אז אויב די ריכטער לעבען גאר בשלום מיט די פאבריקאנטען, קענען טען אונטער אזעלכע אונדייטליכע פונקטען פערשטעהען פשוט'ע אונשולדיגע מעשים.

און באמת, אין דעם אייגענעם יאהר 1871 זענען זיעבען פרויען פערמשפט געווארען צו געפענגניס דערפאר, ווייל זיי האבען, כלומרשט „געסטראשעט" די ארבייטער פון א פאבריק, וועלכע האבען געגען דעם בעשלוס פון פעראיין בעשטימט אויפהערען צו שטרייקען. איהר חידושט אייך אודאי, ווי אזוי האבען דאס 7 פרויען געקענט איינשרעקען א א מאסע ארבייטער פון א גרויסער פאבריק. באמת איז דאס גאר פשוט. די פרויען זענען געשטאנען ביי די טויערען פון דער פאבריק און האבען בעגלייט מיט פעראכטונגס אויסרופען די, וועלכע האבען ניט אויסגעהאלטען דעם שטרייק. אין דעם זענען בעשטאנען זייערע אלע „סטראשונקעס". דער פריעדענסריכטער האט דאך געפונען, אז די אויסגעשרייען פון די פרויען זענען אזוי געפעהרליך פאר די ארבייטער, אז ער האט זיך ניט געשעמט אריינצוזעצען די אומגליקליכע אין געפענגניס. אזעלכע פאקטען, וועלכע דערווייזען, ווי דאס געזעץ איז אויסגעניצט געווארען, קענען מיר געפינען הונדערטער; מאסען ארבייטער האט מען איינגעשלאסען אין די געפענגניסען פאר א פראסטען זידעל-ווארט.

מיט איין ווארט, דער בעריהמטער פאראגראף האט געמאכט צו גארנישט אלע ערלויבניסען פון געזעץ און האט געמאכט פאר אונמעגליך צו פיהרען רעגעלמעסיג א שטרייק.

פערשטעהט זיך, אז די ארבייטער האבען זיך ניט געקענט בעפריעדיגען מיט דעם געזעץ.

אין יאהר 1874, ווען עס האבען זיך אנגעהויבען די וואהלען אין פארלאמענט, האט די אויפרעגונג און די אגיטאציע פון די ארבייטער געגען דעם געזעץ ערריכט די העכסטע מדרגה. די ארבייטער האבען זיך ניט געוואלט פערלאזען אויף די בירזשואזיע און ארויסגעשטעלט אייגענע קאנדידאטען. אין די וואהל-קרייזען זענען ארויסגעשטעלט געווארען קאנדידאטען ארבייטער, און ס'איז טאקי געלונגען צוויי פון זיי דורכצופיהרען אין פארלאמענט.

אויף אזא אופן האבען זיך אין יאהר 1875 דאס

ערשטע מאל בעוויזען אין ענגלישען פארלא=מענט ארבייטער (מאקדאנאלד און בערט). אין די וואהל=קרייזען וואו עס איז ניט געוועזען קיין מעגליכקייט דורכצופיהרען אייגענע קאנדידאטען, האבען די ארבייטער בעשטימט ניט שטיצען די ליבעראלען, וועלכע פלעגען שטענדיג צוזאגען גאנצע בערג און קיינמאל ניט מקיים זיין. זיי האבען דעם מאל געשטימט פאר קאנסערוואטארען, נעמענדיג ביי זיי דאס ווארט, אז זיי וועלען שטי=צען די ארבייטער=פראגראם.

אדאנק דעם, האט די ליבעראלע פארטיי געהאט א גרויסע נידערלאגע. די ליבעראלען, וועלכע האבען ביז אהער געהאט א גרויסע מעהרהייט אין פארלאמענט און וועלכע זיינען געוועזען זיכער אין זייער נצחון, האבען איצט פלוצלונג בעקומען אזא גרויסע מפלה: די קאנסערוואטארען האבען בעקומען די מעהרהייט אין פארלאמענט.

אין יאהר 1874 האט זיך צום ערשטען מאל ארויסגעוויזען די פאליטישע בעדייטונג פון דעם ארבייטער=קלאס. די בורז=שואזיע האט זיך געמוזט איבערצייגען, אז דער ארבייטער=קלאס איז ניט קיין „שפיעלצייג" ניט קיין „שטים-פיה" — ווי די פרייסישע גוטס=בעזיטצער רופען אן די פויערשע וועהלער — נאר א בעוואוסט=זיניגע פאליטישע קראפט, וועלכע קען מיט איהר שטיצע פער=זיכערען דעם נצחון פון וועלכער עס איז פארטיי. די לעקציע, וועלכע די ארבייטער האבען געגעבען די ליבעראלען איז ניט פער=פאלען געגאנגען אויך פאר די קאנסערוואטארען. שרעקענדיג זיך פאר דעם זעלבען גורל פון די ליבעראלען, האבען די קאנסערווא=טארען געמוזט ניט נאר צוזאגען צו שטיצען די ארבייטער, נאר אויך מקיים זיין וואס זיי האבען צוגעזאגט.

אין 1875-טען יאהר האבען די ארבייטער ערריכט אלע זייערע פאדערונגען.

דאס געזעץ וועגען „בעלי-בתים און משרתים' איז אין גאנ=צען אבגעשאפט געווארען, און אויף זיין ארט איז בעשטעטיגט גע=ווארען א געזעץ וועגען „אונטערנעהמער און ארבייטער". אויף אזא אופן איז דאס פערהאסטע ווארט „בעל-הבית" „הערר" „משרת" אין גאנצען פערשוואונדען געווארען פון דער ענגלישער געזעצגעבונג. עס איז אבגעשאפט געווארען די געפענגניס=שטראף פאר עובר זיין

דעם קאנטראקט. נעבען די פאבריקען, וואו מען שטרייקט, איז ערלויבט געווארען אנידערשטעלען א וואך. די אויסדריקען „צווינגען" אין „בעלעסטיגען", וועלכע זיינען געוועזען דאס הויפט כלי־זין אין די הענד פון די ריכטער צו דריקען דעם ארבייטער־קלאסס, זיינען אין גאנצען ארויסגעווארפען געווארען פון געזעץ. (פאר איינשרעקען, סטראשונקעס און נאך אנדערע „געוואלדטהאטען" האט מען בעשטראפט לויט די אלגעמיינע געזעצען.) עס איז ערקלעהרט געווארען, אז פון היינט אן הייסט ניט אונגעזעצליך איז קיין שום טהאט פון פעראיין אויב ער איז ניט אונגעזעצליך, ווען איהם בעגעהט א יחיד. איבערהויפט איז אנערקענט געווארען פאר געזעצליך יעדע קאלעקטיווע ארגאניזאציאנס־טהעטיגקייט פון די ארבייטער מיט אלע איהרע פאלגען. דאס איז געוועזען דער הערליכסטער נצחון פון דעם ענגלישען ארבייטער־קלאסס, אבער דיעזער נצחון איז, ווי מיר האבען שוין געזאגט, אנגעקומען ניט לייכט!

גאנצע צעהן יאהר האבען די ארבייטער פון די פעראיינען געמוזט פיהרען א בלוטיגען שטרייט אום צו ערקעמפפען זיך די יעצטיגע עהרען־לאגע אין דער מלוכה־ארדנונג פון ענגלאנד.

אין דער איינענער צייט, ווען די לאנדאנער „פעראייניגטע געזעלשאפט" פון די מאשין־בוי־ארבייטער, מעכאניקער, טישלער און אנדערע האבען זיך געסטארעט אונטער דער אנפיהרונג פון דער „יונטא" אבצושוויינען דעם וועג פאר די פרייע ענטוויקלונג פון די ארבייטער־פעראיינען, האבען אין מיטעל און צפון ענגלאנד אויפגעהויבען דעם קאמפף די גרויסע ארגאניזאציעס פון די בערג־ארבייטער און בוימוואל שפינערייען. דיזע ארגאניזאציעס האבען געפאדערט פון דער מלוכה ניט נאר פאלע—פרייהייט, נאר אויך א דירעקטען שוץ פון די ארבייטער אינטערעסען. דער ערשטער פונקט אין זייער פראגראם איז געוועזען דער 9 שעהדיגער ארבייטס־טאג. דער פראיעקט, וועלכער איז אויסגעארבייט געווארען אין יאהר 1872 האט נאר געפאדערט א 9 שעהדיגען ארבייטס־טאג פאר פרויען און קינדער. נאר קוקענדיג אויף די רעזולטאטען, וועלכע האט געבראכט דאס געזעץ פון 10 שעהדיגען ארבייטס־טאג (1847), זיינען די ארבייטער געוועזען זיכער, אז די פערקירצונג פון ארבייטס־טאג פאר פרויען און קינדער, וועט ארויסרופען די

פערקירצונג פון ארבייטס-טאג פאר די דערוואקסענע ארביי-טער אויך.

אין פארלאמענט האט דער פראיעקט בעגעגענט א הארטנע-קיגען ווידערשטאנד פון די פאבריקאנטען. די מעהרהייט פון דער פאלאטע האט זיך ארויסגעזאגט געגען יעדע פערקירצונג פון אר-בייטס-טאג. דאס מיניסטעריום האט אבגעזאגט די ארבייטער אין ש.יצע. די ארבייטער-אגיטאציע האט פון דעסטוועגען ניט אויפגע-הערט. אין יאהר 1873 איז דער פראיעקט נאך אמאל אריינגע-טראגען געווארען, און די רעגירונג איז סוף כל סוף געצוואונגען געוועזען צו בעשטימען א ספעציעלע קאמיסיע אויסצופארשען די פראגע. נאר פון אנהויב אן איז שוין קלאר געווארען אז די ווירקליכע אבזיכטען פון דער קאמיסיע איז ניט צו לעזען די פראגע, נאר אוועקצולעגען זי אין טישקעסטעל. דערוויל איז אנגעקומען די צייט פון די אלגעמיינע וואהלען אין פארלאמענט. די ארבייטער האבען ארגאניזירט א ברייטע אגיטאציע, מען האט צוגעזאגט צו שטיצען יענע קאנדידאטען, וועלכע וועלען ערנסט פערטהיידיגען דעם געזעץ פון א 9 שעהריגען ארבייטס-טאג פאר פרויען און קינדער. ביי אזא צושטאנד האבען די פאבריקאנטען און די רעגירונג גע-מוזט געהן אויף הנחות. אמת טאקע, אז ס'איז ניט בעשטימט געווארען קיין געזעץ וועגען א 9 שעהריגען ארבייטס-טאג פאר אלעמען, דערפאר איז אבער געלונגען דורכצופיהרען א געזעץ, וועלכער פערקירצט די פרויען-און קינדער-ארבייט אויף $56^1/_2$ שעה א וואך.

צוזאמען מיט דעם פארלאמענטארישען קאמפף פאר א 9 שעה-דיגען ארבייטס-טאג, האבען די ענגלישע ארבייטער אויך געשט-רעבט צו פערקירצען דעם ארבייטס-טאג דורך א דירעקטע ווירקונג אויף די פאבריקאנטען. עס איז געגרינדעט געווארען א גרויסע ארבייטער-געזעלשאפט מיט דעם ספעציעלען צוועק זיך דערשלאגען דורך אלע מיטלען א 9 שעה'דיגען ארבייטס-טאג. דיזע געזעלשאפט, וועלכע האט זיך גערופען „די 9 שעה'דיגע ליגע" האט ארומגענומען סיי גרויסע סיי קליינע ארבייטער-פעראיינען, ווי אויך א אונגע-הויערע מאססע אונארגאניזירטע ארבייטער, וואס האבען מיטגעפיהלט די פאדערונג פון א 9 שעה'דיגען ארבייטס-טאג. אין יאהר 1871 האבען די מיטגלידער פון דער ליגע ערקלערט א שטרייק, וועלכער

האט זיך געענדיגט מיט דעם פאלקאמען נצחון פאר די ארבייטער. דער ערפאלג איז נאך וואונדערבארער, ווען מיר זאלען נעמען אין אנבעטראכט, אז אין דעם שטרייק האבען זיך בעטייליגט ניט נאר ארבייטער פון די פעראיינען, נאר אויך א אונגעהויערער צאהל אונארגאניזירטע ארבייטער, וועלכע האבען ניט געהאט קיין שום געלד־פאררראט און זענען ניט געוואהנט געוועזען צו קיין שום ארגאניזאציאנס־דיסציפלין. אמת טאקע אז דער שטרייק האט ארויסגערופען א הייסען מיטגעפיהל אין דעם גאנצען ארבייטער־קלאסס פון ענגלאנד, און געלד האט זיך אהן א שיעור געשאטען פון אלע זייטען. די פאבריקאנטען האבען אבער אויך ניט געדרעמעלט, זיי האבען געגרינדעט א פערבאנד געגען די ארבייטער, און מיט דעם ציעל האבען אלע מאשין בוי־פאבריקאנטען איינגעפיהרט א ספעציעלע אבצאהלונג צו שטיצען די פאבריקאנטען, ביי וועלכע עס האט אויסגעבראכען א שטרייק. פאלקאם מנצח זיין די פעראייניגטע מאכט פון קאפיטאל, דורכפיהרען דעם זיעג כמעט אהן געלד־מיטלען האט מען נאר געקענט ביי א פאלקאמער סאלידאריטעט פון דעם גאנצען ארבייטער־קלאסס און מיט דער הילף פון אלע ענגלישע ארבייטער. ווי די פאקטען האבען בעוויזען, האבען די ענגלישע ארבייטער שוין ערררייכט אזא סאלידאריטעט, אם ווענינגסטען אין אזא וויכטיגען ענין, ווי דער קאמפף פאר א 9 שעה'דיגען ארבייטס־טאג: זיי זענען ארויסגעטראטען נעגען אלגעמיינעם שונא ווי איין מענש.

נאך א 5 חדשים'דיגען שווערען קאמפף, האבען די פאבריקאנטען געמוזט מודה זיין, אז זיי האבען פערשפיעלט און האבען געמוזט מסכים זיין אויף אלע פאדערונגען, וואס די ארבייטער האבען ארויסגעשטעלט.

דער גלענצענדער פאר אמענטארישער זיעג פון די „פעראייניגטע געזעלשאפטען" און „ראטהען" אזוי אויך דער בעריהמטער קאמפף פאר דעם 9 שעה'דיגען ארבייטס־טאג האבען אויפגעהויבען די ענגלישע ארבייטער פעראיינען אויף אזא הויכער מדרגה, וועגען וועלכער די ארבייטער האבען נאך מיט א קורצער צייט צוריק גאר ניט געהאט די העזה צו טראכטען. נאך אין סוף 60-ער יאהרען האט מען יעדען ארבייטער, וואס האט געהערט צו א פעראיין, געהאלטען פאר א פערדעכטיגען און געפעהרליכען מענשען; די

פאליציי און די פריעדענסריכטער פלעגען אויף איהם קוקען ווי אויף א מערדער אדער א רעוואלוציאנער.

אין יאהר 1875 זענען די מיטגליעדער פון די ארבייטער־פעראיינען אריין אין פארלאמענט, האבען אריינגעדרונגען אין שטאדט־פערוואלטונגען, אין די שוהל־ראטהען, האבען גענומען אנ'אקטיווען אנטהייל אין די ארבייט פון די פארלאמענט־קאמיסיעם; מיט איין ווארט די ארבייטער־פעראיינען האבען זיך פערשאפט א בכבוד'דיגען און איינפלוסרייכען ארט אין פאליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען פון ענגלאנד.

די נצחונות פון די ארבייטער אין די 70־ער יאהרען זענען געוועזען אזוי גרויס, אז די דערשראקענע קאפיטאליסטען האבען זיך פארגעשטעלט די ארבייטער־ארגאניזאציעס פאר א מלוכה אין א מלוכה, פאר אנ'ארבייטער רעגירונג, וועלכע שטעהט גלייך מיט זייער בורזשואזער רעגירונג און אפשר נאך העכער.

דער מאניפעסט פון א „פעראיין אונטערנעהמער" אין יאהר 1872 האט ערקלעהרט, אז ניט נאר דער כח פון איינצעלנע פאבריקאנטען איז צו שוואך געגען די ארבייטער־פעראיינען, נאר אפילו דער אלגעמיינער פערבאנד פון אלע קאפיטאליסטען וואלט אויך נישט געווען אים שטאנד צו קעמפפען מיט דער אונגעהויערער קראפט פון דעם ארגאניזירטען פראלעטאריאט.

דער מאניפעסט זאגט ווייטער: „וועניג האבען א בעגריף וועגען דער שטרענגער דיסציפלין, אינגעהויערע מיטלען און געוואלדיגען איינפלוס פון די ארבייטער פעראיינען. זיי האבען א גאנצען שטאאט אנפיהרער, וועלכע בעקומען זעהר א גוטען געהאלט. א דאנק די גרויסע מיט־ען, דעם גרויסען אווטאריטעט פון די פעראיינען, און טייל־ווייז זייערע הומאניטארע שטרעבונגען האבען זיי צוגעצויגען צו זיך א סך מענשען מיט אוניווערזיטעטס בילדונגס. זיי האבען א גאנצע ארמעע ליטעראַרישע טאלאנטען, וועלכע דיענען די ארבייטער מיט זייער פעדער אין דער צייט פון א שטרייק אדער אנדערע אויפרעגונגען. די ארבייטער פעראיינען האבען בעשאפען אנ'אייגענע ליטעראטור. זייערע זשורנאליסטען האבען א פרייען צוטריט צו אלע לאנדאנער צייטונגען. אויף די פארלאמענט קאנדידאטען האבען זיי אזא גרויסע ווירקונג, וועלכע איז נאך גרעסער פאר זייער אמת'ער קראפט. דאס מיניסטעריום פון אינערען אליין

הארכט זיך צו, וואס זיי זאגען אונד נעמט צו בכבוד גדול זייערע פאדערונגען און מעלדונגען" ...

דער רחמנות־טאן פון דעם קאפיטאל, וועלכער פייערט שטענדיג זיינע נצחונות האט א סך בעסער, איידער אנ'אגיטאציאנער אויפרוף, אויפגעוועקט דעם בעוואוסטזיין אין די ארבייטער וועגען די מאכט, וואס ליעגט אין פראלעטאריאט, ווען ער טרעט ארויס ניט אלס א צוואווארפענע מאססע, נאר אלס א ארגאניזירטע און בעוואוסטזיניגע ארמעע.

דעריבער איז ניט קיין וואונדער, אז דער פארלאמענטארישער ארבייטער־קאמיטעט האט אויף זיינע אייגענע קאסטען איבערגעדרוקט דעם מאניפעסט פון דעם „קאפיטאליסטען־פערבאנד" און איהם פערשפרייט אין אנ'אונגעהויערער צאהל עקזעמפליארען צווישען דעם ענגלישען פראלעטאריאט.

VII.

דער נייער און אלטער יוניאניזם.

ביז דעם יאהר 1885 האבען די ענגלישע ארבייטער־פעראיינען געגלויבט אין די פרינציפען פון בורזשואזען ליבעראליזם. מיט צעהן יאהר צוריק האבען אלע געלעהרטע איינשטימיג פערזיכערט, אז די ארבייטער־פעראיינען פון גרויס־בריטאניען זענען דער שטארקסטער שוץ געגען סאציאליזמוס. איצט אבער זעהען מיר אז א גרויסע צאהל פעראיינען איז דורכגעדרונגען מיט דעם סאציאליסטישען גייסט, און די קאנסערוואטיווע צייטונג „טיימס" מוז מיט הארץ־וועהטאג מודה זיין, אז אויף די היינטיגע ארבייטער־קאנגרעסען שפיעלט די ערשטע ראלע די סאציאל־דעמאקראטישע ארבייטער פארטיי.

לאמיר זעהען, ווי אזוי איז פארגעקומען אזא איבערקעהרעניש.

אין מיטען 70־ער יאהרען האט די אינדוסטריעלע מאכט פון ענגלאנד אויף דעם אלוועלטליכען מארק אנגעהויבען צו פאלען. א סך מלוכות פון אייראפא און אמעריקא, אויף וועלכע ס'איז ניט לאנג פערזייהט געווארען די זאמען פון דער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע, האבען שוין אין גאנצען איבערגעארבייט זייער ווירטשאפטליכע ארדנונג און פון געהארכזאמע אונטערטהאנער זענען

זײַ פֿאַר דעם ענגלישען קאַפּיטאַליזם געוואָרען געפֿעהרליכע קאָנקו־רענטען. נאָך אין די 60־ער יאָהרען האָט די גרויס אינדוסטריע אין דײַטשלאַנד זיך אָנגעהויבען זעהר גיך ענטוויקלען, נאָר נאָך דער דײַטש־פֿראַנצויזישער מלחמה האָט זי אָנגעהויבען וואַקסען מיט א פֿיבערהאַפֿטער גיכקייט. אין יאָהר 1871 האָבען די דײַטשען פֿאָלקאָם מנצח געוועזען פֿראַנקרייך, און פֿערשטעהט זיך, אַז זיי האָבען זיך ניט בעגנוגענט בלויז מיט דעם כבוד. די פֿראַנצויזען האָבען געמוזט אָבצאָהלען די זיעגער פֿינף מיליאַרד פֿראַנק (אַן ערך פֿון צוויי מיליאַרד רובל). די קאָלאָסאַלע סומע איז זעהר צוניץ געקומען די דײַטשע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען זיך, טייל וויי דירעקט און טיילווייז אונדירעקט, בענוצט מיט דעם קאַפּיטאַל. הונדערטער מיליאָנען זענען אויסגעליהען געוואָרען די אַקציאָנערע געזעלשאַפֿטען און אייַנצעלנע קאַפּיטאַליסטען, כדי צו פֿערברייטערען די פֿריהערדיגע אונטערנעהמונגען אָדער אויסצובויען אייזענבאַהנען; הונדערטער מיליאָנען האָט די רעגירונג אַליין פֿערבּרויכט אויסצובויען אייגענע אייזען־באַהן־ליניען א. ז. וו. דער רעזולטאַט פֿון דעם איז געוועזען, אַז די נאָכפֿראַגע אויף אייזען און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלען האָט זיך שטאַרק פֿערגרעסערט. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן עפּאָכע פֿון דער אינדוסטריעלער אויפֿבליהונג אין דײַטשלאַנד: מיט גיכע טריט איז דײַטשלאַנד איבערגעגאַנגען פֿון דער האַנדווערקערייַ און לאַנדווירטשאַפֿט צו דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע.

נאָך א טיעפֿערע אינדוסטריעלע איבערקעהרעניש איז פֿאָרגע־קומען אין צפֿון־אַמעריקאַ די נעגרען־בעפֿרייאונג (אין יאָהר 1864) האָט בעזייטיגט די לעצטע מניעות, וועלכע זענען געלעגען דעם אַמעריקאַנישען קאַפּיטאַל אויף דעם וועג. עס איז פֿערשוואונדען געוואָרען די פּאַטריאַרכאַלע פֿיגור פֿון דעם פּלאַנטאַטאָר, שקלאַפֿען־אייגענטהימער; זיין אָרט האָט פֿערנומען דער דורכגעטריבענער באַנקיר, פֿאַבריקאַנט, אייזענבאַהן־אונטערנעהמער. איבערהויפּט וועגען דער ענטוויקלונג פֿון דעם אַמעריקאַנישען קאַפּיטאַליזם דאַרף מען פֿיעל ניט רעדען: זי איז בעוואוסט יעדערן. שוין אין די 70־ער יאָהרען איז אַמעריקאַ געוואָרען א געפֿעהרליכער קאָנקורענט פֿאַר ענגלאַנד ניט נאָר אין יענע פּראָדוקטען, וואָס בעפֿריעדיגען די נויטווענ־דיגסטע בעדערפֿניס, נאָר זאָגאַר אין אַזעלכע צווייגען, וועלכע

קענען בליהען נאר אין אלאנד מיט זעהר אנ׳ענטוויקעלטער אינדוסטריע, למשל, מאשינען=בוי.

דער זיעגרייכער גאנג פון אייראפעאישען קאפיטאליזם האט אין די זעכציגער יאהרען ארייגעכאפט אונזער פאטער=לאנד אויך. די פויערים=בעפרייאונג און איבערהייפט די זאגענאנטע „גרויסע רעפארמען” פון אלעקסאנדר דעם צווייטען ענטהאלטען אין זיך א פאלקאמען איבערגאנג פון פעאדאלער ארדנונג צו א בורזשואזיער. אין דער צייט פון אלעקסאנדר דעם צווייטען און דריטען איז רוסלאנד געווארען פון א אונקולטורעלעם לאנד, וואו ס׳האט געהערשט די נאטורעלע ווירטשאפט, א קולטורעלעם לאנד, א קאפיטאליסטיש=אינדוסטריעלע, א ערנסטער קאנקורענט פאר מעריב=אייראפא און אמעריקא.

איף אזא אופן האט די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם בעשאפען פאר ענגלאנד א סך נייע קאנקורענטען פון די יונגע אינדוסטריעלע לענדער אין אייראפא און אמעריקא. נאר חאטש די ענגלישע אינדוסטריעלע מאנאפאל איז בעגרעצט געווארען, האט די ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין אנדערע לענדער געבראכט דערצו, אז יעדעם לאנד, וואס הייבט נאר אן פלאנצען ביי זיך די גרויס=אינדוסטריע, מוז אויף א געוויסער ענטוויקלונגס־מדרגה אריבערגעהן פון דער פריי־האנדעל־סיסטעם צו דער שוץ=סיסטעם, כדי דורך אונגעהויער גרויסע אבצאהלונגען פארטהיידיגען „די פאטערלאנדישע אינדוסטריע” געגען דער אויסלענדישער קאנקורענץ.

אזא ענדערונג אין דער טאריף פאליטיק איז אין די 80=ער יאהרען פארגעקומען כמעט אין אלע אייראפעאישע מלוכות. אין יאהר 1878 האט עסטרייך פערגרעסערט דעם טאריף אויף די סחורות, וואס ווערען ארייגעפיהרט פון אויסלאנד. אין דעם אייגענעם יאהר האט דייטשלאנד אויך אנגענומען די סיסטעם פון הויכע שוץ=טאריפען. זייער בייישפיעל האבען נאכגעטהאן איטאליען, פראנקרייך און רוסלאנד. מיט איין ווארט, אין גאנץ אייראפא האט אין סוף 70=ער יאהרען און אין אנהייב 80-ער געוועלטיגט דער פראטעקציאניזם (די שוץ=סיסטעם דורך טאריפען אויף די אויסלענדישע סחורות).

די ענטוויקלונג פון פראטעקציאניזם האט טהיילוויז אין גאנצען פערמאכט דעם וועג פאר ענגלאנד, טהיילוויז געשטערט

זיין צוטריט אַפילו צו יענע מערק, אויף וועלכע ענגלאַנד וואָלט ביי פרייהער קאָנקורענץ נאָך געקענט בייקומען די שוואַכע אָרטיגע אינדוסטריע.

אויף אַזאַ אופן האָט די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין אַלע קולטורעלע לענדער דורך פערשידענע וועגען געבראַכט פאַר ענגלאַנד טרויעריגע רעזולטאַטען. די גיכע ענטוויקלונג פון דער ענגלישער אינדוסטריע האָט זיך פערביטען אויף אַ פערגליוועהרונגס־עפּאָכע אָדער ווי די ענגלענדער זאָגען אַן עפּאָכע פון אַ „געדריקטען אינדוסטריעלען צושטאַנד".

איצט וועלען מיר זעהען, ווי אַזוי דיזע ענדערונגען האָבען געווירקט אויף דעם אַרבייטער־קלאַס פון ענגלאַנד. פערשטעהט זיך, אַז אַפילו אין די 50—70 יאָהרען איז דער וועג פון דעם אַרבייטער־קלאַס ניט געוועזען אויסגעבעט בלויז מיט בלומען. ווי גרויס די קראַפט פון דער אינדוסטריעלער אויפלעבונג זאָל ניט זיין, ווי גרויס ס'זאָלען ניט זיין די מערק, וואָס עפענען זיך פאַר דעם קאַפּיטאַל, מוז דער כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן גופא אונפערמיידליך ברייננגען דערצו, אַז פון צייט צו צייט איז דאָ מעהר סחורות, ווי מען קען פערקויפען, און דאַמאָלס פאַלט דער פּרייז אויף די פּראָדוקטען זעהר גיך; די סחורות ווערען פאַרלעגען אין די לאַגערן, די קאַפּיטאַליסטען באַנקראָטירען איינער נאָך דעם אַנדערן, דער פּראָלעטאַריאַט ליידעט פון מאַסען־אַרבייטס־לאָזיגקייט.

אַזעלכע צייטווייליגע צורודערונגען אין דער אינדוסטריע אָדער „אינדוסטריעלע קריזיסען" זענען אויך פאָרגעקומען אין דער עפּאָכע פון 50—75 יאָהרען; דעמאָלסט זענען זיי אָבער געפאַלען מיט זייער גאַנצער משא נאָר אויף די אונאָרגאַניזירטע ניט געלעהרנטע אַרבייטער. די אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען פערהעלטניסמעסיג וועניג געליטען פון די קריזיסען, ווייל די לאַנגדויערנדע אינדוסטריעלע בליהונגס־עפּאָכען האָבען געגעבען די מעגליכקייט די אַרבייטער־פעראיינען אָנצוזאַמלען גרויסע סומען אויף צו שטיצען זייערע מיטגליעדער אין דער צייט פון קריזיסען. די קריזיסען אַליין האָבען אויך ניט לאַנג געדויערט, אַ יאָהר אָדער צוויי, דערנאָך האָט זיך ווייטער אָנגעהויבען דער אינדוסטריעלער בליהונגס־פּעריאָד; די צאָהל פון די אַרבייטסלאָזע איז געוואָרען גאָר

אונבעדייטענד, די קאסעס פון די פעראיינען האבען וויטער רוהיג געקענט זאמלען נייע מיטלען.

פון דעם סוף 70=ער יאהרען אן האט זיך דאס בילד געענדערט. די גיכע פערברייטערונג פון די מערק ווערט אונמעגליך און דעריבער פערשווינדען אין גאנצען די פעריאדען פון בעזאנדערס-שטארקער אינדוסטריעלער אויפבליהונג. די פראדוקציאן איז אריין אין א פערגליוועוונגס-צושטאנד, און פון צייט צו צייט קומען אן פעריאדען, ווען די אינדוסטריעלע טהעטיגקייט פאלט זעהר נידריג, — פעריאדען, וועלכע דערמאנען אן די שארפע קריזיסען פון די אלטע צייטען, מיט דעם אונטערשייד, וואס איצט קען די פראדוקציאן שוין אזוי גיך ניט קומען צו זיך פון דער אינדוסטריעלער צורודערונג.

עס איז גאנץ לייכט צו פערשטעהען אין וואס פאר א געפאהר עס געפינט זיך די עקזיסטענץ פון די ארבייטער=פעראיינען אין דער עפאכע פון דעם שטענדיגען „געדריקטען אינדוסטריעלען צושטאנד". און באמת, דורכשניטליך צאהלען די ענגלישע ארבייטער אין זייערע פעראיינס=קאסעס אנ'ערך 25—50 קאפ. א וואך: ארבייטסלאזע בעקומען שטיצע פון 5—8 רובל א וואך. קומט אויס, אז אויב עס איז דא 5—7 ארבייטסלאזע אויף הונדערט געהט די גאנצע הכנסה פון פעראיין אוועק אויף צו שטיצען די מיטגליעדער, וועלכע האבען ניט קיין ארבייט. אין דער צייט פון דעם קריזיס פון 78—80 יאהרען האט די צאהל פון די ארבייטס=לאזע ערריכט ביז 10 אדער נאך מעהר פראצענט. כדי אויסצוהאלטען אזא קריזיס, מוז דער פעראיין האבען א גרויסען געלד=פאררוט, וועלכען ער האט אנגעזאמעלט אין די פריהערדיגע יאהרען. אזא פאררוט קען מען אבער נאר מאכען דאמאלסט, ווען די בליהונגס-פעריאדען ציהען זיך לאנג, און אויב אין א פער=גליוועוונגס=עפאכע הויבט זיך נאך אן א קריזיס, ווי דאס איז טאקע דאמאלס געוועזען, ווערט די לאגע פון די ארבייטער=פער=איינען כמעט הילפסלאז. אלע געלד=מיטלען געהען אוועק פאר די ארבייטסלאזע, דער פעראיין געפינט זיך שטענדיג אונטער דער סכנה פון א פינאנץ=קריזיס. וועגען אנ'ענערגישער קאמפפס=פאליטיק דורך שטרייקען קען מען אפילו ניט טראכטען. ווייל דער ערפאלג

פון שטרייק הענגט קודם כל אב פון די געלר=מיטלען, וואס געפינען זיך אין דעם רשות פון די ארבייטער.

איצט איז שוין קיין חידוש ניט, וואס אפילו די רייכסטע פעראיינען האבען אין די 80=יאהרען אויך ניט געקענט פערזיכערען זייערע מיטגליעדער פון ארעמקייט; זאגאר די ארבייטער, וועלכע האבען אלע מאל זעהר גוט פערדינט, האבען זיך אויך אראבגעלאזען צו דער מדרגה פון פראפעסיאנעלע בעטלער, זענען אריינגעפאלען אין די רייהען פון די זאגענאנטע לומפען=פראלעטאריער. אין די פערפעסטעטע לאנדאנער ווינקעלעך, די אבשייליכע געסלעך, וועלכע האבען פון אייביג אן געדינט אלס אנ'עיר מקלט פאר טויזענדער לומפען, האט איצט געקענט אריינפאלען יעדער ארבייטער. פערשטעהט זיך, אז דאס לעבען פון דיזע אונגליקליכע, היימלאזע לומפען, וועלכע די געזעלשאפט האט פון זיך אבגעשטויסען, האט ערוועקט צו זיך דעם אינטערעס אפילו אין די פריווילעגירטעסטע שיכטען פון דער ענגלישער ארבייטער=אריסטאקראטיע. ווי איף להכעיס האבען אין די 80-ער יאהרען ערשיינט א גאנצע רייהע אויספארשונגען וועגען די לאנדאנער אביונים. די בראשיורע „דער ביטערער יאמער פון דעם פערשאלטענעם לאנדאן" האט פאנאנדערגעוויקעלט אזא טרויעריגעס בילד פון ארעמקייט, וועלכע האט געהערשט אין די פערוואָרפענע קווארטאלען פון דער הויפטשטאדט, אז דער גרעסטער טהייל ארבייטער איז ערשטיינט געווארען פון גרויל.

אין דער אייגענער צייט האט טשארלז בוס בעוויזען אין זיין אויספיהרליכען ווערק, אז אין לאנדאן אליין זענען פאראנען מעהר ווי 200,000 מענשען, וועלכע געפינען זיך אין דעם טיעפסטען אבגרונד פון ארעמקייט.

דאס אויפדעקען דעם לינקען זייט פון דעם קאפיטאליסטישען „פאלקס=רייכטום" האט, פערשטעהט זיך, נאך אונטערגעגאסען אייל אויף דעם פייער פון דער מאסען=אונצופרידענהייט. עס האט זיך העל ארויסגעוויזען די פאלשקייט פון די בורזשואזיע=ליבעראלע אנשויאונגען, וועלכע האבען אין די 60—70-ער יאהרען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די ארבייטער=פעראיינען. ווען די אלגעמיינע ארבייטס=לאזיגקייט איז געווארען א געוועהנליכע ערשיינונג, זון טויזענדער ארבייטער זענען געצוואונגען געווארען צו פערלאזען

זייער היימאט, כדי זיך אויסצוזוכען א שטיקעל ברויט, איז געווארען קלאר פאר אלעמען אז גענען אזעלכע צרות איז מאכטלאז סיי דאס אלגעמיינע וואהל־רעכט, סיי די פרייהייט פון אבמאך און סיי אפילו די ארבייטער־פעראיינען. ניטוווילענדיג קומען די ארבייטער צו דער איבערצייגונג, אז פרייהייט און גלייכהייט אליין איז נאך ניט גענוג צו פערבעסערען אויף לאנג די לאגע פון פראלעטאריאט. זיי הויבען אן צו פיהלען, אז ביי דער הערשאפט פון קאפיטאליזם מיט זיין פראדוקציאנס־אנארכיע, מיט זיינע אינדוסטריעלע קריזיסען און שטילשטאנדען קען דער פראלעטאריאט קיינמאל ניט זיין זיכער, אז ס'וועלען זיך לאנג האלטען אזוינע נצחונות, צו וועלכע ער האט זיך דערשלאגען דורך א לאנגיאהריגען שווערען קאמפף. די סטיכינע קראפט פון א פלוצלינגער אינדוסטריעלער קאטאסטראפע, וועלכע מען קען ניט בעזייטיגען, פערניכטעט אין איין יאהר דאס, וואס מען האט בעשאפען דורך אנגעשטרענגטע מיה אין א משך פון צעהנדלינגער יאהרען.

אזא שטימונג האט געדינט פאר א פרוכטבארען באדען דער סאציאליסטישער פראפאגאנדע. און באמת, נאר די סאציאליסטען, וואס בעגרינדען זיך אויף מארק'ס טעאריע, קענען ערקלערען די ארבייטער די א רזאכען פון די שרעקליכע אינדוסטריעלע צורודע־רונגען, וועלכע ווארפען פעריאדיש אריין דעם ארבייטער־קלאס פון ענגלאנד אין א גרויזאמען נויט.

היידמאן און נאך אנדערע ענגלישע מארקסיסטען האבען ערקלערט די ארבייטער אין בראשורען, רעדען, וואס זענען געווען ספעציעל געווענדעט צו דעם ארבייטער־קלאס, אז די איבער־פראדוקציאן און קריזיסען שטאמען פון דעם עצם פון דער קאפיטאליסטישער פרא־דוקציאן, אז כל זמן די פראדוקטען ווערען אויסגעארבייט ניט לויט די געזעלשאפטליכע בעדערפניסען, נאר לויט די אויסזיכטען פון די קאפיטאליסטען אויף פערזענליכען ריוח, מוז דער איבערפלוס אין די געברויכס־פראדוקטען נויטווענדיג ארויכרופען ניט פאלקס־רייכטהום, נאר פאלקס-ארעמקייט. פונקט ווי אדאם סמיט'ס בוך איז אמאל געוועזען א קלארער פירוש אויף די קאפיטאליסטישע געדאנקען און געפיהלען, אזוי איז די סאציאליסטישע טעאריע פאר די מעהר־בעוואוסטזיניגע ענגלישע ארבייטער פון די 80־ער יאהרען אויך געוועזען ניט גלאט אנ'אויסגעקלעהרטע טעאריע פון

אַ פילאָזאָפישען מח, נאָר אַ וויסענשאַפטליך-בעגרינדעטע און דייטליכע ערקלעהרונג פון די געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך אין אַ דונקעלע און אונקלאָהרע פאָרם אַריינגעגנב'עט אין קאַמפף פון יעדען אַרבייטער.

און באמת, אפילו אָהן שום אַריינמישונג פון די סאָציאַליסטען זענען די אַרבייטער פון דער גרויסער-אינדוסטריע שוין לאַנג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פאַר זיי איז אונמעגליך זיך צו דער-שלאָגען צו דער לאַגע פון אַ זעלבסטשטענדיגען אונטערנעהמער, אַז זייער ישועה ליעגט ניט אין אָנזאַמלען עטליכע גראָשען נאָר אין דעם אָרגאַניזירטען קאַמפף פאַר אַ בעסערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג.

דאָס לעבען אַליין האָט אויך געגעבען גענוג קלאָרע ראיות, אַז אָט די אַנשויאונגען זענען ריכטיג. אין דעם שיף-בוי איז נאָך דעם שווערען 1879-טען יאָהר אָנגעקומען אַ גיכע אויפלעבונג און אין יאָהר 1883 האָט זיך די אַרבייט פערדאָפעלט אין פערגלייך צום 1879-טען יאָהר. אין 1884-טען יאָהר האָט זיך די אויפ-לעבונג פלוצלונג אָבגעשטעלט; אַ סך ווערפען זענען פערמאַכט געוואָרען און די איינוואָהנער פון גאַנצע שטעדט אויף צפון-מזרח זייט פון ענגלאַנד, זענען געבליבען אָהן אַ שטיקעל ברויט, מעהר ווי העלפט פון די שיף-בוי-אַרבייטער זענען אַריינגעפאַלען אין די אַרבייטסלאָזע אַרמעע; צווישען זיי איז אויך געוועזען טויזענדער פון די געלערנטע אַרבייטער, מיטגליעדער פון גוט-אָרגאַניזירטע פער-איינען. יענע האָבען גאַנץ גוט פערשטאַנען, דאָס זייער אָרעמקייט שטאַמט ניט דערפון, וואָס די געזעלשאַפט נויטהיגט זיך ניט אין זייער אַרבייט, נאָר דערפון, וואָס פאַר דעם קאַפיטאַל איז נויטיג געוועזען אין יאָהר 1883 צו פערדאָפלען דעם צאָהל אַרבייטער און אין יאָהר 1884 – אַרויסצוואַרפען העלפט פון זיי אויפ'ן גאַס.

דער סאָציאַליזם האָט געמאַכט גרויסע פאָרשריט. אַזוי אין יאָהר 1886 האָט דער פאָרשטעהער פון דעם בוימוואָל-שפינער-פערבאַנד, שילדערענדיג אין זיין צייטונג די אַלע צרות, וואָס די אינדוסטריעלע פערגליווערונג ברענגט מיט זיך, געשריבען: „ביי אַזאַ פערשפרייטער מאָסען אַרבייטס-לאָזיגקייט, וואַקסט נאַטירליך אויס די פראַגע, צי איז נאָך פאַראַן עפּעס אַ האָפנונג אויפצוהויבען די לאַגע פון דעם אַרבייטער קלאַס. מיר דאַכט זיך, אַז כל זמן

עס עקזיסטירט די היינטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג, קען ניט זיין קיין שום האפנונג אויף א לאנג־דויערענדע פערבעסערונג. ליידער בין איך צו וועניג בעקאנט מיט די סאציאליסטישע טהעאריען; איך האב זיי ניט ערלערענט, ווי געהעריג איז. איבערהויפט זענען אין דעם הינזיכט די ענגלישע ארבייטער אבגעשטאנען פון די קאנטינענטאלע (די ארבייטער פון דעם אייראפייאישען טייל וועלט), נאר ס'איז גאר קיין ספק ניט, אז די ענגלישע ארבייטער פערשטעהען גאנץ קלאר, דאס ביי יעצטיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג בעקומען זיי ניט דעם טייל פאלקס־רייכטום, וועלכען זיי שאפען דורך זייער ארבייט".

אפילו די מעהר קאנסערוואטיווע ווערען אויך דורכגעדרונגען מיט דעם נייעם גייסט. מיר רעכענען—שרייבט דער סעקרעטאר פון דעם „קריסטאל־ארבייטער־פערבאנד" — „אז די אונטערנעהמער בעגעהן דעם גרעסטען געוואלד-טהאט דערמיט, וואס זיי צווינגען די ארבייטער צו אזא ארבייטס־לוין, פון וועלכען די ארבייטער קענען זיך ניט ערנעהרען. מיר ווילען שוין מעהר ניט דערלאזען מען זאל טרעטען מיט די פיס אונזערע רעכטען". „ביסלעכווייז הייבט אויף דעם קאפ די רעוואלוציאנערע בעוועגונג, און אין גיכען וועלען אויף דער סצענע ארויסטרעטען די גרעסטע פראגען, וועלכע זענען נוגע די פראדוצירענדע קלאסען. צום ביישפיעל, פאר וואס נוצט זיך לארד דודלער, גאר ניט ארבייטענדיג, מיט די גרובען און פעלדער, וועלכע גיבען איהם 1000 רובל הכנסה אין טאג, אין דער אייגענער צייט, ווען זיינע ארבייטער, דארפען א גאנצע וואך זיך פאטשקען אין שמוץ און זיך בענוגענען מיט א בעטלערשען לעבען".

וואס מעהר די רעוואלוציאנערע שטימונג האט ארומגעכאפט די גרויסע פראלעטארישע מאסען, אלץ מעהר איז געוואקסען די אונצופרידענהייט מיט דער מעסיגער, בעגרענצטער פראגראם, וועלכע איינינגע ארבייטער־פעראיינען האבען נאך אלץ געפרעדיגט. „ווי לאנג נאך", — שרייט אויס אין יאהר 1886 טאם מען — „וועט איהר אויך בענוגענען מיט דער קליינמוטהיגער פאליטיק פון אייערע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס? איך גיב אייך גערן צו, אז פריהער האבען די פעראיינען געבראכט גרויסע נוצען דעם ארבייטער קלאס, נאר אום גאטעס ווילען, וואס פאר א זין האבען

זיי איצט? ... די אמתע פאליטיק, די פאליטיק פון קאמפף און נצחונות, האט איהר א פנים אין גאנצען פערגעסען! די היינטיגע פארשטעהער פון די ארבייטער-פעראיינען זענען מענשען מיט הילצערנע מוחות: אדער זיי קוקען אויף אלץ מיט א האפנונגסלאזע אפאטיע, אדער זיי פיהרען אזא טהעטיגקייט, וואס איז נוצליך נאר פאר די בורזשואזיע!...

„די ארבייטער-פעראיינען אין זייער היינטיגער פארם"—שרייבט אנ'אנדער פארשטעהער פון דער נייער ריכטונג, דזשאן-בערנס— „ענטהאלטען אין זיך אליין די אורזאכען פון זייער צערפאלונגספראצעס. לטובת דער בורזשואזיע נעמען זיי אויף זיך די אויפגאבען צו פערזיכערען די ארבייטער אין פאל פון קראנקהייט און אלטקייט, — אויפגאבען, וועלכע נאר די מליכה אדער די גאנצע געזעלשאפט זענען בכח דורכצופיהרען: צוליעב דעם זענען די מיטגליעדער פון די פעראיינען בעלאסטעט מיט צו גרויסע צאהלונגען, און די פעראיינען אליין פיהרען א טרויריגע עקזיסטענץ. אזא וואהלטהעטיגקייט שוואכט אויף אזוי פיעל אב די קראפט פון די פעראיינען, אז זיי טראגען אפט אריבער אהן ווידערשטאנד די געוואלדטהאטען פון די קאפיטאליסטען אוים מורא, אז דער צוזאמענשטויס מיט די אונטערנעהמער וועט פון זיי אבנעהמען די מעגליכקייט צו ערפיהלען די אויפגאבע פון קאסעס פיר נעגענזייטיגע הילף. די ארבייטער-ארגאניזאציעס האבען סוף כל סוף פערלארען זייער כאראקטער אלס קאמפפס-פעראיינען און האבען זיי פערוואנדעלט אין אזעלכע איינריכטונגען, וועלכע שטעלען זיך די איינציגע אויפגאבע ארויפצושלעפען אויף זיך יענע אבצאהלונגען, וואס דארפען ליעגען אויסנאהמליך אויף די הויכע און מיטעלע קלאססען".

ווי מיר זעהען האט די סאציאליסטישע פראפאגאנדע אריינגעדרונגען אין מיטען 80-טער יאהרען אין אסך פעראיינען פון די געלערנטע ארבייטער, וועלכע האבען א לאנגע צייט געדינט אלס א שטארקע פעסטונג פאר די מעסיגע פאליטיק פון די אלטע צייטען. נאר פון דעסט וועגען זענען די אמתע אנפיהרער, די הויפט קעמפפער פאר די נייע ריכטונג געוועזען די נידעריגע שיכטען פון ענגלישען פראלעטאריאט, די שיכטען פון די גארניט געלערנטע ארבייטער, וועלכע זענען צום ערשטען מאל ארויסגעטראטען אין

אַנ'אָרגאַניזירטין קאַמפף מיט דעם קאַפּיטאַליזם אין סוף 80-טער יאָהרען.

קודם כל דאַרפען מיר דאָ דערמאָנען וועגען די פאַבריק=אַרבייטערינען. ביז די 80-ער יאָהרען בעגעגענען מיר אין גאַנצען נישט קיין פרויען-פעראַיינען. אויב אַזעלכע פעראַיינען האָבען יע עקזיסטירט, איז זייער ווירקונג געוועזען אַזוי אונבעדייטענד, אַז וועגען זיי לוינט אפילו ניט צו רעדען. אין די 80-טער יאָהרען האָט די פרויען=אַרבייטער=בעוועגונג דאָס ערסטע מאָל צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם ענגלישען פּראָלעטאַריאַט. די אַרבייטערינען פון די לאָנדאָנער שוועבעל=פאַבריקען האָבען זיך שוין לאַנג געפונען אין אַ טרויעריגער לאַגע, נאָר זיי האָבען אַ לאַנגע צייט גאָר ניט געפּרובט זיך אָרגאַניזירען צום קאַמפף. נאָר אין די 80-ער יאָהרען איז דער טאַלאַנטפאָלער סאָציאַליסטקע בעזאַנט געלונגען זיי אויפצואוועקען צו אַ בעוואוסטזיניגען לעבען; די שוועבעל=אַרבייטערינען האָבען געבילדעט אַ פעראַיין, וועלכער האָט אין יאָהר 1888 ערקלערט אַ שטרייק. קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז אַזאַ שוואַכער און איבערהויפּט אַ פרויען=פעראַיין זאָל קענען אַרויסווייזען אַזוי פיעל פעסטקייט אין קאַמפף. די פאַקטען אָבער האָבען בעוויזען, אַז ביי סאָלידאַריטעט און ביי אַ קלאָרען אינטערעסען=בעוואוסטזיין, קעמפפען די פרויען ניט ערגער פון מאַנסלייט.

דעם פעראַיין איז געלונגען אויפצואוועקען דעם אַלגעמיינעם מיטגעפיהל פון גאַנצען ענגלישען פּראָלעטאַריאַט. די זאַמלונגען... גדבות האָבען אויסגעהאָלפען זייער קאַססע, און סוף כל סוף זענען די אונטערנעהמער געוועזען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען און אַנצוערקענען דעם פאָלקאָמען נצחון פון זייערע אַרבייטערינען.

פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, צווישען די ניט געלערנטע אַרבייטער, וועלען מיר נאָר דערמאָנען די אַרבייטער פון די גאַז=פאַבריקען און דערנאָך וועלען מיר זיך אָבשטעלען אויף די בעוואוסטע „דאָקער'ן".

אין מיטען די 80-ער יאָהרען, אַדאַנק דער אַגיטאַציע פון בערנס, מען, טיללעט און אַנדערע האָט זיך צווישען די ניט געלערנטע אַרבייטער פון די לאָנדאָנער גאַז=פאַבריקען אָנגע=

הויבען א בעדייטענדע סאציאליסטישע בעוועגונג. עס האט זיך געבילדעט א פערבאנד פון די גאז-ארבייטער, וועלכער איז אין א משך פון אייניגע חדשים צייט שוין בעשטאנען פון גאנצע טויזענדער מיטגליעדער. אין מאי 1889-טען יאהר האבען די גאז-ארבייטער אנגעהויבען קעמפפען מיט די אונטערנעהמער פאר א קלענערען ארבייטס-טאג. פערלאזענדיג די פארזיכטיגע און די שריטווייזע פאליטיק פון די אלטע פעראיינען, האבען זיי בעשלאסען אויף אמאל צו פערקלענערען זייער ארבייטס-טאג פון 12 אויף 8 שעה. צו דער אלגעמיינער בעוואונדערונג האבען די אונטערנעהמער זיך אונטערגעגעבען כמעט אהן קאמפף און אויף אלע לאנדאנער א-פאבריקען איז איינגעפיהרט געווארען אן 8 שעה'דיגער ארבייטס-טאג.

יעצט וועלען מיר איבערגעהן צו דער בעוועגונג פון די „דאקער'ן", וועלכע האבען געשפילט אזא גרויסע ראלע אין דער ענטוויקלונג פון דעם ענגלישען סאציאליזם.

וואס איז דאס אזעלכעס א דאקער? יעדען טאג גאנץ פריה, קען מען זעהען ביי די לאנדאנער דאקען*) א גאנצע מחנה האלבנאקעטע און הונגעריגע מענשען. אט די מענשען, וועלכע ווארטען מיט הכנעה אויף דעם מאמענט, ווען דעם אונטערנעהמער וועט זיך פארגעלוסטען אויפשטעהן פון שלאף און קויפען ארבייטס-הענד, אט דאס זענען די דאקער'ן. אויף אזא אופן קומט אויס, אז די דאקערען זענען טאג-ארבייטער, וועלכע ארבייטען איין טאג אויף איין האפען, מארגען געהען זיי איבער אויף אן'אנדערען, איבערמארגען קען זיין, אז זיי בעקומען אין גאנצען ניט קיין ארבייט און זענען געצוואונגען, ווי מען זאגט: „לייגען די צעהנער אויף דער פאליצע". דאס אליין וואס די ארבייט פון דעם דאקער איז ניט קיין שטענדיגע, מאכט שוין זיין לאגע גענוג טרויעריג. ער קען קיינמאל ניט זיין זיכער, אז ער וועט מארגען האבען וואס צו עסען, און פאר איהם טאקע וויקעלט זיך פאנאנדער דער גאנצער אבגרונד פון דעם האפנונגס-לאזען עלענד. א חוץ דעם ליידעט כמעט

*) „דאקען" הייסען די האפענס, וואו ס'געפינען זיך פערשיעדענע איינריכטונגען צום אנלאדען, אויסלאדען און צו פאריכטען די שיפען. „דאקער'ס" — דאס זיינען טרעגער ביי די האפענס אנלאדער.

קײן שום אַרבײטער ניט אַזױ פּיעל פֿון דער קאָנקורענץ, װי דער דאַקער. פֿון עטליכע הונדערט מאַן, װעלכע דרעהען זיך אַרום בײ דעם דאָק, בעקומען אַרבײט נאָר עטליכע צעהנדליג און פֿערשטעהט זיך, אַז די גליקליכע נעהמען מיט שמחה אָן אַלע בעדינגונגען פֿון דעם אַרבײטס־געבער, װי שװער זײ זאָלען ניט זײן.

נאָר די ערגסטע צרה אין דער אַרבײט בײ די דאָקען איז אין די 80־ער יאָהרען געװעזען די זאָגענאַנטע „פֿערמיטלער־סיסטעם". די בעלי־בתים פֿון די דאָקען, האָבען געװעהנליך ניט געװאָלט שליסען דעם אָבמאַך דירעקט מיט דער אונדיסציפּלינירטער אונאָרגאַניזירטער מאַסע; זײ האָבען בעסער געװאָלט האָבען עסק נאָר מיט עטליכע בעקאַנטע פּאָדריאַטשיקעס, אָדער װי מען רופֿט זײ אין לאָנדאָן „קאָנטראַקטאָרען", װעלכע זענען געװעזען פֿעראַנטװאָרטליך מען זאָל ערפֿיעלען די אַרבײט. אױף אַזאַ אופֿן האָט זיך אַרײנגעריסען צװישען דעם אונטערנעהמער און דאַקער, דער קאָנטראַקטאָר. דער קאָנטראַקטאָר האָט געקױפֿט גאַנצע מאַסען אַרבײטס־קראַפֿט פֿון די דאַקערען און דערנאָך האָט ער זײ פֿון זיך אױף זײן פֿעראַנטװאָרטליכקײט אין גאַנצען איבערגעגעבען דעם קאַפּיטאַליסט צום אױסנוצען. אַזױ װי בײ דיעזער סיסטעם פֿלעגען די דאַקערן עקספּלואַטירט װערען דאָפּעלט, איז זײער לױן פֿערשטעהט זיך, געװעזען זעהר אַ נידעריגער. אַ חוץ דעם איז איבער די קאָנטראַקטאָרען קײן קאָנטראָל ניט געװעזען און יענע האָבען געקענט אונבעשטראָפֿט בענוצען זיך מיט די פֿרעכסטע שװינדלען אין זײערע אָבמאַכען מיט די אַרבײטער.

„די פֿערמיטלער־סיסטעם" האָט שטאַרק אױפֿגעװעקט דעם כעס פֿון די אַרבײטער, זײ האָבען איהר געגעבען זעהר אַ כאַראַקטעריסטישען נאָמען: „נעגער־האַנדעל".

אַזאַ טרױעריג לעבען פֿיהרט אין לאָנדאָן אַ אונגעהױערע גרױסע מאַסע טאָג־אַרבײטער. אַ לאַנגע צײט האָט מען ניט געגלױבט, אַז אַט די לומפּען, װעלכע האָבען ניט קײן בעשטימטען װאָהנונגסאָרט, ניט קײן בעשטימטען פֿערדינסט, זאָלען קענען נעהמען אַנ'אַנטהײל אין אָרגאַניזירטען קאַמפּף.

נאָר ניט אַזױ האָבען געקוקט אױף דער זאַך די ענגלישע סאָציאַליסטען. אין סוף 80־ער יאָהרען האָבען ב ע ר נ ס, מ ע ן און נאָך אַנדערע אָנפֿיהרער פֿון ענגלישען סאָציאַליזם געװענדעט

זייער ערנסטע אויפמערקזאמקייט אויף די דאקער'ן. יעדען טאג פלעגען זיי זיך בעוויינען צווישען די מאסען, וועלכע פלעגען קומען זיך פערדינגען אויף די דאקען, און פלעגען דארטען האלטען רעדען וועגען די אידעען פון דער נייער וועלט. און אין גיכען האבען די פערזאמלונגען פון די מרה שחורה'דיגע ארבייטער-מאסען, וועלכע פלעגען פערצווייפעלט ווארטען פון וואנען די גאולה וועט קומען, זיך פערוואנדעלט אין פלאמענדע רעוואלוציאנערע מיטינגען. די קערנדלעך פון דער סאציאליסטישער פראפאגאנדע זענען געפאלען אויף א גוטען בארדען.

שוין אין יאהר 1889 האבען די אבגעריסענע דאקער'ן, צו דער גרויסער בעוואונדערונג און פרייד פון לאנדאנער פראלעטאריאט און צום גרעסטען שמערץ פון די קאפיטאליסטען, זיך פעראייניגט אין א שטארקען און גוט-ארגאניזירטען פערבאנד. אין דעם אייגענעם יאהר האט דער פערבאנד געפאדערט פון די אונטערנעהמער זיי זאלען העכערען דעם ארבייטס-לוין און ארויסיאגען פון די דאקען די „קאנטראקטארען”. פערשטעהט זיך, אז די קאפיטאליסטען האבען ענטזאגט. — ס'האט זיך אנגעהויבען א שטרייק... דער שטרייק פון די דאקערען האט צוגעצייגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. אן'אלגעמיינע בעוואונדערונג האט ארויסגערופען סיי דאס אויפלעבען פון דיעזען דערשלאגענעם ארבייטער-שיכט, סיי די אונגעהויערע צאהל שטרייקער, וועלכע האט ערגרייכט ביז 180 טויזענד מאן.

די דאקערען האבען בעקומען א ענערגישע שטיצע און הילף פון די חברים-פראלעטאריער. די לאנדאנער ארבייטער אליין איז געלונגען צוזאמענצוקלייבען פאר די שטרייקער 450.000 רובל.

נאר די דאקער'ן האבען אויך בעקומען שטיצע פון דייטשלאנד, פראנקרייך און אמעריקא. גלייך ווי די ידיעה וועגען שטרייק האט ערגרייכט אויסטראליען, האבען די דארטיגע ארבייטער ארויסגעלאזען א זאמעל-ליסט פאר די שטרייקער, וועלכע האט אין עטליכע טעג געגעבען 300.000 רובל; דאס געלד איז אבגעשיקט געווארען טעלעגראפיש אין דער קאססע פון לאנדאנער פעראיין.

די אייגענטהימער פון די לאנדאנער האקען האבען אונטער-

ווארטעט זיך בעגעגענט פנים אל פנים ניט מיט א צערשפליטערטער מאסע פון אונגליקליכע טאג=ארבייטער, נאר מיט דעם פעראייניגטען פראלעטאריאט פון דער גאנצער וועלט. אזא קאמפף איז געוועזען איבער זייערע קרעפטען. זיי האבען געמוזט אנערקענען זייער ניעדערלאגע: די ארבייטער האבען בעקומען א הוספה צו דער שכירות און דער „נעגער-האנדעל" איז אבגעשאפט געווארען אויף אייביג.

דער ערפאלג פון דעם שטרייק (1889) האט געמאכט דעם „דאקער פעראיין" זעהר פאפולער צווישען אלע ענגלישע טאג=ארבייטער, וועלכע האבען געארבייט אויף די דאקען. דער פערבאנד איז געוואקסען ניט פון טאג, נאר פון שעה, כמעט אין אלע האפען אין לאנד האבען זיך געעפענט אבטיילונגען. די צאהל פון די מיטגלידער האט אין איין יאהר ערר־ייכט ביז 60.000 מאן און פון דעם קליינעם פערבאנד לאנדאנער דאקער איז ניך אויסגעוואקסען א גרויסער „פערבאנד פון די ארבייטער אויף די דאקען, ווערפען, האפען פון גאנץ ענגלאנד און אירלאנד".

אין די 90=ער=יאהרען האט דער פעראיין פון די דאקער'ן געשפיעלט זעהר א גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון ענגלישען סאציאליזם. נאך דעם זיעג איבער די אונטערנעהמער, האט ער ערקלערט א אונאויפהערענדען קאמפף געגען דער מעסיגער ליבעראלער ריכטונג, ביי וועלכער עס האבען זיך נאך אלץ געהאלטען א סך פון די אלטע ארבייטער פעראיינען.

מיר האבען שוין געזעהען, אז נאך אין מיטען די 80=ער יאהרען האט שוין דער סאציאליזם געהאט א גרויסען ערפאלג צווישען פערשידענע ארבייטער=פעראיינען פון ענגלאנד. פון דעסטוועגען, זענען די סאציאליסטען ביז 1899=טען יאהר געוועזען א קליינע מינדערהייט.

נאך אין סוף 80=ער יאהרען האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער ענגלישער ארבייטער=קלאסס האט זיך צוטיילט אויף צוויי געגענזעצליכע לאגערן. אויף איין זייט זענען געשטאנען די זאגענאנטע „אלטע יוניסטען".

זיי האבען געהאלטען, אז די הויפט=אויפגאבע פון די ארבייטער=פערבאנדען איז צו ארגאניזירען געגענזייטיגע הילף, פענסיאנער=קאססען א. ז. וו. די קאמפפ'ס ציעלען זענען געשטאנען

אויף דעם צווייטען פלאץ. לויט זייער מיינונג דארפען די ארבייטער זיך נישט ציפיעל פארנעמען מיט פאליטיק. די שטרעבונג איבער־צוגעבען אלע ווערקצייג און פראדוקציאנס־מיטלען דער געזעלשאפט, האט זיך זיי פארגעשטעלט פאר א נעפעהרליכע פאנטאזיע; זאגאר די פאדערונג פון פארלאמענט אנ' 8 שעה'ריגען ארבייטס־טאג האט ביי זיי ארויסגערופען א שארפע אפאזיציע.

מיט גאר אנ'אנדערער, א געגענזעצליכער פראגראם זיינע ארויסגעטראטען די אנפיהרער פון „נייעם יוניאניזם" — די סאציא־ליסטען; זייערע פעראיינען האבען זיך געשטעלט נאר קאמפפס־אויפגאבען, זייערע קאססעס זיינען געווען ספעציעל שטרייק־קאססעס. די סאציאליסטען האבען געפאדערט, אז דער גאנצער ענגלישער ארבייטער־קלאסס דארף זיך פעראייניגען אין איין מעכטיגע פאליטישע פארטיי און די ערשטע אויפגאבע פון זייער פראקטישער פאליטיק דארף זיין די פאדערונג פון א געזעצליך בעשטימטען 8 שעה'דיגע ארבייטס־טאג.

ניט קוקענדיג דערויף, וואס צו דער שטים פון די סאציא־ליסטען האבען זיך אנגעהויבען צוצוהערען אלץ מעהרער ארבייטער, איז אין די 90־ער יאהרען באמת ניט געוועזען קיין איינפלוסרייכער פעראיין, וועלכער זאל אין גאנצען אננעהמען די סאציאליסטישע פראג־ראם. דיזער אומשטאנד האט געגעבען די אנפיהרער פון דעם אלטען יוניאניזם די מעגליכקייט ארויסצושטעלען די סאציאליסטען אלס א קליין הייפעלע בונטאווששטשיקעס, וועלכע האבען קיין שום פאקטישע קראפט.

דער פעראיין פון די דאקערן האט אין גאנצען אומגעביטען די פאקטישע לאגע. ער האט גלייך פערנומען אנ'אנשטענדיגען ארט צווישען די ארבייטער־ארגאניזאציעס. און צוזאמען מיט איהם האבען זיך אנגעהויבען ברייטער צו פערשפרייטען די פרינציפען פון „נייעם יוניאניזם".

דעם גרעסטען איינפלוס האט דער דאקער פערבאנד געהאט, קודם כל, אויף די אונגעלערנטע ארבייטער. אין יאהר 1889 האבען די טאג־ארבייטער פון ניו־קעסטעל געגרינדעט א פערבאנד וועלכער דאט אויסגעבאפט אלע ארומיגע שטעדט. דער לאנדאנער פער־באנד פון גאז־ארבייטער האט בעקומען גאנצע צעהנדליגע טויזענדער נייע מיטגליעדער אין דער פראווינץ. עס האט ווידער אויפגע־לעבט דער „אלגעמיינער פערבאנד פון אייזענבאהן־ארבייטער".

א דאַנק די דאָקער'ן, איז אין משך פון דעם איין 1889-טען יאָהר פערגרעסערט געוואָרען די צאָהל פון די אָנטהיילנעהמער אין די אַרבייטער-פעראיינען אויף גאַנצע 200,000 מאַן. די אַלע נייע עלעמענטען זענען געוועזען פייערדיגע אַנהענגער פון די סאָציאַ-ליסטישע פּרינציפּען פון „נייעם יוניאָניזם". דער קאָנגרעס פון „אַלגעמיינעם פערבאַנד פון אייזענבאַהן-אַרבייטער" האָט דעם 19-טען נאָוועמבער 1890 בעשלאָסען: „דער פעראיין דאַרף זיך האַלטען אויף זיין קאַמפּפס-פּאָזיציע, און זיך ניט פערנעהמען מיט דער איינריכטונג פון קראַנקען-קאַססעס און אונגליקספאַל-קאַססעס"...

„מיר" — שרייבט דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון נאַציאָנאַל-פערבאַנד פון די גאַז אַרבייטער און טאָג אַרבייטער — „שטעלען יעצט פאַר איינע פון די מעכטיגסטע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד. מיר אַנערקענען נאָר אַין הילפס-פאָרם — העלפען אין אַ צייט פון שטרייק. פאַר מיר האָבען קיין ווערדע ניט די קאַססעס פאַר קראַנקע, אַרבייטסלאָזיגע און ז. וו., אונזער איינציגע אויפגאַבע איז צו פאַרקירצען דעם אַרבייטס-טאָג און פאַרניכטען די זונטאָג-אַרבייט".

די נצחונות פון דעם נייעם יוניאָניזם האָבען זיך ניט בעגרענצט בלויז מיט דעם געביעט פון פּראָסטע אַרבייט. צווישען די אַלטע פעראיינען פון די געלערנטע אַרבייטער בעמערקט זיך אויך אַ שטאַרקע ווענדונג אויף לינקס צום סאָציאַליזם.

נאָך אין יאָהר 1889 אויף דעם קאָנגרעס אין דענדי איז די מעהרהייט פון דעם ענגלישען אַרבייטער-קלאַס געוועזען אויף דער זייט פון דער אַלטער ריכטונג. דער אָנפיהרער פון אַלטען יוניאָניזם בראָדערס האָט דאָ געהאַט אַ פאָלקאָמען נצחון איבער די סאָציאַליסטען. נאָר שוין אין קומענדיגען יאָהר, אויף דעם קאָנגרעס אין ליווערפּול האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ שאַרפע ענדערונג אין די אַנשויאונגען פון דעם אַרבייטער-קלאַס; אַפילו דער פערבאַנד פון בראָדערסט, דער פערבאַנד פון די מויערער, האָט זיך ענטשיעדען אַרויסגעזאָגט פאַר אַן 8 שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג. דער אויספיהרונגס-קאָמיטעט פון „דער פעראייניגטער געזעלשאַפט מאַשין-בוי-אַרבייטער" האָט אויסגעוועהלט אין דער צאָהל פון זיינע דעלעגאַטען 2 בעוואוסטע „ניי-יוניאָניסטען בערנס און מען" און ער האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט די פליכט צו פיהרען אויף דעם קאָנגרעס אַ ענערגישע אַגיטאַציע פאַר אַ געזעץ וועגען

אַנ׳ 8 שעה׳דיגען אַרבייטס־טאָג. אין דעם אייגענעם גייסט זענען געוועזען די רעזאָלוציעס פון דער אָרגאַניזאַציע טשעסליאַרעס און טאָג־אַרבייטער. מיט איין וואָרט, די מעהרהייט אַנטיילנעהמער אויף דעם ליווערפולער קאָנגרעס איז געשטאַנען אויף דער זייט פון די סאָציאַליסטען.

בערנס האָט וועגען דעם געשריבען פאָלגענדעס: „פון 60 בעשטימונגען פאָדערען 45, אַז די מלוכה און די געזעלשאַפט זאָלען פערטהיידיגען די עקספּלואַטירטע געגען די עקספּלואַטאַטאָרס. אויב מען זאָל אויסשליסען די פראַגע וועגען אַנ׳ 8 שעה׳דיגען אַרבייטס־טאָג, וועט זיך אַרויסווייזען אַז פון אַלע 20 פאָרשטעהער פון די אַרבייטער־פעראיינען, שטעהן 19 אויף דעם שטאַנד־פונקט פון די סאָציאַליסטען, נאָר אפילו אין דער פראַגע וועגען דער געזעצליכער פערקירצונג פון אַרבייטס־טאָג, האָבען מיר, סאָציאַליסטען, ערראייכט אַזאַ בעדייטענדע מעהרהייט, אַז מיר האָבען די פאָלע רעכט צו פייערען אונזער נצחון".

אויף די שפּעטערדיגע קאָנגרעסען האָט די מעהרהייט פון אָרגאַניזירען ענגלישען פּראָלעטאַריאַט ענדליך אָנגענומען די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם.

אַלס ענדציעל פון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמפּף איז אַנערקענט געוואָרען דער איבערגאַנג פון אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען צו דער געזעלשאַפט; דער 8 ש.ה׳דיגער אַרבייטס־טאָג איז אַרויס־געטראָטען, אַלס וויכטיגסטע און נאָהענסטע פּראַקטישע אויפגאַבע.

VIII.

דער היינטיגער צושטאַנד, די אַלגעמיינע ריכטונג (טענדענציעס) און די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון די ענגלישע אַרבייטער־פעראיינען.

אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין געזעהען, אַז דער סאָציאַליזם אין ענגלאַנד געפינט זיך שוין אויף אַ פעסטען באָדען. נאָר פון דעסטוועגען דאַרף מען ניט מיינען, אַז אין יעדען ענגלישען אַרבייטער־פעראיין איז די מעהרהייט סאָציאַליסטען, און אַז אַלע ענגלישע פעראיינען שטעלען פאָר אַ איינאַרטיגע מאַסע, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט איין געמיינזאַמען

גייסט. אין ענגלאַנד צופאַלט די אַרבייטער=מאַסע נאָך היינט אויף צוויי אָבגעזונדערטע גרופּען: אויף אונגעלערנטע אַרבייטער און געלערנטע. צווישען אָט די ביידע גרופּען איז אָפט ניטאָ קיין סאָלידאַריטעט: זייערע אינטערעסען אַזוי אויך זייער לאַגע אין דער געזעלשאַפט זענען אָפטמאָל זעהר פערשיעדען.

אָט די אינערליכע צושפּאַלטונג פון ענגלישען פּראָלעטאַריאַט לייגט אויך זיין שטעמפּעל אויף דעם כאַראַקטער פון די אַרבייטער=אָרגאַניזאַציעס. די פערבאַנדען פון די געלערנטע אַרבייטער און פון די אונגעלערנטע שטעלען פאַר צוויי אייגענאַרטיגע, שאַרף אָבגעגרענצטע טיפּען, מיט וועלכע מיר וועלען זיך באַלד בעקאַנען.

אַלס פאָרשטעהר פון די אונגעלערנטע אַרבייטער פעראיינען וועלען מיר נעהמען דעם בעקאַנטען „פעראיין פון די אַרבייטער אויף דאָקען, ווערפען און האַפענס פון גאַנץ ענגלאַנד און אירלאַנד".

נאָך דעם נצחון אין יאָהר 1889 אין די הויפּט=שטרעבונג פון די דאָקער'ן אין זייער פּראָפעסיע געוועזען אָנגעווענדעט אויף דעם, צו נויטען די אונטערנעהמער אַנצוערקענען דעם פעראיין און שליסען דעם אָבמאַך ניט מיט איינצעלנע אַרבייטער, נאָר מיט דעם „גענעראַל סעקרעטאַר" פון פעראיין, ווי דאָס פּראַקטיקירט זיך אין אַלע צווייגען פון דער ענגלישער אינדוסטריע, וואו די אַרבייטער זענען גוט אָרגאַניזירט. פערווירקליכען דיעזע אויפגאַבע איז ביי דער דאָקער=אַרבייט געווען כמעט אונמעגליך: אויפ'ן וועג זענען געשטאַנען אַזעלכע מניעות, וועלכע ס'איז געווען אונמעגליך צו בעזייטיגען. אַנ'אָבמאַך מיט אַ גאַנצען פעראיין, אָדער ווי מען רופט עס אין ענגלאַנד „אַ קאָלעקטיווער אָבמאַך" — איז לייכט צו ערייכען נאָר אין דעם פאַל, ווען דער אונטערנעהמער איז געצוואונגען צו האָבען צוטהאַן מיט געלערנטע אַרבייטער. אַזעלכע אַרבייטער איז פערהעלטעניסמעסיג ניט דאָ קיין סך, און פעראייניגען זיי אין איין פערבאַנד איז ניט שווער. דעריבער איז אין די צווייגען פון דער קוואַליפיצירטער אַרבייט פאַר דעם אונטערנעהמער זעהר ריזיקאַליש זיך איינצו'עקשנ'ען און ניט וועלען אַנערקענען די פאָדערונגען פון פערבאַנד. ער קען אין גאַנצען בלייבען אָהן „אַרבייטער=הענד", וואָס עס הייסט פאַר איהם אין גאַנצען בדיל־דל ווערען.

ניט אַזוי בעשטעהט די זאַך אויף די דאָקען. די אַרבייט

אויף די דאָקען בעשטעהט הויפטזעכליך אין דעם אָנלאָדען. און אויס לאָדען די שיפען', טראָגען אויסגעלאָדענע סחורות אין די האפען-לאַגערען.

צו אזא אַרבייט פאָדערט זיך נאָר פיזישע קראַפט. מען דאַרף קיין שום געוואוינהייט. יעדער פויער וועלכער איז צופעליג אריינגעפאַלען אויף די דאָקען, קען ערפילען די אַרבייט כמעט מיט אַזא ערפאָלג, ווי דער פראָפעסיאָנעלער דאָקער, וועלכע אַר-בייט שוין אויף האַפען גאַנצע צוואַנציגע יאָהרען. די בעלי-בתים פון די דאָקען האָבען שטענדיג אַ בעדייטענדען פאָרראַט פרייהע אַרבייטס-קראַפט, דען ליידיגע, פשוטע אַרבייטער קען מען צו יעדער צייט געפינען איבער גענוג אין יעדער גרויסער ענגלישער שטאָדט.

דורך די שווערע אַרבייטס-בעדינגונגען ביי די דאָקער'ן האָבען זיך די אונטערנעהמער געקענט ענערגיש שטעלען געגען די פאָדערונגען, וועלכע דער פעראיין האָט אַרויסגעשטעלט. נאָך אין יאָהר 1888, ווען עס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען הערען אַ אונצופרידענהייט צווישען די דאָקער'ן האָבען די פריוואַטע קאָמ-פּאַניעס פון די לאָנדאָנער דאָקען געהילט זיך צו פעראייניגען אין אַ פערטהיידיגונגס-פערבאַנד, און בראש פון דעם פערבאַנד איז געשטאַנען דער „אַלגעמיינער קאָמיטעט פון לאָנדאָן אונד אינדיען". אָט דער אַלגעמיינער קאָמיטעט האָט גענומען אַן' ענערגישען אַנ-טהייל אין דער גרינדונג פון דער זאָ גענאַנטער „ליגע פון פרייען אַרבייט", וועלכע האָט געהאַט איהר הויפט אויפגאַבע אַרויסצו-טרעטען געגען דעם „דעספּאָטיזם" פון די אַרבייטער-פעראיינען. קעמפפען געגען דעם „קאָלעקטיווען אָבמאַך" און ליבען אין שרייי-ענדע רעקלאַמען דעם פערלאָרענעם גן-עדן פון דער בורזשואַזיע, די פרייע קאָנקורענץ, פרייע אָבמאַכען צווישען איינצעלנע אַר-בייטער און אונטערנעהמער. די ליגע האָט ניט געהאַט קיין שום ערפאָלג: אַחוץ די אונטערנעהמער און זייערע געדונגענע אַגענטען איז נאָר אריין אַ קליינער צאָל אַרבייטער פון דעם אָבפאַל פון פראָלעטאַריאַט, אומגליקליכע לומפּען — פּראָלעטאַריער. אַ זעלכע זענען שטענדיג גרייט צו פערקויפען זייער נשמה פאַר אַ גראָשען. סוף כל סוף זענען פערלאָרען געוואָרען בחנם די קאַפּיטאַלען, וועלכע די בורזשואַזיע האָט מנדב געוועזען אויף צולוביען אין הימעל אריין

די בעריהמטע „פּרייִוע" אַרבייט: די שרייענדע פערזאַמלונגען פֿון די לינע־העלדען האָט ניט אַריסגערופען ביי דעם אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט קיין שום פּחד, נאָר בלויז אַ פּעראַכטונגס־שמייכעל.

אויב די פּראָבע פֿון די אונטערנעהמער צוריק צודרעהען דעם ראָד פֿון דער געשיכטע אויף גאַנצע הונדערט יאָהר איז אין אַלגעמיין ניט געלונגען, האָט זיך דאָך איינגעגעבען אין איינצעלנע צווייגען פֿון דער פּשוטער אַרבייט צו ערדייכען אייניגער מאַסען אַנ׳ערפאָלג. די אַרבייט אויף די דאָקען געהערט טאַקע צו יענע אַרבייטס־צווייגען.

אַלע אַ תשובה אויף די פאָדערונג פֿון דאָקען־פּעראיין וועגען אַ קאָלעקטיוועָן אָבמאַך, האָט דער „אַלגעמיינער קאָמיטעט פֿון לאָנדאָן און אינדיען" איינגעפיהרט די זאָ גענאַנטע „בלאַנקען אויף פרייע אַרבייט". נאָר די אַרבייטער, וועלכע האָבען געהאַט אַזעלכע בלאַנקען, האָט מען צוגעלאָזען צו די דאָקען, און יעדער אַרבייטער, וועלכער האָט געגומען אַזאַ בלאַנק, האָט זיך דערמיט אַליין שוין פערפליכטעט אָבצוזאָגען זיך פֿון דעם קאָלעקטיווען אָבמאַך און פֿון דער פאָדערונג ניט צו דערלאָזען אויף די דאָקען יענע אַרבייטער, וואָס זענען ניט קיין מיטגלידער פֿון פעראיין. אויף אַזאַ אופן קעהרען מיר זיך אום צוריק צו דער סיסטעם, וועלכע די אונטער־נעהמער האָבען, ווי מיר ווייסען שוין, ברייט פּראַקטיצירט אין אָנפאַנג X X־טען יאָהר־הונדערט און וועלכע איז דאַמאָלס בע־וואוסט געוועזען אונטער דעם נאָמען „צושטעלען אַ דאָקימענט".

נאָר דאָס „צושטעלען אַ דאָקומענט" האָט אויף דער שוועל פֿון צוואַנציגסטען יאָהר הונדערט ניט געהאַט אין די דאָקען־אונטער־נעהמונגען אַזאַ שלעכטע ווירקונג אויף די פעראיינען, ווי 75 יאָהר צוריק. די אונטערנעהמער איז דאָס נאָר געלונגען אויף העלפט, און ביז אַ געוויסען גראַד זענען זיי אַליין אַריינגעפאַלען אין דעם גרוב, וועלכען זיי האָבען מיט אַזוי פיעל ענערגיע געגראָבען פֿאַר די אָרגאַניזירטע דאָקער׳ן.

ניט נאָר די מיטגליעדער פֿון דעם דאָקער׳ן פעראיין זענען ניט געגאַנגען אויף די בעדינגונגען פֿון די אונטערנעהמער; יעדער פיעל וועניג אָרענטליכער אַרבייטער האָט זיך אויך אָבגעזאָגט צו נעהמען „אַ בלאַנק פֿון פרייע אַרבייט". דער אויסדרוק „צעטעל־

ארבײטער" איז געװאָרען אַזאַ פעראַכטונגס־נאָמען װי „שװארץ־פוסינגער"*). נאָר גאָר די עלענדסטע, אין מאָראַל'ען און גײסטיגען זין, ארבײטער, די לעצטע לומפּען, זענען מ־וצה נעהמען ארבײט אויף די בעדינגונגען פון די אונטערנעהמער און פעראַטהען די אַלגע־מײנע זאַך. סוף כל סוף האָט זיך אַרויסגעװיזען, אַז מיט בלאַנקען קומט אָהן נאָר דער ערגסטער אָבפאַהל פון די דאָקען־ארבײטער, װעלכע זענען נאָר ניט פעהיג צו אַ רעגעלמעסיגע און ענערגישע ארבײט.

זײער אַרבײט איז געװעזען אױף אַזוי פיעל אונפּראָדוקטיװ, אַז זי האָט די קאַפּיטאַליסטען ניט געגעבען קײן שום ריוח. די אונטערנעהמער זענען געבליבען אין זעהר אַ טרויעריגער און לעבער־ליכער לאַגע. זײ האָבען געװאָלט פערניכטען דעם פעראײן כדי צו פערגרעסערען דעם ריוח, און באמת האָבען זײ איהם נאָר פערקלענערט. זײ האָבען זיך דעריבער געמוזט אָבזאָגען פון זײער פּלאַן.

כמעט אַלע דאָקען־קאָמפּאַניעס האָבען װידער אָנגעהױבען צוצונעהמען אויף ארבײט די מיטגליעדער פון די ארבײטער פעראײנען.

אויף אַזאַ אופן איז די אונטערנעהמער ניט געלונגען אַרויס־צושטויסען די אָרגאַניזירטע אַרבײטער פון די דאָקען, נאָר דער דאָקען־פעראײן האָט אויך ניט ערריכט זײנע פאָדערונגען פון אַ קאָלעקטיװען אָבמאַך. „די ארבײטער מיט בלאַנקען" בילדען נאָך אַלץ אַ בעדײטענדען טײל פון די דאָקערן און שטערען שטאַרק די פריעדליכע טהעטיגקײט פון פעראײן און די מעגליכקײט צו געפינען אַן אונבענרענצטע צאָהל „שװארץ־פוסיגע" אין דער צײט פון אַ שטרײק, שװאַכט שטאַרק אָב די קראַפט פון זײן קאַמפּפס־פּאָליטיק.

דער אומשטאַנד, װאָס צו דער אַרבײט אויף די דאָקען קען צוטרעטען יעדער פּראָסטער אַרבײטער, װירקט זעהר שלעכט ניט נאָר אויף די אויסערליכע טהעטיגקײט פון פעראײן, נאָר אויך אויף זײן אינערליכע לאַגע. אפילו צװישען דעם בעסערען טײל

*) שװארץ־פוסינער רופט מען אין ענגלאנד אַ שטרײק־ברעכער. אַ ענגלישען ארבײטער קען מען מיט קײן שום זאַך ערגער ניט בעלײדיגען, װי מיט דעם נאָמען „שװארץ־פוסיגער".

ראקערן, וועלכע זענען ארגאניזירט אין פעראיין, איז אויך דא יועניג ארבייטער, וועלכע זאלען האבען א שטענדיגע און בעשטימטע ארבייט, וועלכע זאלען גוט וויסען זייערע ארבייטס-בעדינגונגען און הויפט-זעכטליך, וועלכע זאלען זיין געוואהנט צו אנ'ארגאניזירטע טהעטיגקייט געמיינזאם מיט די חברים. דער גרעסטער טייל פון פעראיין בעשטעהט פון אנגעקומענע, צופעליגע עלעמענטען.

די שלים-מזל'ניקעס פון די זאגענאנטע „פרייע פראפעסיעס" — אדוואקאטען, לעהרער, זשורנאליסטען, וועלכע האבען זיך אבגעריסען פון זייער שטאנד, פאבריק-ארבייטער, וועלכע זענען ארייגעפאלען אין די ארבייטס-לאזיגע ארמעע, די אונגעהויערע מאססע דארף-ארבייטער, וועלכע זענען ארויסגעווארפען געווארען אין שטאדט אריין צוליעב דעם שטילשטאנד אין דער לאנדווירטשאפט — אט די גאנצע פערשיעדען-פארביגע מאססע, יאגענדיג זיך נאך ברויט, פערפלייצען פערשיעדענע צווייגען פון דער פשוטער ארבייט און אויך פון די דאקען. פערשטעהט זיך, אז סיי די שטענדיג-וואנדערנדע שלים-מזל'ניקעס, וועלכע זענען נאך זייער פסיכאלאגיע עהנליך צו די לומפען-פראלעטאריער, כיי די געוועזענע דארף-ארבייטער מיט זייערע קליינע בעדערפניסען און שמאלען פערשטאנד — זענען ניט זעהר פעהיג ענערגיש און פעסט צו פיהרען דעם שווערען קאמפף פון די ארבייטער-פעראיינען. דאס וואנדער-פאלק איז נאר פעהיג צו שטורמישע אבער וועניג דויערנדע אויפברויזונגען, וועלכע פערבייט זיך באלד מיט גלייכגילטיגקייט און פערצווייפלונג אדער זאגאר מיט א הי. כ'ריגער שטימונג.

וואס אנבעלאנגט די געוועזענע דארף-ארבייטער קענען זיי זעהר שווער פערשטעהן די אלגעמיינע אויפגאבען פון קעמפפענדען פראלעטאריאט. די לעבענס-אינטערעסען פון פויער געהן ניט ווייטער פון זיין אייגענעם דערפעל: וואס ס'מהוט זיך הינטער די גרענצען פון זיין דארף אינטערעסירט איהם גאנץ וועניג.

דעריבער איז גאנץ נאטירליך, וואס דער פויער ווענדעט אן זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט נאר אויף זיין פאמיליע, אויף זיין אייגענע ווירטשאפט: אלע געזעל'שאפטליכע ענינים און אלע געזעלשאפטליכע ערשיינונגען אינטערעסירען איהם נאר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער קען פון זיי ערווארטען צו האבען

אין ניכען זיכערע נוצען פאר זיך אדער פאר זיין פאמיליע. אמת טאקע, אז אין ענגלאנד איז שוין לאנג ניטא קיין זעלבסט=שטענדיגע פויערים; דער דארף־ארבייטער איז דארט אנ'אמת'ער בעזיצלאזער פראלעטאריער. נאר צוליעב דעם אבגעזונדערטען און אבגעשטאנענעם דארפישען לעבען, טראגען נאך די דארף=ארבייטער אויף זיך דעם שטעמפעל פון דעם אלטען קליינעם ערד=איינגענטהימער.

די געשיכטע פון דעם דאקער=פעראיין גיט אונז די מעגליכקייט זיך גענוי צו בעקענען מיט די רעסטען פון דער פויערשער אדער קליינבירגערליכער בעגרענצטהייט ביי די אנגע־פאהרענע שטארט־ארבייטער.

אין יאהר 1889, ווען די גרויסע נדבות. וואס האבען זיך געשאטען פון אלע זייטען אין דאקער־פעראיין, האבען זיכער געמאכט דעם נצחון, און די גרויסע געלד=סומען, וועלכע האבען זיך אנגעזאמעלט אין דער קאססע פון פעראיין, האבען געגעבען די מעגליכקייט צו האפען אויף שטארקע שטיצע, איז די צאהל מיטגליעדער געוואקסען מיט אנ'אונגעהויערער גיכקייט. נאר אט איז פערביי די צייט פון שארפען קאמפף. דער פעראיין האט זיך דערשלאגען א העכערען לוין און די אבשאפונג פון דער „פערמיטלער־סיסטעם" ניט נאר פאר זיינע מיטגליעדער נאר פאר אלע דאקערן; אין דער זעלבער צייט ווערט בעשטימט, אז די קאססע זאל דינען נאר אויף קאמפפס=צוועקען: די שטיצע אין פאל פון קראנקהייט אלטקייט א. ז. וו. ווערט אבגעשאפט. די אנגעקומענע ארבייטער מיט זייער קליינבירגערליכער כסיבאלאגיע פערלירען דעם גאנצען אינטערעס צום פעראיין. זיי האבען שוין אין פעראיין ניט געזעהן קיין דירעקטען נוץ פאר זיך אדער פאר זייערע פאמיליעס, און דעריבער טראגען זיי בעסער אריין זייערע אבשפארונגען אין די קאססעס פאר געגענזייטיגע הילף. אין די 90=ער יאהרען האט די צאהל מיטגליעדער פון דאקער=פעראיין אנגעהויבען שטארק פאלען, און יעצט ענטהאלט ער ניט מעהר ווי 20.000 מיטגליעדער, און אפילו פון די 20.000 זענען פיעלע נאר אנ'איבעריגע לאסט, זיי טרעטען ניט ארויס פון פעראיין הייל צוליעב דעם, וויל ער האט בעשטימט ארויסצוגעבען קליינע שטיצע אויף הוצאות הקבורה פאר מיטגליעדער פון פעראיין.

דער דאקער-פעראיין קען אלזא ניט ערפילען מיט ערפאלג זיינע אויפגאבען אלס קאמפפס-ארגאניזאציע און ניט צוליעב וועלכער ס'איז צופעליגער אורזאכע, נאר צוליעב דעם כאראקטער ניפא פון דעם ארבייטס-צווייג, אין וועלכען ער פיהרט זיין טהעטיגקייט. אין אזעלכע אונגינסטיגע בעדינגונגען געפינט זיך די טהעטיגקייט פון יעדער ארבייטער-פעראיין, וועלכע בעשטעהט אויסנאהמליך פון טאג-ארבייטער. די טאג-ארבייטער שטעהען שטענדיג פאר די דאריקאלסטע פראגראם; אין דער צייט פון גרויסע שטרייקען און איבערהויפט אין יעדען שארפען קאמפף מיט די אונטערנעהמער, דינען זיי דעם פראלעטאריאט אלס מוסטער מיט זייער זעלבסט-אפפערונג און בעגייסטערונג. דערפאר אין דער פריעדליכער צייט קיהלען זיי זיך אב; די געמיינזאמע אינטערעסען טרעטען אב אויף דעם צווייטען פלאן פאר די פערזענליכע און די ארגאניזירטע ארבייט מאכט קליינע פארשריטע.

פונקט דער היפך איז די ארגאניזאציע פון דער קוואליפיצירטער ארבייט. אט די גרויסארטיג און מוסטערהאפט-געבויטע ארגאניזאציעס זענען דאס רוב דורכגעדרונגען מיט אן'ענגער קאנסערוואטיווער און אפטמאל פראסט רעאקציאנערער פאליטיק, וועלכע וויל ענדע דעם XIX-טען יאהרהונדערט אריינבלאזען א נייע נשמה אין די אלטע אידעאלען און האפנונגען פון דער מיטעלאלטערליכער האנדווערקעריי. „דער פערבאנד פון די קעסעל מאכער, שיעף-בוי ארבייטער" שטעלט אונז פאר א כאראקטעריסטישען בילד פון די אבגעשטאנענע ארבייטער-פעראיינען אין ענגלאנד. ניט קוקענדיג אויף אלע ערפאלגען פון דער סאציאליסטישער ריכטונג, שטעהט נאך דא דער אלטער יוניאניזם אין גאנצען אונבעריהרט.

די ארבייטער פון דער שיף-בוי אינדוסטריע צופאלען אויף צוויי שארף-אבגעזונדערטע שיכטען. צו איינעם געהערען די ארבייטער פון דער מעהרער קינסטלערישער ארבייט — די שיף-בויער, וועלכע בעטהייליגען זיך דירעקט אין דעם שיפבויען. צו דעם אנדערען געהערען זייער געהילפע, די פשוטע ארבייטער. די אונטערנעהמער האבען נאר צוטהון מיט די געלערנטע ארבייטער, וועלכע דינגען פון זיך געהילפע. לויט דער סיסטעם, וואס הערשט אויף די ווערפען, דער סיסטעם פון שטיק ארבייטס-לוין, העגנט אב דער פערדינסט פון פשוט'ן ארבייטער פון איין זייט פון דעם פרייז,

פאר וועלכען ס'איז אנגענומען געווארען דער גאנצער פאדריאד, פון דער צוויטער זייט — פון דער צאהל ארבייטסשטונדען. פערשטעהט זיך, אז די געלערנטע ארבייטער סטארען זיך וואס וועניגער אבגעבען די פשוט'ע ארבייטער פון דער סומע, וועלכע זיי בעקומען פון ד־ר גאנצער אונטערנעהמונג.

אויף אזא אופ'ן קומט אויס, אז די שיף־בוי־ארבייטער זענען, אין דער בעציהונג צו די פשוטע ארבייטער, אונטערנעהמער־עקספלואטאטארען. דער רעזולטאט פון דעם איז א שארפע מלחמה צווישען די געהילפע און זייערע „בעלי־בתים — די אייגענטליכע שיף־בויער.

אין דעם שיף־בוי־פעראיין נעהמט מען קיין געהילפע ניט צו; דא קענען אריינטרעטען נאר יענע געלערנטע ארבייטער, וועלכע האבען דאס רעכט זיך צו רופען שיף־בויער.

די געהילפע זענען געצוואונגען צו גרינדען זייערע אייגענע ארגאניזאציעס, וועלכע בעציהען זיך צו דעם שיף־בוי־פעראיין, ווי צו א פעראיין פון אונטערנעהמער. ווי שארף עס איז דער קאמפף צווישען אט די ביידע שיכטען ארבייטער קען מען זעהען פון דעם פאלגענדען פאקט. אין יאהר 1892 איז אין סענדערלאנד פארגע־קומען א צוזאמענשטויס צווישען די געהילפע און די אייגענטהימער פון די ווערפען. אויף דעם ארט פון די שטרייקענדע, האבען די אייגענטהימער ארויסגערופען ארבייטער פון די מערב'דיגע לאנד־ווירטשאפט-ראיאנען. אין דעם טאג, ווען די „שווארץ־פיסיגע" זענען אנגעקומען, האבען די שיף־בוי־ארבייטער געשפילט די ראלע פון פאליציי־בעאמטע; אויף דעם גאנצען וועג פון וואגזאל ביז די ווערפען האבען זיי געשיצט די אנגעקימענע געגען די גוואלד־טהאטען פון די געהילפע. אין דער צייט פון גאנצען שטרייק האבען די שיף־בוי־ארבייטער מקרב געווען די „שווארץ־פיסיגע" ניט וועניגער, ווי די קאפיטאליסטען אליין. נאך דער ארבייט פלעגען זיי פאר זיי מאכען בעלער, און האבען איבערהויפט מיט אלע כחות געהאלפען די קאפיטאליסטען מנצח צו זיין די געהילפע.

דער שיף־בוי־פעראיין האסט ניט נאר די געהילפע פון זייערע ווערפען, נאר איבערהויפט אלע ניט-געלערנטע ארבייטער. שטרע־בענדיג מיט אלע כחות איינצוהאלטען זייער פריווילעגירטע לאגע אלס ארבייטער-אריסטאקראטיע, געברויכען די שיף-בוי-ארבייטער

אלע מיטלען ניט אריינצולאזען די פעראיינען פון די פשוטע ארבייטער אין די „אלגעמיינע פעדעראציע פאר ארבייטער פון דער שיף-בוי-ארבייט", ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די פעראיינען פון די פשוטע ארבייטער האבען אסך מאל געשטיצט מיט געלד די שיף-בוי-ארבייטער אין דער צייט פון שטרייק.

דער קורצזיכטיגער עגאיזם, זעלבסטליעבע און אבגעזונדערטהייט פון די שיף-בוי-ארבייטער בעווייזען זיך אין אלע געביעטען פון זייער טהעטיגקייט, און צייטענווייז אין אזא שארפען כאראקטער, אז פון איינעגע פון זייערע פלענער שמעקט מיט דעם שימעל-גערוך פון די מיטעלאלטערליכע צעכען. זיי שטרעבען איבעראנייס אויפצושטעלען די מיטעלאלטערליכע געזעצען וועגען לעהר-אינגלעך. לויט זייערע סטאטוטען הייבט מען אן זיך לערנען די מלאכה צו 14 יאהר, נאר דערגרייכען די מדרגה פון א לעהר-אינגעל קען מען, נאך זייער סטאטוט, נאר נאך צוויי יאהר לעהרע. א יונגעל פון 16 יאהר ווערט א לעהר-אינגעל. אזוי בלייבט ער גאנצע פינף יאהר „צוגעשמידט" צו זיין מייסטער דורך א קאנטראקט; נאר נאך דעם טערמין, גיט איהם דער פעראיין ארויס א צייגניס, אז ער איז פעהיג צו ארבייטען אלס א פאלבערעכטיגטער שיף-בוי-ארבייטער. די שיף-בוי-ארבייטער האבען שוין לאנג געפיהרט א קאמפף געגען דעם אונבעגרענצטען געברויך פון לעהר-אינגלעך-ארבייט, און אין יאהר 1893 איז זיי באמת געלונגען צו בעגרענצען די צאהל לעהר-אינגלעך מיט צוויי אויף יעדע 7 פאלבערעכטיגטע ארבייטער.

אט דאס איז דער „פעראיין פון קעסעל-מאכער און שיף-בוי-ארבייטער" — דער כאראקטעריסטישער פארשטעהער פון דער ארבייטער-אריסטאקראטיע. מיר זעהען, אז צווישען דיזע שיכטען וואלט די סאציאליסטישע פראפאגאנדע געווען פאלקאם אונפרוכטבאר. כל זמן די טעכנישע ענטוויקלונג וועט גרינדליך ניט אומענדערען די ארבייטס-בעדינגונגען אין דער שיף-בוי-אינדוסטריע, כל זמן דער לאנגער לעהר-טערמין וועט ניט פערניכטעט ווערען דורך די ברייטע אנווענדונג פון מאשין ארבייט, וועלכע מאכט מעגליך זיך צו בענוטצען מיט פשוטע ארבייטער, וועלען די שיף-בוי-ארבייטער הארטנעקיג שלעפען צוריק, שעפענדיג זייערע אידעאלען ניט אין די מאדערנע בעדינגונגען פון דעם פראלעטארישען

בעפריַיאונגס=קאַמפּף, נאָר אין די אַלט=פרענקישע צעכען=אָרדנונגע, פון מיטעל־אַלטער.

מיר האָבען זיך בעקאַנט מיט צוויי טיפּען פון די ענגלישע אַרבייטער=פעראיינען: ערשטענס מיט די פערבאַנדען פון די נידעריגערע פּראָלעטאַרישע שיכטען, פּשוטע אַרבייטער אין אמת'ען זין פון וואָרט, ווי למשל די דאָקער'ן, און צווייטענס, מיט די פער=איינען פון די מעהרער קינסטליכע אַרבייט פון דער אַרבייטער אַריס=טאָקראַטיע, צו וועלכער עס געהערט „דער פעראיין פון די קעסעל=מאַכער און שיף=בוי=אַרבייטער".

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די רעגעלמעסיגע ענטוויקלונג פון די אַרבייטער=אָרגאַניזאַציעס פון דיזע געגענזעצליכע טיפּען בעגעגענט אויף איהר וועג הינדערניסען, וועלכע זענען נאָך זייער כאַראַקטער נאָך געגענזעצליך, נאָר וועלכע ברייַנגען צו איינעם און דעם זעלבען רעזולטאַט: אין די ביידע פאַלען האָבען די פעראיינען ניט קיין פעסטע צוקונפט. די אַריסטאָקראַטען פון דעם אַרבייטער קלאַסס שליסען אויס, צוליעב זייער פּריווילעגירטע לאַגע, זייערע אינטע=רעסען פון די אַלגעמיינע אַרבייטער=אינטערעסען; זיי קענען ניט פערשטעהען, אַז זייערע אינטערעסען זענען סאָלידאַריש מיט די אינ=טערעסען פון גאַנצען פּראָלעטאַריאַט. די פּשוטע אַרבייטער ווייטער, זענען ניט פעהיג ביי זייער גאַנצען ראַדיקאַליזם, פעסט איינצואָרד=נען די אינערליכע אָרגאַניזאַציע פון פעראיין.

נאָר אויסגלייכענדיג די געגענזאַצען צווישען דער קוואַליפיצי=רטער און פּשוטער אַרבייט, נאָר פעראייניגענדיג דיזע געגענזעצליכע אָרגאַניזאַציעס אין איין האַרמאָנישעם גאַנצעס, קען זיך בילדען אַזאַ טיפּ פעראיין, וועלכער זאָל דינען די אַלגעמיינע אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט.

נאָר אַזאַ פעראיין וועט קענען אין ענגלאַנד אַריינפיהרען אין לעבען דעם סאָציאַליזם, נאָר אַזאַ פעראיין וועט קענען זיין דאָס אמת'ע קערנדעל פון דער צוקינפטיגער פּריוואַטס=מלוכה; ער וועט אין זיך פעראייניגען דעם פריהערען צוטריט מיט דער שטרענגער אָרגאַניזאַ=ציאָנס=דיסציפּלין, אַ רייכע קאַססע מיט אַ ברייטער סאָציאַל=פּאָלי=טישע פּראָגראַם, מיט איין וואָרט, דעם ראַדיקאַליזם פון די נידערי=גע פּראָלעטאַרישע שיכטען מיט דעם ניכטערען פערשטאַנד וועגען די דירעקטע אויפגאַבען פון לעבען. פערשטעהט זיך, אַז פּראַקטיש

פערווירקליכען אזא אידעאלען פעראיין איז מעגליך נאר אין די אינדוסטריעלע צווייגען, וואו דער טעכנישער פראגרעס האט שוין אוועקגעשטעלט אויף איין מדרגה די געלערנטע און פשוטע ארבייטער, וואו דיזע ביידע שיכטען שפילען א גלייכע וויכטיגע ראלע אין דער פראדוקציאן, און וואו זייערע אינטערעסען זענען ניט געגענזעצליך, ווי מיר האבען דאס געזעהען ביי די שיף-בוי-ארבייטער און זייערע געהילפע, נאר גיסען זיך צוזאמען און ווערען געמיינזאמע אינטערעסען.

אלס א ביישפיעל פון אזא פאלקאמען טיפ ארבייטער-פעראיין קען דינען די „פעראייניגטע געזעלשאפט פון מאשין-בוי-ארבייטער".

א לאנגע צייט איז דער פעראיין פון די מאשין-בוי-ארבייטער געוועזען א טיפישע ארגאניזאציע פון געלערנטע ארבייטער און געוועזען אזוי שמאל, קורצזיכטיג-אבגעזונדערט ווי איבערהויפט אלע אלטע פעראיינען. נאך מיט דרייסיג יאהר צוריק זענען די מאשין-בוי-ארבייטער געוועזען די העכסטע ארבייטער-אריסטאקראטיע. די ארבייטער פון פערשיעדענע ספעציאליטעטען אין דער מאשין-בוי-ארבייט, ווי טאקארעס, איינשטעלער, מיהלען-בויער, שמיעדין, און די וועלכע זענען שפעטער צוגעשטאנען — צייכענער און פארב-גיסער זענען געוועזען, לויט זייער פראפעסיאנעלער פארבערייטונג די העכסט מיוחסימדיגע ארבייטער, זיי האבען געבילדעט דעם העכסטען שיכט פון פראלעטאריאט. נאר דער טעכנישער פראגרעס האט דא ניט לאנג פערוואנדעלט די מאשין-פאבריקאציאן אין א פשוטע מלאכה, וועלכע בעשטעהט אין דער שטענדיגער אויסארבייטונג פון איינע און דיזעלבע איינפאכע זאכען, האט פארביטען די האנד-ארבייט אויף מאשין-ארבייט, און האט אויף אזא אופן פערוואנדעלט דעם פראפעסיאנעלען קינצלער און ווי מען זאגט אין ענגלאנד — „מאשין מענש", אין א פשוטען אויפקוקער אויף דעם אוטאמאטיש-ארבייטענדען מעכאניזם. אייניגע צייט האבען די מאשין-בוי-ארבייטער, אויף דעם שטייגער פון די אלטע יוניאניסטען, זיך געוואלט בעווארענען פון דער קאנקורענץ פון ניט געלערנטע ארבייטער, נאר אין גיכען האט זיך ארויסגעוויזען, אז זייער מיה איז אומזיסט: די ווייטערע טעכנישע ענטוויקלונג האט אלץ מעהר פערברייטערט דעם ארבייטס-געביעט פון די „מאשין-מענשען"; די קוואליפיצירטע ארבייט איז אלץ מעהר ארויסגעשטוי-

סען געוואָרען. אין די 90-ער יאָהרען איז שוין געוואָרען קלאָהר אז די ווירקליכע אינטערעסען פון די מאשין-בוי-ארבייטער בעש=טעהען ניט אין דעם, מען זאָל אויסשליסען פשוטע ארבייטער פון פעראיין, נאָר אין דעם פעראייניגטען, אָרגאניזירטען קאמפף פאר א בעסערע צוקונפט. די ארבייטער=יוגענד, וועלכע איז שטענדיג פעהיגער אָנצונעהמען נייע ריכטונגען, איידער די וועכטער פון די אלטע טראדיציעס, זענען אריבער אויף דער זייט פון די פשוטע א-בייטער און געפאָדערט מען זאָל אין גאנצען אומענדערען די סטאטוטען פון דעם מאשין-בוי=פעראיין. אין יאָהר 1892 האָט דער פעראיין ברייט געעפענט זיינע טיהרען פאר אלע ארבייטער פון דער מאשין-אינדוסטריע, ניט מאכענדיג קיין אויסנאהם פאר די „מאשין-מענשען“.

אמת טאקע, אז ביז אהער האָט זיך מיט דיזער ערלויבניס געקענט בענוצען נאָר א קליינער טייל פון די פראָסטע ארבייטער, דען זיי זענען ניט געוועזען בכח צו צאָהלען אזא פעראָהעלטניס=מעסיג גרויסע מיטגליעדער אָבצאָהלונג (פון 50—85 קאָפ. א וואָך). נאָר יעצט רעכענט מען צו בעשטימען פאר פערשיעדענע מאשין=בוי=ארבייטער פערשיעדענע אָבצאָהלונגען, לויט זייער פערדינסט.

„די פעראייניגטע געזעלשאפט פון די מאשין=בוי=ארבייטער“ איז ווייט פון דעם צעכען=גייסט זאָגאר אין דער פראגע וועגען לעהר=אינגלעך, וואו דער צעכען=גייסט האלט זיך נאָך ביז היינט אין איינינע טעכניש אָבגעשטאנענע צווייגען: די צאָהל פון די לעהר=אינגלעך איז ניט בעגרענצט, מען נעהמט זיי זאָגאר אריין אין פעראיין. חאָטש זיי האָבען ניט קיין שום שטים-רעכט, בענוצען זיי זיך פון דעסטוועגען מיט אלע עקזיסטירענדע שטיצונגס=פאָרמען און פראָפעסיאָנעלע פערטהיידיגונג, גלייך מיט אלע פאלבערעכ=טיגטע מיטגליעדער.

אריינגעהמענדיג די פשוטע ארבייטער, וועלכע ארבייטען אין די אייגענע פאבריקען, וואו זיינע מיטגליעדער, האָט דער מאשין=בוי-פעראיין זיך דערמיט נאָך ניט בענוגענט אין זיינע פעראייניגונגס שטרעבונגען. איינע פון זיינע וויכטיגסטע ציעלען איז צו ערגרייכען א פאלקאָמע פעראייניגונג פון אלע ענגלישע ארבייטער, וועלכע געהערען דער מאשין=בוי=פראָפעסיע. אין דער לעצטער צייט האָט ער

געמאַכט אַ גאַנצע רייהע פּראָבען אין דיזער ריכטונג, און אויב די קראָבען זיינען איהם ניט איבעראַל געלונגען, איז דאָס מעהרסטענטייל צוליעב צופעליגע אורזאַכען, טיילווייז צוליעב פּערזענליכע סבות. ס'איז שוין קיין שום ספק ניט, אַז אין דער נאָהענסטער צוקונפט וועט אויסוואַקסען אונטער דער אָנפיהרונג פון דער „פעראייניגטער געזעלשאַפט" אַנ'אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פערבאַנד, וואָס וועט אַרומנעהמען אַלע אַרבייטער פון דער מאַשין-בוי-אינדוסטריע.

אין דעם אַלגעמיינעם סאָציאַל-פּאָליטישען קאַמפף פון ענגלישען פּראָלעטאַריאַט פאַר אַ בעסערע צוקונפט פערנעהמט איינעם פון די העכסטע ערטער די·עלביגע „פעראייניגטע געזעלשאַפט פון מאַשין-בויער" דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט — ב ע ר נ ס — איז איינער פון די בעוואוסטע מיטגליעדער אין דער „אונאַבהענגיגער אַרבייטער-פּאַרטיי", וועלכע די סאָציאַליסטען האָבען געגרינדעט אין 1893-טען יאָהר. ט אָ ם מ ע נ ן, ד ז ש אָ ן ב ע ר נ ס, די בעריהמטע טהוער אין דער ענגלישער אַרבייטער-בעוועגונג געהערען צו דעם מאַשין-בוי-פעראיין; דער פאָרשטעהער פון דער „אונאַבהענגיגער אַרבייטער פּאַרטיי" ק י י ר ה אַ ר ד י איז אויך אַ מאַשין-בויער.

די נאָהענטסטע פּראַקטישע אויפגאַבע פון דעם נייעם יוניאָניזם אין דער יעצטיגער צייט בעשטעהט אין דעם, מען זאָל זיך רערשלאָגען פון פּאַרלאַמענט, ער זאָל בעשטימען געזעצליך אַ נאָרמאַלען אַרבייטס-טאָג און אַ נאָרמאַלען אַרבייטס-לוין. די בעוואוסטע פאָרמולע פון די ענגלישע אַרבייטער זאָגט:

8 שעה אַרבייט, 8 שעה רוהע,

8 שעה שלאָפען, 8 שילינג (4 רובל) טאָג לוין.

דאָס זיינען די זאָגענאַנטע פיער אַכטעלען, וועלכע זיינען דער קאַמפפס-פּאַראָל פון נייעם יוניאָניזם. וואָס אָנבעלאַנגט די פאָדערונג פון 8 שילינג טעגליכען לוין, האָבען די אַרבייטער דאָס נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעשלאָגען דעם פּאַרלאַמענט און ביי די יעצטיגע בעדינגונגען וואָלט דאָס ניט געקענט האָבען קיין שום ערפאָלג. דעריבער מיינען אַ סך, אַז דאָס פיערטע אַכטעל האָבען די אַרבייטער מוסיף געוועזען גלאַט פון גראַם העגען.

ניט אזוי קוקט אבער אויף דעם די „פעראייניגטע געזעל־שאפט פון מאשין־בויער". איינגעפינענדיג אז עס איז אונמעגליך זיך צו דערשלאגען אנ'אלגעמיינעם געזעץ, וואס זאל פערזיכערען א געניגענדען לוין פאר אלע ארבייטער פון ענגלאנד, האט די געזעלשאפט זיך געמוזט בעגרענצען בלויז מיט זייער פראפעסיע, און אין דעם געביעט איז זי שוין געלונגען איבעראל צו בעשטימען די נארם פון ארבייטס־לוין; וועניגער פון דיזער נארם טאר קיין מיטגליעד פון פעראיין ניט נעהמען. אין מאנטשעסטער איז דער מינימום־לוין 64 רובל א חודש, אין גלאזגא 61, אין ליווערפול 68. אויף אזא אופן קומט אויס, אז דער קלענסטער לוין איז אויך העכער פאר 60 רובל א חודש. ס'פערשטעהט זיך, אז דאס איז נאך ווייט ניט קיין 8 שילינג א טאג, נאר דאך איז דאס שוין ניט קיין שלעכטער לוין, איבערהויפט פון אונזער רוסישען שטאנדפונקט.

„די פעראייניגטע געזעלשאפט פון די מאשין בויער" געהט אין די ערשטע רייהען פון ענגלישען פראלעטאריאט אין קאמפף פאר אנ' 8 שעה'דיגען ארבייטס־טאג. ערשט ניט לאנג אין יאהר 1897–98 האבען די מאשין־בויער אויסגעהאלטען א 7 חדש'ם'דיגען שטרייק און א לאקאוט (די אונטערנעהמער פערמאכען די פאבריקען) פאר די פערקירצונג פון ארבייטס־טאג פון 9 שעה אויף 8. אנגעהויבען האט זיך דער קאמפף אין מאי 1897. געענדיגט האט ער זיך ערשט אין פעברואר 1898 יאהר. דעם פראלעטאריאט האט זי געקאסט אנ'ערך 55 מיליאן רובל, די קאפיטאליסטען האבען היזק געהאט 50 מיליאן. אויף אזא אופן קומט אויס, אז די קאלאסאלע אינדוסטריעלע מלחמה האט געקאסט איבער הונדערט מיליאן רובל. דא איז דייטליך ארויסגעטראטען דער קלאססען־כאראקטער פון דעם קאמפף צווישען די ארבייטער און אונטערנעהמער. דער קאמפף פון אנ'איינצעלנעם פאבריקאנט מיט זיינע ארבייטער געהט אלע מעהר אראב אויף דעם הינטערשטען ארט; זיין ארט פערנעהמט דער קאמפף פון דעם ארגאניזירטען קלאסס קאפיטאליסטען מיט דעם ארגאניזירטען ארבייטער קלאסס.

דער לעצטער קאמפף פון די מאשין–בוי–ארבייטער צוזאמען מיט נאך אזעלכע ערשיינונגען האט איבערהויפט געהאט זעהר א

גרויסען איינפלוס אויף דעם וויטערען גאנג פון דער ארבייטער=בע= וועגונג אין ענגלאנד. נאר דער שטארקסטער ארבייטער=פער= איין אין ענגלאנד איז געוועזען בכח ווידער צושטעהן דעם אנפאל פון דעם אונטערנעהמער=פערבאנד אויף זיינע רעכטען. איהם איז אבער אויסגעקומען זיך אבזאגען פון זיינע פריהערדיגער הויפט=פא= דערונג — ד״ה 8 שעה׳דיגען ארבייטס=טאג. אין דעם הינזיכט האט דער אינטערנעהמער=פערבאנד ניט נאכגעגעבען ניט אויף א האר.

נאך אלעם דעם ווערט דעם דענקענדען ארבייטער קלאהר, אז די טהעטיגקייט פון די ארבייטער=פעראיינען אליין איז ניט גענוג צו פארבעסערען אפילו די עקאנאמישע לאגע פון די ארבייטער. קודם כל ווערט קלאהר, אז אנ׳ 8 שעה׳דיגער ארבייטס=טאג מוז ווערען געזעצליך בעשטימט. דערפון אליין קען מען שוין ארויס דרינגען די נויטווענדיגקייט פון פאליטישען קאמפף פאר דעם ארבייטער קלאסס, די נויטווענדיגקייט פון א זעלבסטשטענדיגען ארבייטער=פארטיי.

דיעזע אידעען זיינען שוין טיעף אריינגעדרונגען אין די ענגלישע ארבייטער=פעראיינען. אזוי אויף דעם צוזאמענפאהר פון די פעראיינען (אין סעפטעמבער 1899 יאהר) איז די פאדערונג וועגען א געזעץ פון אנ׳ 8 שעה׳דיגען ארבייטס=טאג אנגענומען געווארען מיט א גרויסער מעהרהייט: 587.000 געגען 171.000 שטימען.*) דער איינציגער צוזאמענפאהר האט אויך אנגענומען מיט 546 טויזענד געגען 434 שטימען זעהר א וויכטיגען בעשלוס, וועלכער טראגט א ריין פאליטישען כאראקטער. „דעם פארלאמענט׳ס קאמיטעט", ד.—ה., דעם שטענדיגען אויספיהרונגס=ארגאן פון דעם פעראיינס צו= זאמענפאהר, האט מען געגעבען אנ׳אויפטראג אריינצוטרעטען אין פערבינדונג מיט אלע ארבייטער=ארגאניזאציעס מיט דעם ציעל צוזא= מענצורופען אנ׳אלגעמיינעם צוזאמענפאהר פון אלע פארטרעטהער פון די כאציאליסטישע ארגאניזאציעס, ארבייטער=פעראיינען, קאנסום=און פראדוקטיוו=גענאסענשאפטען, וועלכע זאלען אויסארבייטען מיטלען און וועגען צו ערדייכען א בריטערען ארבייטער=פארשטאנד אין קומענדעם פארלאמענט. דאס הייסט, אז די ארבייטער=פעראיינען

*) יעדער דעלעגאט האט אזוי פיל שטימען, וויפיעל מיטגליעדער עס האבען איהם אויסגעוועהלט.

הויבען אן צו פערבינדען אלע פראלעטארישע קרעפטען אין ענגלאנד מיט דעם צוועק זיי צו ארגאניזירען אויף פאליטישען קאמפף.

פון דער אנדער זייט ווייטער, האט די ערפאהרונג פון די לעצטע יאהרען בעוויזען אז די יעהרליכע צוזאמענפאהרען פעריבערען גאנץ וועניג די איינהייט אין קאמפף אז עס דעריבער נויטיג א שטענדיגע אלגעמיינע ארגאניזאציע פון אלע פעראיינען. מיר וויסען, אז די ערשטע פראבען צו גרינדען אזא אלגעמיינע ארגאניזאציע איז נאך פארגעקומען אין די 30־ער יאהרען. דאמאלסט האט דאס ניט געקענט געלונגען צוליעב דעם אליין, וואס די אלגעמיינע ארגאניזאציעס האבען נאך נישט געהאט אונטער זיך א פעסטען פונדאמענט אין די איינצעלנע שטארקע ארגאניזאציעס. יעצט זענען שוין די איינצעלנע פעראיינען פעסט אוועקגעשטעלט און זיי נויטיגען זיך שוין אין א שטענדיגער פעראייניגטען ארגאניזאציע, כדי צו קענען מיט ערפאלג פיהרען א קאמפף מיט די אונטערנעהמער־פערבאנדען, וועלכע ווערען אלע טאג שטארקער. יעצט איז די פעראייניגונגס־ארגאניזאציע א אונפערמיידליכער רעזולטאט פון א 50־יאהריגען וואוקס און א 50־יאהריגען קאמפף. די פעראייניגונג פון די פערבאנדען אין די איינצעלנע אינדוסטריעלע צווייגען פון גאנצען לאנד איז מעהר אדער וועניגער פערענדיגט, ווי אויך די ארטיגע פעראייניגונג פון די פערבאנדען פון פערשיעדענע אינדוסטריעלע צווייגען אין בעזונדערע גרויסע צענטרען. איצט פערבלייבט נאר צו בעשאפען א פעראייניגטע ארגאניזאציע, וועלכע זאל ארומנעהמען אלע פעראייניגטע פערבאנדען פון אלע פראדוקציאנס־צווייגען.

דעם פונדאמענט פון אזא ארגאניזאציע האט מען שוין געלעגט אויף א בעזונדערען צוזאמענפאהר אין יאנואר 1899 יאהר. אין ערשטען יאהר פון זיין עקזיסטענץ האט די אלגעמיינע פעדעראציע פון די ארבייטער־פעראיינען צוגעצויגען אנ׳ערך פון 360 טויזענד פעראיינס־מיטגלידער, וועלכע האבען אריינגעטראגען אין דער קאסע פון דער פעדעראציע אנ׳ערך פון 13.000 רובל איינטריטס־געלד. די פעדעראציע נעהמט פארלייפיג ארום נאר א פיערט–חלק פון די $1\frac{1}{2}$ מיליאן ארגאניזירטע ענגלישע ארבייטער. דאס איז טאקע ניט קיין סך, נאר יעדער אנפאנג איז שווער. אלעס פיהרט צו דער פערשטארקונג פון דער פעדעראציע,

צו דער צוזאַמענשמעלצונג פון אַלע פעראײנען אין אײן אַלגעמײנער אָרגאַניזאַציע.

אויף דעם צוזאַמענפאָהר פון דער „אַלגעמײנער פעדעראַציע", װעלכע איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1900 אין בירמינגהאַם האָבען 50 דעלעגאַטען פאָרגעשטעלט אַנ'ערך 380 טױזענד אַרבײטער, אין די קאַסע פון דער פעדעראַציע האָט שױן פערמאָגט אַנ'ערך 800 טױזענד רובל.

די טיכטיגסטע און װיכטיגסטע אָנהענגער פון דער פעדעראַציע זענען די פאָרטגעשריטענע עלעמענטען פון די פעראײנען, װי די גאַז=אַרבײטער און מאַשין-בױער. די לעצטע האָבען אין דעם שטרײק פון יאָהר 1897—98 אויף זיך אַלײן בעמערקט, אַז די אָבגעזונדערטקײט פון די אַרבײטער פעראײנען בעשװערט דעם קאַמפּף געגען די אונטערנעהמער=פערבאַנדען. די גרעסטע שטערונג אויף דעם װעג צו דער פעראײניגונג איז די אָבגעזונדערטקײט פון דעם „אַלטען יוניאָניזם", די אָבגעזונדערטקײט פון די פּריװילעגירטע שיכטען פון די אָרגאַניזירטע אַרבײטער. נאָר ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז נאָר אַ צײטװײליגע שטערונג. די ענטװיקלונג פון דער אינדוסטריע=טעכניק אין ענגלאַנד שטױסט אַלץ מעהר אַרױס די פּריװילעגירטע אַרבײט פון די מעהר קינסטליכע אַרבײטער און פערבײט זי מיט דער פּשוטער אַרבײט פון די „מאַשין=מענשען"; פון דער אַנדערער זײט, װײטער, פיהרט די ענטװיקלונג פון דער װעלט=אינדוסטריע אונפערמײדליך צו דער פאָלשטענדיגער פערניכטונג פון ענגלאַנדס פּריװילעגירטע לאַגע אויף דעם װעלט=מאַרק. צוליעב דעם װערט אויך פערניכטעט די גינסטיגע לאַגע פון די מעהר=געלעהרנטע אַרבײטער=שיכטען אין ענגלישען פּראָלעטאַריאַט. דורך אָט די אומענדערונגען האָט דער אַלטער יוניאָניזם, װי מיר האָבען שױן געזעהען, פערלאָרען זײן פריהערדיגע קראַפט אין דער צײט, װען דער נײער יוניאָניזם און די סאָציאַליסטישע אידעען פערברײטערן זיך אַלץ מעהר אין די רײהען פון די אַרבײטער-פעראײנען. די אײגענע אורזאַכען, װעלכע האָבען אָבגעשװאַכט דעם אַלטען יוניאָניזם, װעלען זיכער װירקען אויך װײטער און װעלען אין גאַנצען מציל זײן די ענגלישע אַרבײטער בעװעגונג פון די בורזשואַזע פאָראורטהײלען און צעכען-אָבגעזונדערטקײט פון דער „אַרבײטער=אַריסטאָקראַטיע".

דִי אויסגעֶוואַקסענע פעֶדעֶראַציעֶ פוּן דִי אַרבּײַטעֶר־פעֶראַיינעֶן און דִי שטרעֶבּונג צוּ אַ זעֶלבּסטשטעֶנדיגעֶן פּאָליטישעֶן קאַמפּף צוזאַמעֶן מִיט דִי סאָציאַליסטישעֶ אָרגאַניזאַציעֶס — אַט דִי נייעֶ ערשיינונגעֶן פוּן טרעֶד־יוניאָניזם בּעֶצײַכעֶנעֶן שוין קלאָהר דעֶם וועֶג פוּן דעֶר ווײַטעֶרעֶר עֶנטוויקלונג. דעֶר וועֶג פיהרט צוּ דעֶר פעֶראייניגונג פוּן דעֶם ענגלישעֶן פּראָלעֶטאַריאַט אויף דעֶם עֶקאָנאָמישעֶן און פּאָליטישעֶן בּאָדעֶן מִיט דעֶם ציעל צוּ פיהרעֶן אַ בּעֶוואוסטזיניגעֶן און אָרגאַניזירטעֶן קאַמפּף פאַר דִי פּאָלעֶ בּעֶפרייאונג פוּן דעֶם אַרבּײַטעֶר־קלאַס פוּן דעֶר קאַפּיטאַליסטישעֶר העֶרשאַפט, פאַר דִי פעֶרווירקליכונג פוּן דעֶר סאָציאַליסטישעֶר אָרדנונג.

אינהאלטס־פערצייכניס.

I. דער אנפאנג פון דער גרויס=אינדוסטריע.......... זייטע 3

II. די אינדוסטריעלע איבערקעהרעניש אין 18=טען יאהר=הונדערט.............................. „ 9

III. די ענטשטעהונג פון די ארבייטער=פעראיינען......... „ 12

IV. די ארבייטער=פעראיינען אין 19=טען יאהר=הונדערט „ 22

V. די גרויסע נאציאנאלע פעראיינען.................. „ 33

VI. די פעראיינען פון די געלערנטע ארבייטער .... „ 55

VII. דער נייער און אלטער יוניאניזם .... „ 82

VIII. דער היינטיגער צושטאנד, די אלגעמיינע ריכטונג (טענדענציעס) און די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון די ענגלישע ארבייטער=פעראיינען .... „ 99